STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03140

ON OYSRUF-TSEYKHNS

Itzhak Yanasowicz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק יאַנאַסאָוויטש / אָן אויסרוף־צייכנס

יצחק ינסוביץ
בלי סימני קריאה

ITZCHAK JANASOWICZ

ON OISRUF - ZEICHNS

(E S A f S)

פאַרלאַג „ה מ נ ו ר ה"
רח' זנגביל 24 תל־אביב,
י ש ר א ל

„Hamenora" Publishing House
24 Zangvil Str. Tel Aviv

נדפס בישראל 1975
Printed in Israel

אלע רעכט געזיכערט

©

דפוס „ראש פינה"
רח' ראש פינה 19
ת ל ־ א ב י ב

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אָן אויסרוף־צייכנס

עסייען און פעליעטאָנען

פאַרלאַג „המנורה" תל אביב
1975 — תשל"ה

דאָס דאָזיקע בוך דערשיינט מיט דער הילף
פון די פֿאָלגנדיקע אַרגענטינער פֿריינד וועלכע
דער מחבר דריקט אויס זיין האַרציקן דאַנק:

אשר איינשטיין, ע״ה.
הערמאַן באַנעט
משה בערמאַן
מאיר גלאָגער
מאַטיס גאָלדפֿאַרב
יודל גאָלדפֿאַרב
אַלעקסאַנדער און ערנאַ גוראלי
משה האָניק
מיכאַל זעמעלמאַן
קלוב „חברשאַפֿט״
הירש לאזניק
יהודה מאָשקאָוויטש
לעאָן מיטעלמאַן
מאטיע מייזליש
אהרון און חנה פּאַטליס
פּייגין
י. פּוקס
מאיר ראַדושינסקי
זעליק און האָדע שאַר
י. שטורמאק
משה שפּרינבערג

אַ באַזונדערן דאַנק די פֿריינד צבי פֿיינגערש
און וויקטאָר קופּער פֿאַר זייער מיטהילף
ביים רעאַליזירן די דאָזיקע אויסגאַבע.

I

ליטעראַטור, קונסט און נאָך עפּעס...

ליטעראַטור און מאָראַל

פאַר אַ שרייבער, דערצו נאָך פאַר אַזאַ וואָס האָט שוין מיט זיין שרייבן דערגרייכט די פּאָזיציע פון הויכער אָנערקענונג, איז נישט גרינג עפנטלעך מודה צו זיין, אַז די ליטעראַטור איז נישט דאָס איבערשטע פון שטייסל אין גייסטיקן שאַפן פונעם בן־אָדם. פונדעסטוועגן האָט שוין נישט איינמאָל געטראָפן, אַז דווקא שרייבער וואָס זייערע נעמען האָבן פאַרקלונגען די וועלט, האָבן רעוואָלטירט קעגן דער ליטעראַטור און האָבן בפני כל עם ועדה אויסגעדריקט זייער אַנטוישונג אין איר מאָראַלישן ווערט פאַר דער מענטשהייט.

איינער פון די גרעסטע ביישפּילן אין דעם פרט איז דער גאון פון דער רוסישער פּראָזע, לעוו טאָלסטאָי. דווקא דעמאָלט ווען דער דאָזי־זיקער שרייבערישער ריז האָט זיך געפונען אויפן העכסטן שפּיץ פון זיין רום, האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערציילן דער וועלט, אַז ער האָט אין דער קונסט בכלל און אין דער ליטעראַטור בפרט נישט געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. ער האָט געזוכט אַן אינסטרומענט צו דערציען דעם מענטשן, צו פאַרבעסערן דאָס מענטשלעכע צוזאַמענלעבן, צו שאַפן אַ געזעלשאַפט, געשטיצט אויף צדק און מאָראַל און ער האָט אויפן שוועל פון זיין לעבנס־שקיעה איינגעזען, אַז די ליטעראַטור איז נישט דער דאָ־זיקער אינסטרומענט און זי אייגנט זיך נישט פאַר די דאָזיקע דערהויבענע צילן. ער איז דערפאַר אַוועק פון איר אַ פאַרביטערטער און האָט נישט ווייניק געליטן דערפון וואָס ער האָט, סוף כל סוף, פאַרשטאַנען אַז זיין רעוואָלט איז געקומען צו שפּעט און אַז קיין שום זאַך וועט שוין נישט קענען איבעררייסן זיין אייביקע פאַרבינדונג מיט דעם דאָזיקן גייסט־גע־ביט, וואָס ער האָט, אין זיין לעצטער דערקענטעניש, געפּרוווט אָפּפרעגן איר רעכט צו באַטראַכטן זיך ווי אַ חלק אלוקים ממעל, ווי אַ טייל פון

דעם געטלעכן פלאַם, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו באַלייכטן דעם מענטשנס לעבן.

מען קאָן נישט האָבן קיין טענה צו שרייבער פאַרוואָס זיי זענען פאַרבלענדט פון זייער עובדה און באַטראַכטן זי ווי אַ הייליקע עבודה. כ'האָב דאָ נישט לאַנג זיך אַריינגעלייענט אין דער ביאָגראַפיע פון אברהם מאַפּו, דעם שעפער פון „אהבת ציון", „אשמת שומרון" און „עיט צבוע" און איך בין לגמרי נישט פאַרוואונדערט געוואָרן ווען כ'האָב אויסגעפונען, אַז ער האָט דאָס בעלעטריסטישע שאַפן געהאַלטן פאַר דער סאַמע גרעסטער און נוצלעכער גייסט־אַקטיוויטעט ביי יידן. מיט אַפּענעם ביטול האָט ער געקוקט אויף אַלע אַנדערע אינטעלעקטועלע אַקטיוויטעטן און האָט זייערע אַקטיוויסטן באַצייכנט ווי פאַרפאַלענע בטלנים. אברהם מאַפּו, ווי טויזנטער שרייבער פאַר אים און טויזנטער שרייבער נאָך אים, האָט געהאַלטן, אַז אָנשרייבן אַ ראָמאַן איז דער סאַמע גרעסטער אויפטו און די סאַמע וויכטיקסטע און נוצלעכסטע שליחות פאַר דעם מענטשן. אמת, אַן אינזשיניער, אַ דערפינדער, אַ דאָקטאָר וכדומה, טוען אויך וויכטיקע און נוצלעכע זאַכן פאַרן מענטש. אָבער ווי קומען זיי אַלע, מיט זייערע הייל־מיטלען, מיט זייערע דערפינדונגען און מיט זייערע פאָרשונגען, צו דעם שרייבער וואָס טאַקט אייך אָפּ אַ ריטמיש געדיכט אין טאָפּלטע גראַמען? אוודאי זענען פאָרשערס, היסטאָריקער, דערפינדער נויטיק, אָבער זיי זענען, סוף כל סוף, נישט מער ווי דאָס ביסל האַלץ וואָס מיר דאַרפן כדי אָפּצוקאָכן אונדזער מאכל. דער שרייבער אָבער, דער פּאָעט, דער ראָמאַניסט, ער איז דאָס זאַלץ און דער האָניק פון דער לעבנס־סעודה, די זיסקייט אויף אונדזער גומען, די פרייד פון אונדזער לעבן. וואָס פאַראַ פאַרגלייך איז צווישן דעם וואַסער פון דער וויסנשאַפט און דעם וויין פון דער ליטעראַטור? וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז צווישן דעם גייסטיקן בעל מלאכה און דעם גאָט־געזאַלבטן קינסטלער?

דאָך, ביי דער אייביקער און נאַטירלעכער פאַרגלויבטקייט פון יעדן שרייבער אין דער העכסטער וויכטיקייט פון דער ליטעראַטורס שליחות, געפינען זיך פון צייט צו צייט שרייבער וואָס נעמען זיך אונטער צו גיין קעגן די אָנגענומענע מיינונגען פון זייער באַרוף־שבט. די דאָזיקע שרייבער צווייפלען, הייסט עס, צי די ליטעראַטור איז טאַקע אַזאַ מורה

מורינו און צי זי פאַרדינט טאַקע אַט די אַלע קרוינען וואָס אירע אַדעפּטן האָבן איר אָנגעטאָן מיט זאַלבונג אויפן קאָפּ.

מיר האָבן פריער דערמאָנט דעם גאון לעוו טאָלסטאָי. קיינער וועט חלילה נישט זאָגן, אַז זיין אָפּפרעג פון דער ליטעראַטורס בכורה שטאַמט פון אַ וועלכער עס איז פאַרביטערונג, אַן אַרויסגערופענע דורך אומ־הצלחה. וואָרעם ווער האָט נאָך דערגרייכט העכערע שפּיצן פון רום מיט זיין שרייבן ווי לעוו טאָלסטאָי? ווע מען האָט דאָס ליטעראַרישע מזל נאָך מער געוואָרעמט ווי אַט דעם אַלטן גאָט־זוכער און מענטש־קענער?

דאָס זעלבע קען מען, אין אַ געוויסן זין, זאָגן וועגן אונדזער יצחק באַשעוויסן, וואָס געהערט צו די געציילטע שרייבער ביי אונדז, וועלכע האָבן אויך זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז מיט דער וויכטיקייט און מיט דער נוצלעכקייט פון דער ליטעראַטור איז גאָרנישט אַזוי פויגלדיק. דערביי קען מען אויך אויף באַשעוויסן חלילה נישט זאָגן, אַז זיין אַפּי־קורסות אין דער ליטעראַטור קומט פון פאַרביטערונגס־קוואַלן. וואָרעם נאָך אַלעמען, ווער האָט נאָך דערגרייכט אַזאַ גדולה און אַזאַ כבוד־פּאָזי־ציע אין דער ליטעראַטור ווי ער? ווער איז נאָך אַזוי אָנערקענט געוואָרן דווקא פון דער ברייטער גוייִשער וועלט ווי אַ גרויסער יידישער שריי־בער, ווי ער?

ניין, נישט קיין פאַרביטערונג צוליב פּערזענלעכער אומהצלחה אויפן ליטעראַרישן געביט ברענגט יצחק באַשעוויסן צום געדאַנק, אַז די גוטס־טוענדיקע ראָל פון דער ליטעראַטור פאַרן מענטש און זיין לעבן איז שטאַרק איבערגעטריבן געוואָרן. אים ברענגט צו דעם דאָזיקן געדאַנק דער זעלביקער אימפּולס וואָס האָט טאָלסטאָיען דערפירט צו זיין מרידה קעגן דער קונסט. ווייל פּונקט ווי דער גאון פון „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ" האָט אויך ער, באַשעוויס, לכתחילה געטראַכט, אַז די ליטעראַטור איז אַן אינסטרומענט איבערצודערציען דעם מענטש און ווען ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי איז דאָס נישט, האָט ער גענומען אָפּפרעגן איר רעכט צו באַטראַכטן זיך ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אונדזער גייסטיקן אויג און האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז די ראָל פון דער ליטעראַטור איז נישט קיין דערציערישע, נאָר אַ פאַרווייַלערישע.

דער חשובער דיכטער, מלך ראַוויטש, וועלכער זוכט אין דער ליטע־

ראַטור דעם עטיש־דערציערישן כוח, ווייל נישט מסכים זיין מיט זיין בר פלוגתא, אַז אויפן געביט פון מאָראַלישער דערציאונג האָט די קונסט ביז איצט זייער ווייניק דערגרייכט, אָבער איך זע נישט, אַז ער זאָל האָבן אַנטקעגן צו שטעלן באַשעוויסן וועלכע עס איז ממשותדיקע אַרגומענטן, אַ חוץ זיין אייגענעם גוטן ווילן. נו, פאַר ראַוויטשעס מאָראַלישע שטרע־בונגען וועלכע ער וויל זען ווי אַ טייל פון דער ליטעראַטור, נעמען מיר אַראָפּ דאָס היטל, אָבער עס איז דאָך פאַרט נישט מער ווי אַ גוטער ווונטש, מיט וועלכן די פאַקטן רעכענען זיך ווייניק.

ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַ גרויסער קינסטלער זאָל זיין אַן אוממאָראַלישער מענטש און שאַפן גרויסע קינסטלערישע ווערק, וועלכע זענען להיפוך צו די מאָראַל־צילן פון דער מענטשהייט? ווי אַזוי איז „טאַראַס בולבא" אַ גרויס קונסט־ווערק בעת עס אָטעמט מיט שנאה צו אַלערליי פעלקער און צו יידן איבערהויפּט? ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז הונדערטער און הונדערטער גרויסע ווערק זאָלן אַנשטאָט צו באַ־קעמפן די חיהשע אינסטינקטן אינעם מענטש. זיי גאָר סטימולירן און נאָך מער אַרויסרופן אויף דער אויבערפלאַך?

קיינער קען נישט לייקענען, אַז גאָגאָל איז אַ גרויסער קינסטלער. אַז וואַגנער איז אַ גרויסער מוזיקער. עס איז לעכערלעך צו באַהאַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד און צו שרייען (ווי דאָס האָט געטאָן יעקב גלאַט־שטיין ע"ה), אַז וויבאַלד איינער איז געוורען אַן אַנטיסעמיט איז שוין זיין ווערק נישט קיין גרויס קונסט־ווערק; אַז ווי באַלד איינער אַנטפּלעקט אין זיין שרייבן דעגענערירטע פּערווערזיטעט, איז זיין ליטעראַטור קיין ליטעראַטור נישט. אָבער וויבאַלד אויך דאָס איז ליטעראַטור, טאָ מיט וועלכע רעכט קען זיך די קונסט באַטראַכטן פאַר דעם שמן זית פון מענטשלעכן גייסט?

די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע און די גאַנצע מענטשלעכע קולטור שטרעבן צו איין און דעם זעלבן ציל: צו אַנטחיהשן דעם מענטש. דאָס איז דער זין פון יעדער רעליגיע און דאָס איז אויך דער זין פון יעדער מאָראַל. צי איז דאָס אויך דער ציל פון יעדער קונסט און ליטע־ראַטור? ווען דאָס וואָלט אַזוי געוורען וואָלט גאָגאָל נישט געקענט זיין קיין גרויסער קינסטלער און וואַגנערס מוזיק וואָלט פון די מוזיק־ליבהאָבער

נישט באַצייכנט געוואָרן ווי געטלעך. הייסט עס, אַז, אין תוך גענומען, קען אויך אַן אַנטי־מאָראַליש ווערק זיין קונסט; הייסט עס אַז מען קען זיין אַן אַנטיסעמיט, און שאַפן גרויסע ליטעראַטור... טאָ וואָס איז דער יחוס מיט דער ליטעראַטור אַזוי גרויס?

אַנאַליזירנדיק אויף דעם אופן די ליטעראַטור קומען אַ סך צום אויספיר אַז אפשר, ווער ווייסט? אפשר איז די קונסט בכלל און די ליטעראַטור בפרט אַנטימאָראַליש אין איר מהות? אפשר איז איר כוח אין דעם וואָס זי אַפּעלירט צו דער חיה אין אונדז? וואָס זי צערייצט אונדזערע אינסטינקטן פון שנאה און סעקס? אַ ראיה לדבר: ווי נאָר איינער ווערט אויף אַ דירעקטן אופן, ווי טאָלסטאָי, אַ מאָראַליסט, אַזוי פאַר־לירט ער באַלד זיין קינסטלערישן צוזי־כוח. צי געשעט דאָס נישט דערפאַר ווייל פון דער קונסט ווילן מיר נישט קיין מאָראַל נאָר דאָס פאַרקערטע?

דאָס עיקר־פּראָבלעם איז: לערנט אויס די קונסט, די ליטעראַטור דעם מענטשן לעבן בעסער און שענער, מאָראַלישער און יושרדיקער? וועט איין פאַרשווין זיך אָפּהאַלטן פון פאַרגוואַלדיקונג נאָך דעם ווי ער וועט לייענען אַ קינסטלעריש־געשילדערטע פאַרגוואַלדיקונגס־סצע־נע אין אַ בוך? וועט איין מענטש זיך אָפּהאַלטן פון פאַרברעכן נאָך דעם ווי ער לייענט איבער דאָסטאָיעווסקיס בוך „פאַרברעכן און שטראָף״? ווערט דער מענטש באַווירקט כאָטש אויף איין פּראָמיל פון דער ליטעראַטור לטובת דעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן ווי דורך דער מורא פאַר גאָט, אָדער דעם געזעץ? און אויב אַזוי, טאָ וואָס איז ליטעראַטור? איז זי עפּעס מער ווי אַ שפּיל פאַר מענטשן וואָס גיט אים פאַלשע אילוזיעס וועגן זיך, בעת אין לעבן איז ער גאָר אַן אַנדערער? העלפט די ליטעראַטור דורך אָט די אילוזיעס צו מאָראַלישער לייטע־רונג? צו אַן עטישער איבערדערציונג?

„ערנסט איז דאָס לעבן, הייטער איז די קונסט״ — האָט פרידריך שילער געזאָגט. לויט דער דאָזיקער דעפיניציע האָט די קונסט, די ליטעראַטור בתוכה, גאָרנישט קיין אויפגאַבע צו ענדערן דאָס לעבן. זי דאַרף נאָר געבן דעם מענטשן הייטערקייט דורך אילוזיע, דורך שפּיל, דורך אָוועקפירן אים פון דעם לעבנס־ערנסט און דורך אַריינפירן אים

אין אַן אָלימפּישער וועלט. אויב דאָס זאָל זיין אמת, דאַן ווערט פאַר־שטענדלעך פאַרוואָס די גלאָריפיקאַציע פון מענטשן־שנאה קען זיין היוכע קונסט. פאַרוואָס אוממאָראַלישע סעקס־פּערווערזיטעט קען זיין היוכע ליטעראַטור. נאָך אַלעמען איז עס נישט מער ווי אַ שפּיל און פון שפּיל פאַרלאַנגען מיר נישט קיין מאָראַל. אין שבט מוסר ציטערט מען איבער דעם לעבן פון יעדן מענטשן, אָבער אין דעם גענ‍יאַלן שעקספּיר־שפּיל איז דאָס באַגיין אַ מאָרד פּונקט ווי אויפעסן אַן עפּל.

אויב מען זאָל גיין קאָנסעקווענט אויף דער דאָזיקער ליניע קען מען זאָגן, אַז די קונסט איז אַ מין אָפּיום, אַ מין שכרות, וואָס פירט דעם מענטשן אַוועק פון דער ווירקלעכקייט. דערפון קען מען קומען צום אויספיר, אַז וואָס שטאַרקער און וואָס בעסער אַ קינסטלער שילדערט די רעאַליטעט, אַלץ מער פעלשט ער זי, אַלץ מער הויבט ער אין איר אַרויס דאָס וואָס דאַרף אונדז רייצן און פאַרשפּילן. דאָס אַליין איז אַ גענוגנדיקער אַמאָראַלישער אַקט.

אפשר איז די דאָזיקע דערקענטעניש געווען די סיבה צוליב וועלכער פּלאַטאָן האָט די קונסט געשטעלט אויף דעם נידעריקסטן שטאַפּל פון דעם ווערטן־לייטער? אפשר צוליב דעם האָט ער די קינסטלער נישט צוגע־טיילט קיין אָרט אין דער פירונג פון זיין אידעאַלער מלוכה?

די ליטעראַטור איז גרויס! די ליטעראַטור איז הייליק! אָבער מיט וואָס איז זי גרויס און מיט וואָס איז זי הייליק? מיט וואָס העלפט זי דעם מענטש ווירקלעך באַזיגן די חיה אין זיך? זי העלפט אים אפשר בלויז זיך שאַפן די פאַלשע איינרעדעניש, אַז ער איז עפּעס מער ווי די חיה. אָבער וואָס טוט זי, אַז ער זאָל ווירקלעך באַקומען אַן עקל צו זנות, צו מאָרד און צו רשעות?

אַז מען קוקט אַזוי אויף דעם ענין קען מען קומען צום אויספיר, אַז די ליטעראַטור האָט זיך נישט מיט וואָס איבערצונעמען, ווייל איין מוסר־ספר, געשריבן אין אַן קוצן־סטיל און אָן שום ליטעראַרישע פּרעטענזיעס, העלפט מיט זיין גלויבן אין גאָט און אין גיהינום, טויזנט מאָל מער דעם מענטש מאָראַליש זיך לייטערן, ווי די גרעסטע קונסט־ווערק, וועלכע זענען צוליב זייער כאַראַקטער אַמאָראַליש.

נו, אוודאי גיב איך זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז די דאָזיקע הנחות

זענען געגוג איינזייטיק און מען קאָן געפינען אַ שלל מיט אַרגומענטן כדי זיי אָפּצופרעגן און כדי צו באַווייזן זייער היפוך. און דאָ איז גענוג צו דערמאָנען אַריסטאָטעלס׳ דיסקוסיע מיט פּלאַטאָנען וועגן דער קאַטאַרזיס ראָל פון דער קונסט און נאָך אַנדערע מיינונגען פון אנשי שם וועגן דעם ווערט פון דער ליטעראַטור. עס איז אָבער גענוג דער פאַקט וואָס אַט די קונסט־דעטראָניזירנדיקע מיינונגען ווערן גאַנץ אָפט אַרויסגעבראַכט דורך שרייבער, און דווקא דורך גרויסע שרייבער, כדי מיר זאָלן אויף אַ רגע נעמען צווייפלען אין דער מאָראַלישער עובֿדה פון דער קינסטלערישער שאַפונג און לכל הפחות איבער איר אָוועקשטעלן דעם גרויסן פרעגצייכן פון אַן אָפענער דיסקוסיע.

תורה און חכמה

מעג מען טרינקען פון אַ שמוציקער כלי, אויב דאָס געטראַנק איז געשמאַק? ביי ייִדן האַלט מען אַז נישט.

נאָר אין איין פאַל, ווייסן מיר, האָט ר׳ מאיר געלערנט תורה ביי אַ מענטש וואָס האָט אַליין די תורה נישט אָפּגעהיט און ווען מען האָט אים וועגן דעם געמאַכט אַ פאָרוווּרף, האָט ער געענטפערט, אַז ער עסט אויף דעם קערן און וואַרפט אַוועק דאָס שאָלעכץ. אין כלל גענומען האָט מען אָבער ביי ייִדן געהאַלטן, אַז ריינער קערן מוז זיך געפינען אין אַ ריינער שאָלעכץ. זענען טאַקע פאַראַן אַ סך באַווייזן, אַז כאָטש ר׳ מאיר איז פאַרערט געוואָרן דורך זיינע מיטצייטלערס און איז אויך פאַרהייליקט געוואָרן דורך די שפּעטערדיקע דורות, האָט מען אים אָבער דעם חטא פון לערנען און חברן זיך מיט אלישע בן אבויה נישט מוחל געווען און הגם מען האָט אָנערקענט זיין גרויסן לומדישן אויטאָריטעט, האָט מען אין אַ רוב פאַלן נישט געפּסקנט די הלכה לויט זיינע רייד און מען האָט אים נישט אַלע מאָל דערמאָנט ביים נאָמען ווען זיינע רייד זענען ציטירט געוואָרן.

ביי ייִדן איז געווען אַ הויכע באַציאונג צו לומדות, מען קען זאָגן, אַז ס׳איז געווען אַ לומדות־קולט. אַ ממזר אַ תלמיד־חכם איז אַפילו מאָל געשטעלט געוואָרן העכער ווי אַ כהן אַן עם־הארץ. אָבער דאָס איז נאָר געווען טעאָרעטיש, היפּאָטעטיש. אין דער ווירקלעכקייט האָט דער גרעסטער תלמיד־חכם באַלד פאַרלוירן אַלע זיינע זכיותן, קוים האָט ער זיך אויפגעפירט שלא כהוגן. פּרעכטיק שילדערט עס יצחק באַשעוויס אין איינעם אַ קאַפּיטל פון „מיין טאַטנס בית־דין שטוב". עס קומט צופאָרן אַ ייִד וועלכער נעמט זיך שמועסן אין לערנען מיט זיין פאָטער. וואָס

מער דער פרעמדער ייד ווייזט אַרויס זיין בקיאות און חריפות, אַלץ מער וואַקסט די באַגייסטערונג פון זיין פאָטער און ער ווייסט גאָרנישט וואָס צו טאָן מיט אָט דעם געהויבענעם גאַסט. אָבער אַז דער גאַסט צע־רעדט זיך און תוך כדי דיבור אַנטפּלעקט זיך, אַז דער תורה־וויין זיינער געפינט זיך אין אַ זייער אַ שמוציקער פאַס, ווערט באַשעוויסעס טאַטע כהרף עין איבערגעביטן און ער הייסט מען זאָל דעם פרעמדן פאַרשוין אַוועקגעבן דאָס געלט פון שטוב אַבי ער זאָל אַוועקגיין, פאַרשווינדן פון די אויגן. די דערפאַרונג אַז אין אַזאַ געמיינעם מענטשן געפינט זיך אַזאַ ליכטיקע קענטעניש, רופט אַרויס ביי דעם פרומען יידן אַ פּיין, געפּאָרט מיט עקל וועלכן ער קען נישט גובר זיין.

איז דערפאַר נישט געווען געמאָלט אַז אין דער אַלטער יידישער וועלט זאָל אַ מענטש באַקומען אַ פּאָזיציע פון באַרימטקייט מיט זיין קענען לערנען, אויב ער אַליין האָט זיך נישט אויפגעפירט אין הסכם מיט דעם וואָס איז געלערנט געוואָרן. ער האָט געמעגט זיין דער גרעסטער חריף, דער גרעסטער בקי, דער וווּנדערלעכסטער מחדש חידושים, טאָ־מער האָט ער זיך נישט געפירט לייטיש האָט מען פון זיין מויל קיין תורה נישט אָנגענומען און זיינע המצאות האָט קיינער נישט איבער־געחזרט. אין דער שטיל, צווישן זיך, האָט מען אַמאָל געקענט באַדויערן וואָס אַזאַ „גוטער קאָפּ" איז נכשל געוואָרן דורכן שטן און איז אויסגע־גאַנגען לתרבות רעה. אָבער עפנטלעך האָט מען פון אים זיך אָפּגע־גרענעצט און מען האָט אים צוזאַמען מיט זיין תורה געהאַלטן פאַר צען מאָל טמא.

ביי די פעלקער פון דער וועלט איז דאָס, פאַרשטייט זיך, אַנדערש. ביי זיי האָט מען קיין מאָל נישט מדקדק געווען פון וואַנען די תורה קומט און ווער ס'איז איר טרעגער.

אָט דאָס בכיוונדיקע נישט וועלן אידענטיפיצירן און קאָנפראָנטירן דעם שאַפער מיט זיין שאַפונג, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קונסט־געשיכטע פון די גרעסטע אייראָפּעישע קולטור־פעלקער. איינער פון די גרעסטע פראַנצויזישע פּאָעטן, פראַנסואַ וויאָן, איז געווען אַ נאָטאָרישער מערדער און כאָטש ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אויף דער תליה צוליב אַ קרימינעלן פאַרברעכן, האָט דאָס, נאַטירלעך, נישט געשטערט, אַז די

פראַנצויזישע ליטעראַטור זאָל אים אָפּגעבן דאָס בכבודיקסטע אָרט אין איר געשיכטע. און פאַרוואָס עפּעס בלויז פראַנסוא וויאָן? נו, און וואָס איז מכּוח אַרטור רעמבאָ, און מכּוח ווערלען און מכּוח באָדלער? דאָס זיינען דריי פּאָעטן וואָס זיינען ווירקלעך דאָס שיינדל פון דער וועלט־ליריק און אפשר די העכסטע דערגרייכונג פון שיינעם דיכטערישן וואָרט. ווער אָבער זענען זיי געווען מחוץ זייער דיכטונג? דער ערשטער — אַן אַוואַנטוריסט וואָס מען ווייסט עד היום נישט ווו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. דער צווייטער — אַ שיכור איז געשטאָרבן, קען מען זאָגן, אין רינשטאָק. און דער דריטער? שוין גלייכער נישט ריידן, אויב מען וויל נישט אויפמישן קיין קאַפּיטל פון ערגסטער דעגענעראַציע און צע־פוילטקייט.

צעזאַר לאָמבראָזאָ. דער ידישער געלערנטער וואָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם מיט זיין ווערק וועגן „גאונות און משוגעת", האָט אפילו געוואָלט, אויפן סמך פון פאַקטן, אויסבויען אַ גאַנצע טעאָריע וועגן דעם געטלעכן ווייַן וואָס האָט אַ טבע איינצושטיין דווקא אין אַ כּלי פון דעגענערירטקייט און פאַרברעכערישקייט. ביי לאָמבראָזען איז די פאַר־בינדונג פון גאונות מיט משוגעת שיעור נישט אַ פּאַטאָליסטישער מוז. ד"ר מאַקס נאָרדאַו האָט נישט אָנערקענט און געקעמפט קעגן דעם דאָזיקן פאַטאַליזם, אָבער אַז ס'איז, לידער, פאַראַן אַזאַ פאַרבינדונג, דאָס האָט ער אויך מסכים געווען.

צום גליק איז דאָס ווייט נישט אַזוי. אויך די וועלט־קולטור קען אַ ריי גאונים וואָס זיינען געווען גרויס אין זייער שאַפן און גרויס אין זייער מענטשלעכקייט. ביישפּילן וואָלט מען געקענט ברענגען זייער אַ סך. אָבער צי וואָלטן די דאָזיקע אַלע ביישפּילן געביטן די אַלגע־מיינע פּאַנאָראַמע? צי וואָלט דערמיט פאַרענטפערט געוואָרן אַזאַ סתירותדיקע דערשיינונג, ווי מאַרק אורעליוס, אַזאַ ווידערשפּרעכלעכע נאַטור ווי וואָלטער, אַזאַ פּאַטאַלאָגישע פיגור ווי דאָסטאָיעווסקי, און אַזוי ווייטער און ווייטער — דאָס איז שווער צו זאָגן.

ווי אַזוי קען געמאָלט זיין, אַז די אַנטפּלעקער פון דער גרעסטער מענטשלעכער שיינקייט, זאָלן אַלס מענטשן זיך געפינען אין זומפּ פון דער מאָראַלישער געפאַלנקייט? אָט דאָס איז אַ פראַגע וואָס קיינער

פון אונדז קען נישט פֿאַרענטפֿערן פּונקט ווי מען קען נישט פֿאַרענטפֿערן פֿאַרוואָס מאָראַלישע מענטשן האָבן דעם דאָזיקן פֿאַקט אַקצעפּטירט און זעען אין אים נישט קיין אויסטערלישקייט.

אָפּט מאָל, ווען מען נעמט מאַכן אַ חשבון ווער עס זענען געווען די סאַמע גרעסטע שעפֿער פֿון דער קונסט, הייבט מען אָן פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס טאָלסטאָי, למשל, האָט אין סוף פֿון זײַנע טעג רעוואָלטירט קעגן די קינסטלערישע הייליקייטן. נאָך אַלעמען איז טאָלסטאָי דערגאַנגען צו דער יידישער הנחה, אַז פֿון אַ שמוציקער כלי קען נישט בלייבן דאָס וואַסער ריין. ס׳איז טשעקאָווע, אַז אפילו אַזאַ גרויסער קינסטלער ווי טשעכאָוו האָט אויך נישט שטאַרק געהאַלטן פֿון דער קינסטלערישער חברותא און ער האָט זי געשילדערט אין גאַנץ נעגאַטיווע פֿאַרבן. אין קעגנזאַץ צו די קינסטלער וואָס פֿאַרזשומען אַ וועלט ווי די גאָלדענע פֿליגן אויף דעם מיסט, האָט טשעכאָוו געהאַט זייער אַ הויכע מיינונג וועגן די וויסנשאַפֿטלער וואָס טוען זייער אַרבעט שטיל און באַשיידן און ברענגען דערבײַ דער וועלט אַן אמתן נוצן.

אַ חבר מיט וועלכן איך האָב וועגן דער פֿראַגע דיסקוטירט האָט מיר געמאַכט אַ ריכטיקע באַמערקונג: דו פֿאַרמישסט, האָט ער געזאָגט, צוויי באַזונדערע געביטן, ווען דו רעדסט וועגן דער יידישער אידענטיפֿיצירונג צווישן דער לערע און דעם לערער, רעדסטו וועגן תורה, אָבער ווען דו רעדסט וועגן דעם אַמביוואַלענץ אין דער גויאישער וועלט־ליטעראַטור און קונסט, רעדסטו וועגן דעם וואָס אונדזערע אַלטע דענקער האָבן באַצייכנט מיט דעם באַגריף „חכמה" און דעריבער האָבן זיי געזאָגט: חכמה בגוים — תאמין. תורה בגוים — אַל תאמין.

גיב איך צו אַז די באַמערקונג פֿון מיין חבר איז אַ ריכטיקע, דאָס הייסט, אַז ס׳איז טאַקע פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן תורה און חכמה, צווישן קונסט און מאָראַל. תורה איז אַ וואַסער וואָס מוז פֿליסן פֿון ריינע עטישע קוואַלן און איינשטיין אין קרישטאָל־קלאָרע כלים. ביי תורה קען נישט זיין קיין נאה דורש וואָס איז נישט קיין נאה מקיים.

אַנדערש איז מיט „חכמה", מיט קונסט. די קונסט איז פֿון אַלע מאָל געווען אַ פֿאַרשיכורנדיקער־וויין וואָס מען האָט געטרונקען פֿון אַ טונקעלן בעכער. „מאָל מאַלער און שווייג", האָט געטע געזאָגט.

ס'הייסט: דעם געניסער פון דיין קונסט איז לגמרי נישט וויכטיק ווער דו ביסט. אים איז וויכטיק דיין קונסט, ווען גייט עס אָן אויב אוטריללאָ איז געווען אַ ממזר פון דריי דורות און איז שוין צו צוועלף יאָר געווען אַן אַלקאָהאָליקער פון דער לעצטער מדרגה? דער וואָס צאָלט שווערע הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן פאַר זיין בילד, קוקט נישט אויף זיין שמוציקער ביאָגראַפיע, נאָר אויף דער שיינקייט פון זיין ווערק.

איך האָב אויך אין אַן אַנדער אָרט שוין גערעדט וועגן די דאָזיקע קינסטלער וועלכע האָבן רעוואָלטירט קעגן דער קונסט טאָקע צוליב אָט די אָנגעגעבענע טעמים, היות איך ווייס אָבער אַז אָט דער רעוואָלט וועט צו קיין תכלית נישט דערפירן און מענטשן וועלן זיך פון קונסט נישט אָפּזאָגן, וואָלט איך כאָטש וועלן אַז מיר זאָלן קומען צו אַ הסכם אויף איין פונקט. נעמלעך, אַז מען זאָל דיביידע באַגריפן, תורה און חכמה נישט צוזאַמענמישן און נישט מאַכן פון דער קונסט קיין הייליקייט און פון דער הייליקייט קיין קונסט. ווער עס שאַפט קונסט און איז מכוון בלויז קינסטלעריש צו ווירקן מוז אפשר נישט זיין תוכו כברו און ס'איז פאַרפאַלן אויב זיין ווייַן גיסט זיך פון אַ נישט געהויבענער כלי. ווען אָבער ער פּרעטענדירט צו זיין נישט בלויז קיין שרייבער, קיין ליטעראַט, נאָר אַן אידעען־מענטש, אַ וועג־ווייזער, אַ בעל־מוסר — דאַן מוז ער געדענקען אַז פאַר אים איז נישט גענוג צו זיין קיין נאה דורש, נאָר ער מוז זיין אויך אַ נאה מקיים.

דאָס איז אייגנטלעך דער חילוק צווישן זיי ביידן, צווישן דער תורה און דער חכמה און בלית ברירה, לאָמיר כאָטש דעם דאָזיקן חילוק אָפּהיטן...

אַבסורד — די לאָגיק פון משוגעת...

אַ סך פון די אַזוי גערופענע עסטעטן ווערן פשוט פאַרצאַפּלט ווען זיי הערן רעדן וועגן די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור. ליטעראַטור און אויפגאַבן? שומר שמים. ווי קען מען עס אַזוי פאַרשוועכן די אָלימפּישע טאָכטער? ווער קען עס גאָר טראַכטן אַז די געטלעכע מוזע לעבט אין זכות, פון דעם וואָס זי מוז און דאַרף עפּעס טאָן? וואָס איז זי, די ליטעראַטור, פרעגן זיי, עפּעס אַ דינסטמויד, וועלכע מוז פאַרדינען איר שטיקל ברויט מיט אַ געוויסער עבודה פאַר די באַלעבאַטים.

די זאַך איז אָבער לגמרי נישט אַזוי שרעקלעך. ווען מען באַקענט זיך מיט דער ליטעראַטור און איר אַנטוויקלונגס־וועג אין דער מענטשלעכער קולטור־געשיכטע, זעט מען, אַז זי האָט, נישקשה, אין געוויסע צייטן גאַנץ שיין געהאָרעוועט און באַדינט די מעכטיקע פון דער וועלט. זי האָט פּונקט ווי אַלע אַנדערע קונסט־שוועסטער אירע געבויט פאַר זיי וואָרט־פּיראַמידן, געשניצט פאַר זיי שריפט־דענקמאָלן, באַזונגען זייערע „העלדנטאַטן", געריטמט זייער „קלוגשאַפט" און פאַראייביקט זייער „גוטסקייט". זי האָט אַ סך מאָל געטאָן נאָך מיאוסערע אַרבעטן מיט דעם שיינעם געצייג פון וואָרט און זי האָט זיך נישט בלויז נישט געפילט באַליידיקט, ווען מען האָט זי גערופן אויסצופירן אַ געוויסע אויפגאַבע, נאָר זי איז נאָך געווען דערפון זייער גליקלעך און פול מיט סאַטיספאַקציע, וויסנדיק, אַז זי זיצט ביים טיש פון די מעכטיקע נישט סתם אַזוי און עסט זייער ברויט נישט אומזיסט.

די ריטערלעכע פאַרטיידיקער פון דער ליטעראַטור־דאַמע, וואָלט דאָס געמעגט געדענקען. זיי וואָלטן, לכל הפחות. געמעגט וויסן, אַז אָט די שיינע דאַמע, וועלכע זיי ווילן איצט נישט לאָזן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריינטאָן, האָט אָנגעהויבן איר קאַריערע אין דינסט־צימער פון דער גע־

שיכטע און אַפילו דעמאָלט ווען זי האָט שוין פאַרנומען גאָר הויכע פּאָזי־ציעס אין דער מענטשלעכער קולטור־געזעלשאַפט, האָט זי זיך זייער אַ סך מאָל אַריינגעכאַפּט אין דער קיך פון כלערליי טיראַנען, אימפּעראַטאָרן, דיקטאַטאָרן און סתם מעכטיקע, כדי דאָרט מיט אירע אידעלע און שיינע הענט צוצוגרייטן אַ מאכל, וואָס זאָל אירע האַרן ווילגעפעלן ווערן, כאָטש דאָס דאַזיקע מאכל האָט געמעגט אַנטהאַלטן גיפט פאַר די וואָס אירע האַרן האָבן געוואָלט אויף אַזאַ אופן אָפּסמען...

מען דאַרף נישט אויפגעציטערט ווערן, ווען מען הערט רעדן וועגן די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור אויך צוליב אַן אַנדערן טעם. ווי באַלד יעדער גייסטיקער אַקטיוויטעט פון מענטש שטייט אַן צו זיין איינגעשפּאַנט אין אַ געוויסן וואָגן, וואָס פאָרט צו אַ באַשטימטן ציל, שטייט עס דער ליטעראַטור אויך אָן, וואָרעם מיט וואָס איז די ליטעראַטור מער מיוחסת ווי אַלע אַנדערע אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונגען פון בן אדם? מיט וואָס האָט זי עס אַזוי שיין געדרשנט, וואָס זי דאַרף זיין דער אויסנאַם און האָבן יענע פּריווילעגיעס, וואָס קיין אַנדערע גייסט־אַקטיוויטעט האָט נישט?

מען קען זיך גאַנץ שיין זיין אַן אַפּיקורס גמור און האַלטן, אַז דאָס גאַנצע לעבן האָט נישט קיין שום זין און קיין שום ציל, אַז די נאַטור און בכלל דער גאַנצער אוניווערס שטרעבן צו גאָרנישט און זיי שטעלן מיט זיך פאָר נישט מער ווי אַ בלינדע באַוועגונג פון ענערגיע, וואָס איז געלאָזן געוואָרן אין זינלאָזן גאַנג דורך איינעם אָדער דורך מיליאָנען צו־פאַלן. אָבער ווען עס קומט צום מענטש, צו זיין אינטעלעקט, צו זיין גייסט אַקטיווקייט, וועט קיין שום אפּיקורס דאָך נישט דערוועגן זיך צו באַהויפּטן, אַז דאָס אַלץ האָט נישט קיין שום ציל און קיין שום אויפ־גאַבן. יעדע גייסטיקע אַקטיוויטעט הייבט זיך אָן מיט פרעגן פראַגן און ווען מען פרעגט אַ פראַגע איז אין איר גופא שוין פאַראַן די אויפגאַבע צו קריגן אַן ענטפער. קיין שום מאַטעמאַטיקער האָט זיך נישט פאַרטיפט אין דער מיסטעריע פון די צאָלן און ציפערן, אויב ער וואָלט נישט בדעה גע־האָט צו דעשיפרירן דעם סוד פון דער דאַזיקער מיסטישער געזעצלעכ־קייט. פונקט ווי קיין קונסט־ווערק שאַפט זיך נישט אַליין, שאַפט עס זיך אויך נישט צוליב גאָרנישט, נאָר צוליב עפּעס... אויך דער פרייער נאַטור־

קינסטלער, דער פויגל, זינגט צוליב עפּעס און איז עפּעס אויסן מיטן געזאַנג. סתם אַזוי ברומט אַפילו נישט דער בער אין זיין נאָרע. ער ברומט צוליב עפּעס און עפּעס וויל ער מיט זיין ברומען דערגרייכן. להבדיל אלף אלפי הבדלות זיצט אויך נישט קיין שום שרייבער אַ געבויגענער איבערן פּאַפּיר און מאַטערט זיך שעהן לאַנג איבער אַ גראַם, אָדער איבער אַן אויסדרוק סתם אַזוי, ווייל ער האָט נישט וואָס צו טאָן. עפּער וויל ער מיט זיין מאַטערניש דערגרייכן. עמעצן וויל ער איבערצייגן, אָדער באַווירקן און איבערצייגן, באַווירקן — טוט מען אין אַ געוויסער ריכטונג. דאָס איז עס, וואָס ער טרויט אַן דעם וואָרט אויפן פּאַפּיר און טאָקע דאָס איז די ערשטע אויפגאַבע פון דעם אָנגעשריבענעם... די ערשטע, אָבער ווער זאָגט עס, אַז די לעצטע און די איינציקע?

די וואָס זענען קעגן דעם, אַז מען זאָל די ליטעראַטור אָנלאָדענען מיט אויפגאַבן, טענהן אַז אַזאַ מין אָנלאָדונג באַגרענעצט דעם שעפערס פרייהייט, וואָס איז דער ערשטער באַדינג פאַר זיין שעפערישער אויטענטישקייט. אַ שרייבער, הייסט עס, איז ווערטפול, נאָר דעמאָלט ווען ער איז פריי און געטריי זיך אַליין. וויבאַלד אָבער מען שטעלט אים געוויסע פאָדערונגען, וועלכע ער מוז נאָכקומען, הערט ער דאָך שוין אויף צו זיין פריי; ווערט ער דאָך שוין נישט קיין שעפער, נאָר אַן אויספירער.

וואָר איז: מיר ווייסן זייער גוט דעם סוף פון יענער ליטעראַרישער שאַפונג, וועלכע מוז זיך צופּאַסן צו די דרויסנדיקע באַפעלן. ווען אַ שרייבער מוז שילדערן נישט דעם העלד, וואָס ער זויל, נאָר דעם העלד, וואָס מען צייכנט אים אָן סכעמאַטיש: ווען אַ פּאָעט מוז זינגען וועגן פרייד, ווייל דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין; ווען ער מוז מיט זיין ליד סטימולירן נאָר אין אַ געוויסער ריכטונג, אָדער דערציילן אין פּראָזע נאָר וועגן געוויסע געשעענישן און דערביי זיי קאָלאָרירן מיט די פאַרבן, וועלכע זענען אין געשמאַק פון זיין באַשטעלער, דאַן דערגייט מען צו אַ דעגענעראַציע, וואָס אירע פאָרמען זענען זייער גוט באַקאַנט. דאַן הערט די ליטעראַטור אויף צו זיין ליטעראַטור און זי ווערט אַ קאַריקאַטור אויף זיך אַליין.

טאָקע דערפאַר האַלטן די קעגנער פון דער ליטעראַטורס שליחות, אַז מען טאָר פון דער ליטעראַרישער שאַפונג קיין שום אויפגאַבע נישט פאַר־

דערן, אַפּילו נישט די גרינגסטע, די איידלסטע אויפגאַבע. וואָרעם, זאָגן זיי, אַז מען וועט דאָס ליטעראַטור־פעלד, נאָר אַרומנעמען מיט אַ צוים פון די איידלסטע זיידפעדעם, וועט שוין שפּעטער קומען אַן אַנדערער און וועט דאָס דאָזיקע פעלד אַרומצוימען מיט שטעכל־דראָט. וועסט הייסן, טענהן זיי, אַז דער שרייבער זאָל אין זיין ווערק דיר איבערטראָגן פון איין אָרט אויפן אַנדערן די סאַמע גרינגסטע פעדער, וועט קומען אַן אַנדערער און וועט אויף אים אָנלאָדן שווערע זעק זאַמד, וועלכע וועלן אָראָפּבייגן זיינע אַקסל צו דער ערד ביז ער וועט פאַלן אונטער דער לאַסט פון דער אויפגאַבן־משא.

איז דעריבער — דאַלאָי מיט די אויפגאַבן. די ליטעראַטור איז צו גאָרנישט מחויב. זי קען אייך דערלאַנגען צום טיש וואָס זי וויל און איר טאָרט נישט קיין קרים טאָן מיט דער נאָז אויב זי סערווירט אייך אַפּילו, איך בעט איבער אייער כבוד, אַדער גאָר עכטן הונדערט־פּראָצענטיקן מאַראַלישן און געזעלשאַפטלעכן סם.

דאָס אומגליק איז וואָס דער דאָזיקער געדאַנקענגאַנג, אָפּערירט מיט אַ דעמאַגאָגישן טריק: מיט אַן אַבסורד.

ס'איז נישטאָ אין לעבן קיין שום זאַך, וואָס מען זאָל זי נישט קענען אָפּפרעגן מיט דער הילף פון דערפירן זי אַד אַבסורדום.

מיט דער הילף פון דערפירן זאַכן ביז צו זייער אַבסורד קען מען דער־ווייזן, אַז פרייהייט איז אַן אומזין: אַז פילאָזאָפיע איז א משוגעת; אַז יעדער ביסן, וואָס מיר עסן איז אונדזער מלאך המות; אַז יעדעם קינד וואָס ווערט געבוירן איז אונדזער קברן אאַז"וו א'זוו.

מיט דער קרומער לאָגיק פון אַבסורד האָט יענער אַנעקדאָטישער חכם פון אָריענט באַוויזן „איבערצוצייגן” זיינע צוהערער, אַז געהרגעט ווערן אויפן שלאַכט־פעלד איז אַ נחת און חתונה מאַכן אַ טאָכטער איז אַ טראַ־געדיע.

פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע איז נולד געוואָרן די אַטאָם־באָמבע. נימצא, אַז די העכערע מאַטעמאַטיק איז דעם מענטשנס פּאַטום.

וויבאַלד מען קען פון שטאָל מאַכן אַ שווערד, אַ גיליאָטינע, ווי באַלד עלעקטרי קען דינען דעם „עלעקטריק־טשער”, דאַרף מען זיך אָפּזאָגן סיי פון שטאָל, סיי פון עלעקטרי.

דאָס זעלביקע איז מיט דער ליטעראַטור: אויב די דיקטאַטור־רעזשי־מען קענען די ליטעראַטור פֿאַרוואַנדלען אין אַ שקלאַף צום דערפֿילן זייער ווילן, מוז מען זיך אָפּזאָגן פֿון דעם געדאַנק, אַז זי, די ליטעראַרישע שאַפֿונג, האָט וועלכע עס איז אויפֿגאַבן צו דערפֿילן אין מענטשלעכן לעבן.

דאָס געשעט ווען מען גייט מיטן וועג פֿון אַבסורד; מיטן וועג פֿון פּראָקלאַמירן, אַז ווייל אַ סך מענטשן שטאַרבן פֿון איבערעסן זיך, איז שוין בעסער לחלוטין נישט צו עסן און צו שטאַרבן פֿון הונגער.

דאָס איז די לאָגיק פֿון משוגעת.

צווישן די אויפֿגאַבן פֿון אַ מעסער צו שניידן ברויט און די אויפֿ־גאַבן פֿון אַ שווערד צו האַקן קעפּ, איז אָבער, ווי מיר ווייסן, פֿאַראַן אַ גרויסער מהלך, הגם ביידע זענען געמאַכט פֿון דעם זעלבן שטאָל.

און צוליב דעם וואָס אַ שווערד האַקט קעפּ, הערן מענטשן נישט אויף צו פּראָדוצירן קיין טיש־מעסערס וואָס זייער אויפֿגאַבע איז צו שניידן ברויט.

אויך די ליטעראַטור מוז האָבן אויפֿגאַבן און ס'איז אומדזער רעכט צו פֿאַרלאַנגען, אַז די דאָזיקע אויפֿגאַבן זאָלן דינען דעם מענטש, דער גע־זעלשאַפֿט, זיין מאָראַל און זיינע אידעאַלן.

מיט דעם וואָס מען וועט זאָגן, אַז די ליטעראַטור האָט נישט קיין פּאָזיטיווע אויפֿגאַבן, וועט מען נישט אָפּשרעקן די דאָזיקע וואָס וועלן זי וועלן אויסנוצן, אַז זי זאָל דערפֿילן זייערע נעגאַטיווע אויפֿגאַבן.

סעקס און דאָס יידישע וואָרט

— פאַרוואָס פאַרנעמט ער זיך אַזויפיל מיט סעקס ? — פרעגן אָפטמאָל די לייענער וועגן אַ געוויסן שרייבער, וועלכן זיי לייענען זייער גערן און האַלטן דערביי פאַר אַ גרויסן שרייבער.

אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע קאָן, פאַרשטייט זיך, געבן נאָר דער שרייבער אַליין. מיר פון אונדזער זייט קאָנען בלויז צוגעבן, אַז דריי פירטל פון דער גאַנצער ליטעראַטור וואָס ווערט איצט געשאַפן אין דער וועלט, איז אַ סעקס־ליטעראַטור. דער מענטש איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי גיריק נאָך סעקס־דערקענטעניש ווי אין אונדזער צייט און די ליטעראַטור האָט די עראָטיק קיינמאָל אַזוי נישט לעגאַליזירט ווי אַן אָביעקט פון עפנטלעכער אַנטפּלעקונג, ווי אין אונדזער דור.

און כאָטש איך בין נישט ביי דער מיינונג, אַז עס דאַרף זיך תמיד „יידלען אַזוי ווי עס קריסטלט זיך", ווייל איך האַלט אַז די יידישע ליטעראַטור האָט און דאַרף האָבן אירע אייגענע וועגן און אויפגאַבן און נישט זיין ככל הגוימדיק. איז דאָס אָבער אַ שטיקל פאַרענטפער פאַרוואָס געוויסע שרייבער זענען היינט צו טאָג אַזוי סעקס־באַוווסט־זיניק אין אונדזער ליטעראַטור.

כ'מוז דאָ צוגעבן, אַז ווען מען לייענט די סעקס־שילדערונגען אין דער נישט־יידישער ליטעראַטור (און אויך אין דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור) מוז מען קומען צום אויספיר, אַז אפילו די גע־וואַגטסטע יידיש שרייבער זענען נאָך אַלץ ישיבה־בחורים אַנטקעגן די גוישע שרייבער. כ'האָב לעצטנס איבערגעלייענט אין אַ העברעישער איבערזעצונג, אַ בוך פון אַ יונגער איטאַליענישער שרייבערין, זי הייסט : דאַטשיאַ מאַראַיני. האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ווען אַ יידישער פּראָזאַיקער וואָלט געפּרוווט שילדערן עראָטיק אפילו נאָר אויף איין

פראַצענט ווי עס טוט די איטאַליענישע טאַכטער, וואָלט זיך געטאָן חושך. און די דאָזיקע דאַטשיאַ מאַראַיני איז דווקא אַ באַלעבאַטיש קינד, אַ טאָכטער פון אַ פיינער אינטעליגענטער פאַמיליע און... גאָרנישט, מען האָט צו איר נישט קיין טענות, און אפילו אירע עלטערן האָבן נישט קיין מורא, אַז ס'וועט איר שאַטן צום שידוך.

כ'וויל נאָך אַמאָל באַטאָנען, אַז דאָס ווערט נישט געזאָגט ווי קיין פאַרענטפערונג פאַר דער סעקס כוואַליע אין דער ליטעראַטור. איך אַליין בין, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע לייענער, ביי דער מיינונג, אַז כאָטש די דברים שבינו לבינה שפּילן אַ גרויסע ראָל אין אונדזער לעבן, זענען זיי אָבער נישט דאָס גאַנצע לעבן און אַ שרייבער וואָס פיקסירט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט נאָר אויפן שלאָפצימער קאָן נישט געבן קיין אמתע לעבנס דערקענטעניש, ווייל דאָס מענטשלעכע לעבן שפּילט זיך אָפּ נישט ווייניקער אויך אין די אַנדערע צימערן פון אונדזער הויז, אויב מען זאָל רעדן פיגוראַטיוו. אָבער דאָס, וואָס די סעקס־כוואַליע שטייט אַזוי הויך אין די ליטעראַטורן פון די אַנדערע פעלקער גיט מיר אַ דערקלערונג פאַרוואָס זי האָט אויך ביי אונדז אירע שווימער.

אַז ליבע און טויט זענען די צוויי גרעסטע און אייביקסטע טעמעס אין דער ליטעראַטור, איז קיין שום צווייפל נישט. דאָס איז דערפאַר ווייל, אי די מורא פאַרן טויט און אי דאָס שפּיל פון ליבע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע מענטשן, אין אַלע צייטן און אונטער אַלע באַדינגונגען. אין אַ פּריוואַטן שמועס האָב איך מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט אַ פריינט אויף דעם פאַקט וואָס ביי די לאַטיינישע פעלקער שטאַמט דאָס וואָרט „ליבע" און דאָס וואָרט „טויט" פון דעם זעלביקן סעמאַנטישן שורש. דאָס איז מסתם נישט קיין צופאַל, ווייל אויך אונדזער גרויסער זינגער (און חכם) האָט שוין געוווּסט, אַז „עזה כמוות אהבה" — שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע... עס איז צווישן זיי פאַראַן מער ווי איין גלייכצייכן, כאָטש אין דעם שטעקט אַ מאָדנער פּאַראַדאָקס, וואָרעם די ליבע איז דאָך דער גרעסטער סטימול פון יצירה... פון לעבנס־המשך און במילא איז זי דער קעגנזאַץ פון טויט.

מען מיינט, אַז די סעקס־באַוווּסטזיניקייט אין אונדזער דור נעמט זיך פון פרוידס לערע. דאָס איז, אי ריכטיק, אי נישט ריכטיק. ווען

עמיצער זאָל צונויפֿנעמען אַלע שטעלן וועגן סעקס וואָס זענען שוין פֿאַראַן אין תּלמוד, וואָלט ער געבראַכט אויף דער וועלט אַ גראָב־בייכיק בוך וואָס וואָלט אונדז דערשטוינט. דער פֿאַקט איז אָבער, אַז פֿרויד האָט אונדזער סעקס־נייגעריקייט געגעבן אַ נייע דימענסיע. ער האָט די דאָזיקע נייגעריקייט נישט בלויז לעגאַליזירט, נאָר האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן סדר היום פֿון דער וויסנשאַפֿט, ווי אַ טייל פֿון אונדזער איך־דערקענטעניש.

ס׳האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן אַ פּרט וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש: אין אַ שטאַרק פֿאַרשפּרייטער העברעיִשער צייטונג האָב איך אויף איין זייט געפֿינען אַן אויספֿירלעכע באַשרייבונג וועגן דעם העלדישן קאַמף וואָס צה״ל האָט געפֿירט קעגן די אַראַבישע טעראָריסטן און באַלד אויף דער אַנדערער זייט האָב איך געפֿונען אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַ נײַ בוך וואָס שילדערט דאָס לעבן פֿון די קורטיזאַנעס אין 19־טן יאָרהונדערט. מה ענין שמיטה אצל הר סיני? וואָס האָט דער קאַמף קעגן דער טעראָר־באַנדע פֿון „אל פֿאַטאַך״ צו טאָן מיט די פֿראַנצויזישע קורטיזאַנקעס? דער תּירוץ איז, אַז אויף דעם איז נישטאָ קיין תּירוץ, ווייל פֿאַר אַ סך מענטשן איז ער שוין אַפֿילו נישט קיין קשיא. פֿאַר דער מלחמה, געדענק איך, האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל. אין דעם זשורנאַל האָבן מיר געהאַט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ווילנער גאון און מיר האָבן אויך געהאַט אַ באַשרייבונג וועגן אַ באַרימטער יידישער אַקטריסע פֿון פֿראַנקרייך. האָבן מיר, די רעדאַקציע־קאָלעגיע, זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי מיר זאָלן די דאָזיקעביידע מאמרים געבן אין איין נומער. ווען איר זאָגט דאָס הײַנט אַ ישראלדיקן רעדאַקטאָר וואָלט ער אייך אָנגעקוקט ווי אַ פּרא אדם. פֿאַרקערט, ווען איר גיט אים אַן אַרטיקל וואָס געפֿינט אויס שייכותן צווישן די ביידע פּערסאָנאַזשן, וואָלט ער זיך מחיה געווען און וואָלט געהאַלטן, אַז איר האָט די אמתע „סמי־קאַלקע״.

ווי עס זאָל נישט זײַן, טייטש איך מיר די זאַך דערמיט וואָס אין ישראל שטרעבן יידן צו אַ נאָרמאַל לעבן. און אַ נאָרמאַל לעבן הייסט אַזאַ לעבן אין וועלכן דער מענטש איז נישט פֿיקסירט אויף איין זאַך, נאָר האָט פֿאַרשידענע פֿאַראינטערעסירונגען. אוודאי אינטערעסירט דעם ישראלדיקן

לייענער צו וויסן די פּרטים פון דער שלאַכט מיט די טעראָריסטן, אָבער וועגן די טעראָריסטן קאָן מען נישט טראַכטן אַ גאַנצן טאָג, ווייל אויב יאָ וועט עס ווערן אַן אבסעסיע. דעריבער גייט מען באַלד איבער צו אַנדערע פּאַראַינטערעסירונגען און די נאָענטסטע איז טאָקע סעקס — אין דעם פאַל: דאָס לעבן פון די קורטיזאַנעס אין פראַנקרייך מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק.

שיין איז ווי די שרייבערין פונעם אַרטיקל איז אונדז מסביר דעם ענין קורטיזאַנעס, כדי מיר זאָלן חלילה נישט בלאָנדזשען אין דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער און פּיקאַנטער וועלט. אַ קורטיזאַנע — זאָגט זי — איז נישט געווען קיין מעטרעסע, ווייל זי האָט מער ווי איין געליבטן. זי איז אָבער אויך נישט געווען קיין גאַסן־פרוי, ווייל זי האָט אויסגעקליבן אירע ליבהאָבער. חוץ דעם האָט אַ קורטיזאַנקע נישט געקענט ווערן סתם אַ פרוי, זי האָט אַפילו געמעגט זיין ווי שיין. כדי צו ווערן אַ קורטיזאַנקע האָט די פרוי געדאַרפט פאַרמאָגן נאָך עפּעס וואָס ס׳איז שווער צו דעפינירן, אָבער אין תוך גענומען מיינט עס פּערזענלעכקייט.

די שרייבערין האַלט, אַז צוזאַמען מיטן 19־טן יאָרהונדערט איז די קורטיזאַנישע אינסטיטוציע אונטערגעגאַנגען און מען קאָן זאָגן, אַז זי באַדויערט עס. וואָרעם די קורטיזאַנעס זענען געווען די, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פּאָליטיק, אין דער קונסט און אין אַ סך אַנדערע געביטן פון סאָציאַלן לעבן. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף זייער צייט און די דאָזיקע השפעה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ווייבלעכקייט, מיט צאַרטקייט, מיט פּאָעזיע. ווען דאָס קורטיזאַנענטום איז אונטערגעגאַנגען איז דאָס לעבן, אַזוי מיינט די שרייבערין, געוואָרן האַרטער און גרויזאַמער. די „הויכע" געזעלשאַפט איז געוואָרן טרוקענער און ניכטערער און דאָס לעבן פון די, וואָס לייגן אַ חותם אויף זייער עפּאָכע איז געוואָרן גרדיער און ערגער.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט אָט דער באַהויפּטונג לאָזט זיך שטאַרק דיסקוטירן. די צאַרטקייט און די פּאָעטישקייט פון די מענער וואָס האָבן זיך געממיתט, אָדער זיך מאַטעריעל רואינירט צוליב דער קורטיזאַנישער יפיפיה, שטייט נאָך אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן. דאָך איז, זעט

אויס, נישט קיין ספק, אַז די פראַנצויזישע קורטיזאַנעס זענען טאַקע נישט געווען קיין „קיי און שפיי״ ווי באַלד זייערע זאַגעכצן און אורטיילן וועגן ליטעראַטור, פּאָליטיק, פילאָזאָפיע און קונסט זענען אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל ווי אַפאָריזמען, אָדער ווי, להבדיל, מאמרי חז״ל וועלכע מען ציטירט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

אַ בוך וועגן די באַרימטע פראַנצויזישע קורטיזאַנעס האָט אָנגע־שריבן די ענגלישע שרייבערין דזשאָאַנאַ ריטשאַרדסאָן. די ענגלענדערין האָט אַ פול מויל מיט זאַפט ווען זי רעדט וועגן אירע העלדינס און אייניקע פון זיי זענען טאַקע זייער אינטערעסאַנט און פאַרנעמען אַן אָרט אין דער פראַנצויזישער קונסט פון 19־טן יאָרהונדערט.

די באַרימטסטע צווישן זיי זענען צוויי: בלאַנש ד׳אַטיני, וועלכע עמיל זאָלאַ האָט פאַראייביקט אין זיין „נאנא״ און וועלכע פיל גרויסע אימפּרעסיאָניסטישע מאָלער האָבן באַנוצט ווי אַ מאָדעל צו זייערע ביל־דער. די צווייטע איז אַלפאָנסינע פּלעסיס, וועלכע האָט זיך שפּעטער גערופן מאַרי דופּלעסיס און איז באַקאַנט אַלס מאַרגאַריטאַ גאָטיע, „די קאַמעליען דאַמע״, די העלדין פון דער באַרימטער דראַמע, וואָס אַלעק־סאַנדער דיומאַ (דער זון) האָט אָנגעשריבן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש: כמעט אַלע באַרימטע קורטיזאַנעס זענען געקומען פון סאַמע נידעריקסטן שטאַנד און דאָך זענען זיי שפּעטער געוואָרן די סינאָנימען פון עלעגאַנץ, פון גוטער באַנעמונג, פון אַריס־טאָקראַטיזם. זיי האָבן געהאַט סאַלאָנען וווּ עס איז זיך צוזאַמענגעקו־מען די סמעטענע פון פּאַריז און דאָס ווערן דער געליבטער פון אַזאַ קורטיזאַנע האָט עדות געזאָגט וועגן דעם הויכן מצב אין דער געזעל־שאַפט. זיין דער געליבטער פון דער קאַמעליען־דאַמע איז געווען די בעסטע רעקאָמענדאַציע פאַר אַ מענטש וואָס האָט געזוכט אַ מעמד אין דער געזעלשאַפט, אַלס פּאָליטיקער, קינסטלער, פינאַנסיסט אא״וו א״וו.

אַ חוץ מאַרי דופּלעסיס (די קאַמעליען־דאַמע) און בלאַנש ד׳אַטיני (נאנא), איז באַרימט געווען אַ דריטע קורטיזאַנע, וועלכע מען האָט גע־רופן „מאַדמואַזעל מאַקסימום״. פון וואַנען קומט דער נאָמען? ווייל זי האָט, זאָגט מען, אַמאָל באַקומען דעם מאַקסימום פּרייז, וואָס עס איז באַשערט געווען צו קריגן אַ פרוי פון איר גראַד און אויך דערפאַר

ווייל זי האָט געהאַט דעם מאַקסימום געליבטע. צו אירע געליבטע גע־הערן די צוויי גרויסע פּאָליטישע קעגנער, דער פירשט פון אָרלעאַן און זשאָרזש קלעמאַנסאָ. ביידע האָבן געוווּסט, אַז זי טיילט צווישן זיי איר ליבע, אָבער זיי האָבן זיך דערצו באַצויגן מיט גוטמוטיקייט. מאַדמואַזעל מאַקסימום, אָדער ווי זי האָט געהייסן לויט איר ריכטיקן נאָמען: לעאָניד לעבלאַנק, איז געקומען קיין פּאַריז באָרוועס און פאַרשטייט זיך אָרעם ווי די נאַכט. ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און זי איז געוואָרן אַ באַ־רימטהייט. מען האָט וועגן איר געשריבן אין די צייטונגען, אַז זי האָט אַ קערפּער וואָס איז אַ פּאָעמע.

און ווי דער שטייגער איז פעלט אויך נישט צום רומל אונדזערס אַן אייגענע יידישע טאָכטער, טערעזאַ לאַכמאַן, וואָס איז שפּעטער גע־וואָרן די באַרימטע מאַדאַם לאַ פּייוואַ. זי איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע, ביי אַן אָרעמען יידישן טאַטן, אַ וועבער; האָט חתונה געהאַט מיט אַ קבצן, אַ שניידער און האָט אים געבוירן אַ זון. מיט איינמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין דער וועלט אַריין, צום ערשט קיין דייטשלאַנד און דערנאָך קיין פראַנקרייך, זי איז אַפילו נישט געווען קיין קלאַסישע שיינקייט, אָבער זי האָט פאַרמאָגט אין זיך אַן עקזאָטישקייט און אַ דינאַמיזם וואָס האָט געפאַנגען מענער. איר ערשטער באַרימטער געליבטער איז געווען דער יידישער פּיאַניסט הענרי הערץ, וועלכער האָט זי געוואָלט אַריינפירן אין פּאַלאַץ פון קעניג לויִס פיליפּ, דער לעצטער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זי אויפצונעמען און די דאָזיקע באַליידיקונג האָט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מיט יאָרן שפּעטער האָט זי זיך אויסגעבויט נעבן טיולערי־פּאַרק אין פּאַריז אַ פּאַלאַץ פונקט קעגן איבער דעם פּאַלאַץ פון קעניג. פון איר פּאַלאַץ האָט זיך תמיד געטראָגן אַ רעש און אַ טומל, מען איז געקומען צו פאָרן מיט קאַרעטעס און מען האָט געפראַוועט בעלער. די רייכקייט פון איר פּאַלאַץ־אויס־שטאַטונג האָט ווייט איבערגעשטיגן דעם קעניגלעכן שלאָס.

אויך וועגן איר האָט אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער זון, אָנגעשריבן אַ דראַמע וואָס איז פיל געשפּילט געוואָרן אין אַלע וועלט־טעאַטערס. „די פרוי פון קלאָד" שילדערט אָבער דאָס יידישע מיידל טערעזאַ לאַכמאַן גאָרנישט אין קיין שיינעם ליכט. איר סוף איז געווען טראַגיש.

דאָ האָב איך בלויז געבראַכט אַ מוקצת מן המוקצת פון דער פּיר־קאַנטעריע מיט וועלכן עס איז אָנגעפּיקעוועט דאָס בוך פון דער ענג־לענדערין ריטשאַרדסאָן. אָבער וואָס איך וויל דאָ באַטאָנען איז, אַז דאָס דאָזיקע בוך וועגן די קורטיזאַנעס פון 19־טן יאָרהונדערט איז געוואָרן איבערגעזעצט אין פיל שפּראַכן. דערפון זעט מען וואָס פאַר אַן אָרט סעקס פאַרנעמט היינט אין דער ליטעראַטור און וואָס פאַר אַן אינטערעס דער דאָזיקער געביט רופט אַרויס. פאַרשטייט זיך, אַז אין גאַנצן אָן ווירקונג אויף דער ידישער ליטעראַטור קאָן דאָס נישט בלייבן, הגם מיר האָבן די פולע רעכט נישט צו זיין דערמיט אַנטציקט...

עראָס און דער יידישער זשורנאַליסט

יידישע זשורנאַליסטן, וועלכע זענען שוין אין זייער רוב נישט קיין יונגעלייט און וועלכע שרייבן פאַר אַ לייענער וואָס איז שוין אויך ווייט פון צוציק־עלטער, מיידן איצט אויס צו שרייבן וועגן די קיצל־דיקע טעמעס שבין איש לאישה. אָפט מאָל שרייבט מען שוין אַפילו נישט וועגן געשעענישן וועלכע האָבן אַ וועלט־אָפּקלאַנג נאָר דערפאַר ווייל מען פילט זיך אומבאַקוועם צו טונקען די פעדער אין דעם ברויזנ־דיקן טינט פון די היינטיקע סעקס־פאַרהעלטנישן. אָבער אַ פאַקט איז אַז די ברויזנדיקע סעקס־הפקרות וואָקכאַנאַליעוועט אַרום אונדז און יעדער פון אונדז, שרייבער צי לייענער, טרעפט זיך מיט איר אָן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, דעריבער שטעלט זיך אָפט מאָל די פראַגע: צי איז ריכטיק אונדזער אויסמיידן די סעקס־טעמע אין דער צייט ווען זי פראַלט סיי ווי אַריין אין אונדזער קרייז דורך דער טעלעוויזיע, דורך די פילמען און אַ מאָל אויך דורך אַ מער קאָנקרעטער און רעאַל־נאָ־ענטער ווירקלעכקייט? צי איז אונדזער פוריטאַניזם נישט אַמאָל קיין צביעות, אָדער אין בעסערן פאַל — אַ מין באַהאַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד און נישט וועלן זען די וואָר, וועלכע רינגלט אונז אַרום?

כ׳בין מודה על האמת אַז אויף דער פראַגע קאָן איך קיין גענויען ענטפער נישט געבן. פון איין זייט איז מיר קלאָר אַז מיר דאַרפן זיך נישט האַלטן ביי די ראַנדן פון דעם צייט־לעבן און אויב צענדליקער און הונדערטער יידישע לייענערס האָבן אינטערעס צו גיין זען סעקס־פיל־מען מיט כלערליי סעקס־פּראָבלעמען דאַרפן יידישע זשורנאַליסטן אויך אין זייער שרייבן נישט אויסמיידן די דאָזיקע טעמעס און דאַרפן וועגן זיי זאָגן זייער מיינונג. פון דער אַנדערער זייט זעט מיר אָבער פאַרט אויס ווי אַ מעלה דאָס וואָס יידישע שרייבערס היטן אויס דאָס יידישע

וואָרט פון אַט דער טריפהנער כוואַליע וואָס האָט פּאַרפּלייצט די הייני־טיקע וועלט. בכל אופן בין איך נישט תמיד זיכער מיט מיינע שטאַנד־פּונקטן וועגן דעם דאָזיקן ענין און איך זאָג גאַנץ אויפריכטיק, אַז טייל מאָל דאַכט זיך מיר אויס אַז די יידישע זשורנאַליסטיק האָט זיך אַליין פאַרמשפּט צו אַ געוויסער אַרכאַישקייט און לעבנס־פרעמדקייט און אַן אַנדער מאָל דאַכט זיך מיר אויס אַז עס קומט אונדז אַ קניפּ אין באַק פאַר דעם וואָס מיר באַווייזן אָפּצוגרענעצן דעם אינדזל פון יידישן וואָרט פון די צייט־ווינטן און נישט אַריינצולאָזן דעם בושעוועדיקן סעקס־שטורעם אין אונדזער ענגן שטח. מיין חשבון איז דערביי אַ פּשוטער: קעגן שטעלן זיך דעם דאָזיקן שטורעם קענען מיר דאָך סיי ווי נישט, איז דעריבער פאַראַן איין עצה — אים צו איגנאָרירן, זיך מאַכן אים נישט זען, כאילו לא היה. אגב האָבן יידן אַ סך מאָל אַזוי געטאָן אין משך פון זייער לאַנגער גלות־געשיכטע און אין דעם — אין דעם נישט מאַכן זיך זען און נישט מאַכן זיך וויסן וועגן די צייט־דער־שיינונגען וועלכע האָבן נישט אַנטשפּראָכן אונדזער יידישן גייסט — איז געלעגן אַ טייל סוד פון אונדזער הצלחה ביים אויפהאַלטן יידישקייט און ביי אויפהאַלטן דאָס יידישע פאָלק.

כ׳וואָלט דאָ געקענט ברענגען פאַרשידענעביישפּילן פון דער גע־שיכטע וואָס זאָלן אילוסטרירן די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער טעזע. ווילדע סעקס־כוואַליעס זענען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווי מיר ווייסן, געווען אַ סך. מירן נעמען פאַר אַ ביישפּיל די צייט פון מיטעלן און שפּעטן רענעסאַנס וואָס איז נאָר אין די פּאַרמען און אין די פּרטים אָפּגעשטאַנען פון דער סעקס־כוואַליע אין דער היינטיקער צייט. אָבער צי געפינט איר אין די יידישע שריפטן פון יענער עפּאָכע כאָטש אַן אָנדייטונג וועגן דעם וואָס האָט דעמאָלט כאַראַקטעריזירט דאָס אַלגע־מיינע צייט־לעבן? מיינט איר אַז אונדזערע גדולים, אונדזערע גייסטיקע פירערס האָבן נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אויף דער דרויסנדיקער גאַס? מיינט איר אַז די טענדענצן פון דער דרויסנדיקער גאַס זענען נישט, אין אַ געוויסער מאָס, אַריינגעדרונגען אויך אין דער אינעווייניקסטיקייט פון יידישן לעבן? מיר האָבן אַ סך ראיות אַז, אי די גייס־טיקע פירערס פון יידנטום זענען דאָן געווען גענוג אָריענטירט וועגן

די טענדענצן פון דער צייט און אי די דאָזיקע טענדענצן האָבן זיך אויף פאַרשידענע אופנים אויסגעדריקט אין יידישן לעבן, פון דעסט וועגן וועט איר אומזיסט זוכן די שפורן פון יענע סעקס־כוואַליעס אין דעם יידישן שריפטום. („בבא דאנטונא" פון אליהו בחור מיט איר פלאַכער עראָטיק איז געווען אַ יוצא דופן און ערשט איז דאָס דאָזיקע ווערק אין אַלט־יידיש געוועזן אַן אומשולדיק קינדערשפּיל אַנטקעגן דעם עראָטיק־קולט מיט וועלכן עס האָט זיך דאַן געקוויקט די נישט־יידישע ליטעראַטור). דאָס אַלץ ווערט געזאָגט כדי צו באַווייזן אַז דאָס אָפּהאַלטן זיך פון אַריינברענגען געוויסע נעגאַטיווע צייט־דערשיינונגען אין דעם מלכות פון יידישן וואָרט האָט שוין אַן אַלטע טראַדיציע וואָס היינטיקע יידישע זשורנאַליסטן היטן זי אָפּ, באַוווּסטזיניק, אָדער נישט באַוווּסט־זיניק.

פון דעסט וועגן בלייבט אַ יידישער צייטונגס־מענטש אַ מאָל שטיין פאַר שווערע פּראָבלעמען. יאָ, ער היט זיך טאַקע אויס פון מתעסק זיין מיט די סעקס־טעמעס, עלעהיי זיי וואָלטן גאָרנישט עקזיסטירט, אָבער די טעמעס עקזיסטירן און זיי זענען גאָר נאָענט פון אונדז. אַמאָל מאַכט זיך טאַקע אַז אַ לייענער קומט צום שרייבער אַ צעטומלטער, מחמת ער האָט זיך מיט אָט דעם פּראָבלעם אָנגעטראָפן אין גאָר נאָענטן קרייז פון זיין אייגענער משפּחה. דער דאָזיקער לייענער האָט אַ געדעכטע טענה: „איך בין אויך, זאָגט ער, אַמאָל יונג געווען און האָב יעובר געווען אויף געגנוג לאַוון, אָבער דאָס וואָס עס קומט פאָר אַצינד קאָן איך בשום אופן נישט פאַרשטיין". אַזאַ לייענער האָט אפשר רעכט ווען ער פאַרלאַנגט אַז דער צייטונג־שרייבער זאָל אים אויפקלערן וואָס עס געשעט אַרום אים, ווייל ער וויל פשוט וויסן, צי איז עס אַזאַ מין גזירה פון דער צייט קעגן וועלכער מען קאָן זיך נישט אַנטקעגן־שטעלן, אָדער מען דאַרף קעגן איר יאָ רעאַגירן, באַדיי מיט שרייען געוואַלד, אָדער מיט רייסן זיך קריעה?

וואָס קאָן מען זאָגן אַזאַ לייענער וואָס וויל אַז מען זאָל אים אויפקלערן ווי עס האַלט „מיט די זאַכן" אין דער וועלט? איז פאַר אים גילטיק דער תירוץ, אַז דאָס יידישע וואָרט האָט נישט קיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע אויפקלערונגען מחמת מען מוז זיך דאַ אַריינלאָזן אין באַשרייבן זאַכן

און סצענעס וואָס זענען פּאַר אונדזערס איינעם מוקצה מחמת מיאוס? אָבער די פאַקטן קלאַפּן דאָך פּאַרט אין זיין טיר... ער ווייסט דאָך פּאַרט נישט ווי אַזוי ער זאָל רעאַגירן ווען ער טרעפט ביי זיין 16־יעריק איי־ניקל אַ בוך מיט אַלע פּרטים פון דעם סעקס־מעכאַניזם, אַריינגערעכנט די מיטלען זיך צו פאַרהיטן פון אַ ממזר. דערצו איז ער נאָך צעמישט און מבולבל ווען ער זעט אַז די עלטערן פון זיין אייניקל, דאָס הייסט זיינע קינדער, באַציען זיך צו דער גאַנצער זאַך נישט ווי ער מיינט אַז זיי וואָלטן געדאַרפט זיך באַציען. אין אַזאַ פאַל עגבערט אים אַ מאַטערנדיקע שאלה: צי איז דאָס בלויז זיין אייניקל אַוועק אויף דעם דאַזיקן וועג, אָדער ס׳איז אַ צייט־מכה אַזאַ וואָס אייטערט ביי אַלעמען, כאָטש נישט אַלע רעדן וועגן איר?

יאָ, דער דאַזיקער לייענער איז נישט אַזוי אָפּגעשטאַנען אַז ער זאָל נישט וויסן וואָס עס הייסט „פרייע ליבע״, אָבער דאָס וואָס אים איז צו האַנט געקומען האָט דאָך אַבסאָלוט גאָרנישט צו טאָן מיט יענער צניעותדיקער נאַיִוויטעט וועלכע מען האָט אין זיין צייט גערופן „פרייע ליבע״. ס׳איז דאָך סעקס־הפקרות אין ווולגאַרסטן זין פון וואָרט און אָן אַ שום פייגנבלאַט... מילא, אַ זיידע וועט דאָך נישט באַרעדן זיין אייגן אייניקל און ס׳איז אים גענוג שווער אַז ער דאַרף בלויז טראַכטן דערוועגן, אָבער וואָס זאָל ער פּאַרט טאָן, אַז דאָס אייניקל זיינס (שיין ווי גאָלד און קלוג ווי די וועלט) האָט זיך גאָר אַרויסגעצויגן פון טאַטע־מאַמעס שטוב און האָט זיך געדונגען אַן אייגענע „סטודיאָ״, ווי מען רופט עס אָן און וואָס עס טוט זיך אָפּ נאַכט־נעכטלעך אין דער דאַזיקער סטודיאָ קענט איר זיך שוין אַליין משער זיין, אויב אייער פאַנטאַזיע האָט נאָר אַ נייגונג צו פּערוועזיטעט און אויסגעלאַסנקייט.

וואָס זאָגט מען אַזאַ זיידן, אַ געטרייען לייענער פון דער ידישער פּרעסע, וואָס קומט צו אייך, פּערזענלעך, אָדער בריוולעך, מיט דער טענה: אַרום אייך ברענט אַ וועלט און איר זעט נישט דאָס פייער?

נאָכן איבערלייענען אַזעלכע בריוו, אָדער נאָכן אויסהערן אַזעלכע צעטומלטע, מבולבלע זיידעס נעמט זיך מיר אויסדאַכטן אַז ס׳איז טאָקע נישט קיין חכמה אויסצומיידן די סעקס־טעמע און נישט צו אינפאָרמירן די לייענערס ווי עס האַלט מיט די ענינים אין דער היינטיקער וועלט.

מאַלע וואָס מיר ווילן האַלטן זיבער אונדזערע אייגענע דלת אמות, אָבער אַז ס׳פייער האָט שוין אָנגעצונדן דעם אייגענעם דאַך, טאָ ווי קען מען דאָ זיין אַ מפונק ?

זעט איר, די העברעאישע זשורנאַליסטן האָבן אין דעם פּרט נישט קיין שום פּראָבלעם. ווען איר נעמט אַ העברעאישע צייטונג אין האַנט אַריין טרעפט איר כמעט טאָגטעגלעך, סיי אינפאָרמאַציע, סיי באַלייכטונגען וועגן די סעקס־דערשיינונגען פון דער צייט. די פאַקטן גופא ווערן דערציילט און פאַראַן אַזעלכע וואָס דאָס בלויזע איבערדערציילן זיי מיט די פּירקאַנטיקע אותיות איז אין דער היינטיקער יידישער פּרעסע ממש אוממעגלעך.

כ׳רעד שוין נישט וועגן דעם וואָס אַפילו אין דער סאָלידער העברעאישער פּרעסע טרעפט איר אַרטיקלען, אַנקעטעס, רעפּאָרטאַזשן און כלערליי אַנדערע מאַטעריאַלן וואָס דערציילן נישט בלויז בפרטיות וועגן סעקס־מעשים, נאָר זיי באַרעכטיקן זיי אפילו און ווייזן אויף אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג אויף וועלכן די מענטשהייט דאַרף גיין. זיי האָבן אַ יונגן לייענער און אַ יונגן שרייבער און ס׳איז נאַטירלעך וואָס זיי רעדן וועגן סעקס, זעענדיק די ראָל פון די מענטשלעכע ייצרים דורך דער פּריזמע פון טעמפּעראַמענט. זענען די יידישע צייטונגען אויך אין דער זעלביקער לאַגע ?

נעמט אייך אַ פּשוטן פאַקט : וואָכן און חדשים האָט די וועלט־פּרעסע דערציילט באריכות וועגן דעם פאָרנאָגראַפישן יאַריד וואָס איז פאָרגעקומען אין דענעמאַרק. אין דער יידישער פּרעסע האָב איך אָבער אָפּגעציילט בלויז איינצלנע זייער איינגעהאַלטענע באַשרייבונגען פון דעם דאָזיקן יאַריד. מיינט איר אַז דאָס איז דערפאַר ווייל יידישע צייטונגס־שרייבער ווייסן נישט פון אים און קענען נישט זיינע איינצלהייטן ? הייבט זיך גאָרנישט אָן, וואָרעם ווי אַזוי זאָל מען דערוועגן נישט וויסן אַז מען לייענט זיך אָן ווי אַ קעסל־פּויק מיט די באַשרייבונגען און מען זעט זיך אָן מיט די נאַקעט־בילדער וואָס ווערן געבראַכט אין דער פּרעסע פון אַנדערע לשונות ? אלא וואָס דען ? אַ יידישן פּען־מענטש לייגט זיך עפּעס נישט די האַנט צו באַשרייבן אָט דעם מאָדערנעם סדום ועמורא. וואָרעם גיי, באַשרייב אים, אַז דאָס סאַמע ערשטע מוזסטו דערציילן וועגן דעם אַז

דאָרט, איבער דעם בנין פון דער אויסשטעלונג, שאָקלט זיך אַ גיגאַנ־טישער עמבלעם און דער דאָזיקער גיגאַנטישער עמבלעם איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ מענערישער אבר, געמאַכט פון גומי און אָנגעבלאָזן מיט לופט, חוץ דעם, ווי דערציילט מען עס דעם ידישן לייענער אַז דאָרט אויף דעם יאַריד איז די גרעסטע אַטראַקציע די „באַנאַנע״, אין פאַרשידענער גרויס, און אַז דאָס וואָרט „באַנאַנע״ איז דאָ ווידער אַ מאָל אַ לשון נקיה פאַר דעם זכרישן אבר. איז אויך מסתמא קלאָר. נו און איצט זיי אַ בריה און שרייב וועגן דעם ווי אַזוי פרויען קומען מאַסנווייז קויפן די דאָזיקע „באַנאַנעס״, פּונקט ווי מענער קומען מאַסנ־ווייז קויפן אַזעלכע גומי־פיגורן פון אַן אדם און אַ חוה, וואָס באַוועגן אייך מיט דער הילף פון עלעקטרישע באַטעריעס דעם גאַנצן פּראָצעס פון תשמיש... און ווי אַ צולאָג ווערן נאָך די דאָזיקע זאַכענישן פאַר־קויפט דורך בלאָנד־האָריקע מיידלעך וואָס האָבן אפילו נישט אויף זייער לייב חוהס פייגנבלאַט.

אָבער דער יאַריד פון פּאָרנאָגראַפיע (פּאָרנאָ נעמט זיך פון גריכישן וואָרט: זונה) איז פאָרט אַ פאַקט און ער איז פאָרגעקומען אין אַ קול־טורעל לאַנד, מיט דער גוטהייסונג און באַוויליקונג פון אַ רעספּעקטאַ־בעלער רעגירונג. טאָג־טעגלעך האָבן די פּאַווילאָנען פון דעם דאָזיקן יאַריד באַלאַגערט הונדערטער מענטשן וועלכע האָבן געקויפט די עראָ־טישע בילדער און חפצים וואָס מען האָט ערשט מיט 10 יאָר צוריק פאַר־קויפט אין פּאַריז, אויפן פּלאַץ פּיגאַל, פון הינטער דער פּאָלע און ערשט דאַרפט איר געדענקען אַז דאָס וואָס מען האָט פאַרקויפט אויפן דענע־מאַרקער פּאָרנאָגראַפישן יאַריד איז ווי אַ פּאָרנאָגראַפישער סילאָן־אַוויאָן אַנטקעגן דעם אייזל־טרייבערישן סעקס פון פּאַריזער פּיגאַל...

און מיינט איר אפשר אַז דאָס איז בלויז הפקרות? בלויז צעלאָזנ־קייט? בלויז אויסגעלאַסנקייט? אַ טעות: די דאָזיקע הפקרות האָט היינ־טער זיך אַ גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע, אַ גאַנצע וועלט־אַנשויונג און — הערט און שטוינט — מען מאַכט פון איר אויך אַ סאָציאַלן משיח. וואָרעם אָט האָט די רעגירונג פון דענעמאַרק דערקלערט, אַז זייט זי האָט אָראָפּ־גענומען דעם פאַרבאָט אויף פאַרקויפן עפנטלעך פּאָרנאָגראַפישע מאַ־טעריאַלן, האָט זיך די צאָל סעקסועלע פאַרברעכנס אין לאַנד שטאַרק

פאַרקלענערט. הייסט עס אַז ס׳איז נישט סתם הפקר־פּיעטרישקע, ס׳איז גאָר אַ סאָציאַלע רעטונג פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דער לייענער וועט אפשר דערפילן, אַז איך היט זיך אויס ביים דערציילן וועגן די דאָזיקע פאַקטן פון איבעריקער פּיקאַנטעריע און קיצלדיקייט, אָבער סיי ווי קאָן איך, ווי געזאָגט, נישט פאַרטיק ווערן מיט זיך און מיט דער פריער־געשטעלטער פראַגע: אפשר איז פאָרט נישט קיין חכמה פון אונדזער זייט די דאָזיקע פאַקטן, די דאָזיקע אינ־פאָרמאַציע צו פאַרשווייגן?

אפשר דאַרף מען פאָרט וועגן די זאַכן מער דערציילן אין אונדזערע יידישע בלעטער, כדי יידישע זיידעס און יידישע באָבעס זאָלן וויסן אין וואָס פאַר אַ וועלט זיי לעבן?

איך מיין נישט אַז דאָס קענען די פאַקטן דאַרף אונדז פירן מיט זיי שלום צו מאַכן, אָדער דאַרף ענדערן אונדזער באַציונג צו זיי. דאָך — לאָמיר כאָטש וויסן ווו מיר האַלטן אין דער וועלט. לאָמיר, ווייניקסטנס, קענען די צייט־געשעענישן און וויסן וואָס פאַר אַ פילאָזאָפיע אימשטיינס געזאָגט, עס שטעקט הינטער זיי.

די שרייבערישע פאַנטאַזיע און די רעאַליטעט

אַלע ווייסן, אַז שרייבער האָבן זייער אַ סך מאָל אומאַנגענעמלעכקייטן צוליב זייערע העלדן. על פּי רוב נעמט דער שרייבער אַ מאָדעל פון לעבן און ער באַשרייבט אים אויף זיין קינסטלערישן אופן. אָבער אַ סך מאָל דערקענט זיך דער מאָדעל אין דער דאָזיקער באַשרייבונג און ער קומט צום שרייבער און מאַכט אים סקאַנדאַלן. גאָר אָפט ענדיקט זיך עס נישט בלויז מיט סקאַנדאַלן, נאָר אויך מיט פּראָצעסן און מיט כלערליי אַנדערע צרות. שרייבער זענען דעריבער זיך נוהג אַ סך מאָל אָנצומערקן, אַז יעדע ענלעכקייט פון דעם געשילדערטן העלד צו אַ וואָסער עס איז לעבעדיקן מענטש איז נאָר אַ צופעליקייט, און דער שרייבער טראָגט פאַר דער דאָזיקער ענלעכקייט נישט קיין שום אחריות. די דאָזיקע פאָרזיכטיקייט, העלפט אָבער זייער ווייניק. דער מענטש, וואָס דערקענט זיך אין דעם געשילדערטן העלד, טוט דאָס זייניקע: ער פאַרביטערט דעם שרייבער די יאָרן.

מען וואָלט געקענט אָנשרייבן צען בענדער מיט פאַקטן פון שרייבערישע צרות פון זייערע העלדן. איך מאַך געוויס נישט קיין טעות, ווען איך דערמאַן זיך, אַז אויך מענדעלע מוכר ספרים האָט געהאַט צרות מיט אַ טיפּ וואָס האָט זיך דערקענט אין זיינס אַ ווערק. נו, אַז שלום אַש האָט געהאַט צרות פון זיין לעבעדיקן מאָדעל, וואָס ער האָט געשילדערט אַלס מאַטקע גנב, דאָס איז באַוווסט. יענער האָט אים פּשוט געוואָלט ממיתן אזן ס'האָט אים, דאַכט זיך, געגנוג געקאָסט ביז ער האָט זיך מיט אים פאַרגלייכט.

צרות האָט אויך געהאַט פון זיינס אַ מאָדעל טאָמאַס מאַן און דער דאָזיקער מאָדעל איז גראָד אַליין געווען פון דער שרייבערישער פּראָפעסיע.

לעוויטאַן, אַליין אַ קינסטלער, האָט נישט געוואָלט לײדן וואָס זיין פריינד טשעכאָוו האָט אים באַשריבן אין דער דערציילונג „פּאָ־פריגוניאַ" און ער איז אויף אים געווען שטאַרק אין כעס. מיט אַ צייט צוריק איז אָנגעקומען קיין צפון־אַמעריקע אַ פישער פון קובאַ כדי איינצוקלאָגן די יורשים פון דעם שרייבער העמינגווייַ, ווייל, ווי עס זאָגט דער פישער, האָט העמינגוויי אים געשילדערט אין זיין באַרימטער נאָוועלע „דער אַלטער און דער ים" און ווי באַלד אַזוי, איז דאָך נישט מער ווי רעכט, אַז אויך ער, דער פישער, זאָל זיין כאָטש אַ שטיקל שותף צו די פּעטע האָנאָראַרן, וואָס דאָס ווערק האָט געגעבן, באַזונדערס דעמאָלט ווען עס איז פילמירט געוואָרן.

שרייבער בכל קצוי תבל און אין אַלע צייטן, האָבן זיך געגנוג אָנגעליטן פון זייערע העלדן. אויב דער מאָדעל פאַרן העלד איז געווען אַן איינפלוסרייכער מאַן, האָט מען דעם שרייבער נישט געדאַרפט מקנא זיין. אַ סך מאָל איז ער איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה, (ווי, למשל, וואָלטער, ווען ער האָט געשילדערט דעם אַריסטאָקראַט דע ראָהאַן), אָדער פאַרמשפט געוואָרן צו אַ גרויסער געלט־שטראָף. אין ענגלאַנד איז נאָך היינט נישט קיין זעלטנקייט, אַז פלוני זאָל אָנ־קלאָגן דעם שרייבער אַלמוני, באשר ער האָט זיך דערקענט אין זיין ווערק און באשר דער שרייבער האָט אים אַרויסגעשטעלט נישט אַזוי ווי ער אַליין זעט זיך. מענטשן ווילן נישט לײדן ווען מען וויַזט זיי אין אַזאַ שפּיגל אין וועלכן זיי געפעלן זיך נישט. לייענט עמעצער איבער אַ דערציילונג פון אַ שרייבער און ער דערזעט זיך און האָט אַ חשד, אַז דאָס האָט דער שרייבער אים געשילדערט, אַזוי פאַרלירט ער זיין גאַנצע ליטעראַטור־אויפנעמערישע אָביעקטיוויטעט. פאַר אַנ־דערע לייענער איז דער געשילדערטער העלד אַ ליטעראַריש געשטאַלט. פאַר דעם מאָדעל איז אָבער דער געשילדערטער העלד אַ פּאַמפלעטיש געשטאַלט און ער טראַכט, אַז דער שרייבער איז נישט אויפן געווען קיין שום אַנדערע זאַך, ווי נאָר אים אַרונטערצורייסן און באַשמוצן. דער אַפּטייקער וואָס האָט זיך דערקענט אין פלאָבערס „מאַדאַם באָ־וואַרי", האָט נישט געוואָלט וויסן פון דעם אַלמענטשלעכן דערקענטע־ניש־ווערט פון גאַנצן ווערק. וועדליק אים איז פלאָבער מיט זיין גאַנצן

ווערק אויסן געווען בלויז אים צו דיסקרעדיטירן, אָדער מיט אים זיך אָפּצורעכענען. ווי באַלד אַזוי, פאַרוואָס זאָל ער שווייגן?

אין די ערשטע יאָרן פון מיין קומען קיין אַרגענטינע האָב איך זיך באַקענט מיט אַ ייד, וועלכער האָט מיר דערציילט אַ מעשה וועגן אַ סכסוך מיט אַ שרייבער וואָס האָט אים באַשריבן. איך האָב זיך שפּעטער באַקענט מיט דער דערציילונג און האָב איינגעזען, אַז דער געשילדערטער העלד איז אין קיין שום שטריך נישט ענלעך צו דעם דאָזיקן ייד און איך האָב אים ביי אַ געוויסער באַגעגעניש געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס ער האָט געהאַט אַ סכסוך מיט דעם דאָזיקן שרייבער. לאָזט זיך אויס, אַז אין דער דאָזיקער דערציילונג, איז געשילדערט געוואָרן אַ געוויסע געשעעניש, בעסער געזאָגט, אַן אינצידענט וואָס עפּעס ענלעכס צו אים איז ווירקלעך פאָרגעקומען צווישן דעם ייד און דעם שרייבער. דער ייד האָט מיר שפּעטער זייער לאַנג און בפּרטיותדיק דערציילט דעם אינצידענט וואָס איז, לויט זיינע רייד געווען אין גאַנצן אַנדערש פון דעם, וועלכן דער שרייבער האָט געשילדערט. האָב איך צו דעם ייד געטענהט: ווי באַלד דער באַשריבענער העלד איז לגמרי נישט ענלעך צו אייך און ווי באַלד דער אינצידענט וואָס ווערט געשילדערט איז אויך נישט ענלעך צו דעם פאַקטישן אינצידענט, וואָס איז צווישן אייך פאָרגעקומען, טאָ פון וואַנען ווייסט איר, אַז מען מיינט אייך? און פאַר וואָס זאָלט איר האָבן טענות צום שרייבער? מיינע רייד האָבן אָבער דעם יידן נישט איבערגעצייגט. ער איז אַלץ געבליבן ביי דער מיינונג, אַז דער שרייבער האָט געהאַט אין זין צו באַשרייבן אים און לאו דווקא, וואָס ער האָט אים באַשריבן האָט ער נאָך די מעשה נישט איבערגעגעבן ריכטיק, נאָר אין אַזאַ ליכט וואָס איז פאַר אים נישט גינסטיק.

וויל דאָס זאָגן, אַז מענטשן זענען פילבאַר און עמפּינדלעך נישט בלויז דעמאָלט, ווען מען דערקענט זיי אין אַ ליטעראַריש ווערק, נאָר זיי ווערן אויך אויפגערעגט און דערצאָרנט ווען נאָר זיי אַליין דערקענען זיך דערין, כאָטש אַ פרעמדער וועט בשום אופן אויף דער דאָזיקער ענלעכקייט זיך נישט אָנשטויסן. דאָס טרעפט געוויינלעך זעלטענער. וואָרעם בדרך כלל וועט קיין שום מענטש זיך נישט זען אין קיין

נעגאַטיוון ליטעראַרישן העלד, מחמת די דאָזיקע נעגאַטיוויקייט איז פּאַר אים אַליין אַ סוד און ער איז זי ביי זיך גאָרנישט חושד. דעריבער טרעפט אַ סך מאָל, אַז איר שילדערט אַ מענטשן מיט אַלע זיינע חסרונות, אָבער דער מענטש אַליין קומט אייך זאָגן, אַז ער האָט פון אייער שילדערונג שטאַרק הנאה געהאַט, ווייל איר האָט די פּאַסקודניאַקעס, גוט אַריינגעזאָגט. יענע פּאַסקודניאַקעס, אָבער נישט אים. ער אַליין, אויף וויפל ער קען זיך, איז דאָך אַ פיינער מאַן און האָט נישט די אַלע חסרונות וואָס איר שילדערט... פון דעסט וועגן מאַכן זיך אָפט מאָל אַזעלכע פאַלן, ווען דער מאָדעל דערקענט זיך יאָ אין אַ שרייבעריש ווערק, אָדער דערפאַר ווייל ער איז טאַקע שוין זייער ענלעך, אָדער דערפאַר, — און דאָס טרעפט טאַקע מערסטנטייל, ווייל די אַרומיקע מענטשן האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס האָט איר אים געמיינט און אים באַשריבן.

דאָ רעדט זיך אַלץ וועגן אַזעלכע פאַלן ווו דער שרייבער האָט טאַקע געהאַט אין אויג אַ געוויסן לעבעדיקן מאָדעל און אים געשילדערט אין זיין ווערק. פלאָבערס אַפּטייקער, טאָמאַס מאַנס זשורנאַליסט, שלום אַשס מאַטקע גנב און נאָך הונדערטער און טויזנטער אַנדערע, האָבן טאַקע געהאַט אַ רעאַלע טענה און דער שרייבער האָט זיך פאַר דער טענה מיט עפּעס געמוזט פאַרענטפערן, וואָרעם דער לעבעדיקער מאָדעל האָט אים ווירקלעך געכאַפּט ביי דער האַנט, בעת ער האָט אים, אַזוי צו זאָגן, קינסטלעריש פאָטאָגראַפירט. צי דער מאָדעל איז באַרעכטיקט מיט זיינע טענות, ווייס איך נישט. צי עס קומען אים אַ טייל פון די האָנאָראַרן, ווי ס'איז דער פאַל מיט העמינגווייס פישער, ווייס איך אויך נישט. דאָס איז אַן ענין פאַרן געריכט. אָבער אין די אַלע פאַלן איז פאַראַן אַ באַרעכטיקטע באַזע פאַר דער טענה און דער שרייבער ווייסט כאָטש פאַר וועלכע זינד ער ווערט געשטראָפט, הגם פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז די שטראָף אַן אומגערעכטע.

ערגער איז אָבער אין אַ צווייטן פאַל. עס טרעפט: דער שרייבער שרייבט אַן אַ דערציילונג און די געשעעניש וואָס שאַפט דעם מעשהדיקן עיקר פון דער דערציילונג, איז „טאַטש וו'טאַטש" די זעלביקע מעשה וואָס האָט געטראָפן מיט פלוני. דער שרייבער שרייט נעבעך

געוואַלד, אַז ער האָט די גאַנצע מעשה גענומען פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע, „פון קאָפּ אַרויס", הייסט עס, אָבער דער מענטש וואָס מיט אים האָט די מעשה געטראָפן וויל פון גאָרנישט וויסן. ער שרייט אויך געוואַלד, אַז דאָס האָט מען אים באַשריבן. און ווער האָט געגעבן דעם שרייבער דאָס רעכט צו דערציילן פאַר דער עפנטלעכקייט זיינס אַן אינטימע איבערלעבונג? וואָס, די וועלט איז שוין טאַקע הפקר און מען מעג שוין פון אינטימען רשות היחיד אַרויסטראָגן אין עפנטלעכן רשות הרבים?

אַזעלכע סיטואַציעס זענען די סאַמע קאָמפּליצירטסטע אין שרייבערישן לעבן. דער שרייבער אַליין שטייט דאַן פאַרחידושט און ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. ער האָט, ווייסט ער, אויסגעטראַכט די מעשה, אָבער ערגעץ־ווו האָט שוין דאָס לעבן גופא די מעשה „אויסגעטראַכט" פריער און זי איז פאַרגעקומען נאָך איידער זי איז אויפגעגאַנגען אין זיין פאַנטאַזיע. ווייסט ער דעריבער נישט צי זאָל ער פילן אַ סאַטיספאַקציע וואָס זיין אויסטראַכטעניש איז אַזוי רעאַל, אָדער זאָל ער פילן אַ קלעמונג צוליב דעם וואָס ער, מיט זיין גאַנצער פאַנטאַזיע, איז נישט מער ווי אַ פּליאַגיאַטאָר פון דעם גרויסן מחבר וואָס הייסט: לעבן. און ערשט די קאָנקרעטע צרות, דער לעבעדיקער מענטש וואָס שטייט פאַר זיינע אויגן און באַקלאָגט זיך, אַז ער האָט אים אַן עוולה געטאָן, בעת אין דער אמתן האָט ער צו דעם מענטש גאָרנישט און ס'טוט אים ווירקלעך וויי וואָס צוליב זיין פאַנטאַזיע ליידט אַ לעבעדיקער, אַ קאָנקרעטער מענטש.

מען קאָן מיינען, אַז די דאָזיקע פאַלן זענען אַ זעלטנקייט, אָבער זיי זענען נישט קיין זעלטנקייט און אויך וועגן זיי קאָן מען אָנשרייבן גאַנצע ביכער. אַ באַקאַנטער יידישער זשורנאַליסט אין דרום־אַמעריקע פלעגט מיר תמיד דערציילן וועגן אַזאַ געשיכטע וואָס ער האָט אַ מאָל אָנגעשריבן און אויף צו מאָרגנס איז צו אים געקומען אַ ייד און אים געבעטן רחמים, ער זאָל אים אויסזאָגן ווער ס'האָט אים די מעשה דערציילט. צו אייך, האָט דער ייד געטענהט, האָב איך גאָרנישט, איר זייט אַ שרייבער און אייער זאַך איז צו דערציילן אַזעלכע געשיכטעס וואָס קאָנען פאַראינטערעסירן דעם לייענער. אָבער זאָגט מיר כאָטש

האָט דער ייד זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, ווער פון מיינע פריינט עס האָט אייך איבערגעגעבן די דאָזיקע געשיכטע: לאַמיר כאָטש וויסן ווער פון מיינע פריינט עס האָט מיר אָנגעאַרבעט דאָס שטיקל? איך וועל דאָך פון היינט אָן צו קיינעם פון מיינע געציילטע פריינט קיין צוטרוי נישט האָבן, טאָ זאָגט מיר: ווער איז עס געווען דער, וואָס האָט מיך אַזוי פאַרראַטן און פאַרשעמט?

דער ייד איז אָוועקגעגאַנגען פון דעם שרייבער מיט אַ צעווייטיקט האַרץ, נישט אַזוי צוליב דער מעשה גופא, נאָר צוליב דער איינרעדעניש, אַז מיטן דערציילן די מעשה האָט אים איינער פון זיינע געציילטע פריינט וואָס האָט פון דער מעשה געוווסט, געוואָלט און טאַקע געטאָן אַ רעה. אַלע פאַרזיכערונגען, אַז די ענלעכקייט פון דער מעשה איז אַ צופאַל און אַז דער שרייבער האָט זי אויסגעטראַכט פון קאָפּ, האָבן דעם ייד נישט געוואונען, נישט געלייגט זיך אויף זיין שכל. ניין, נישט אַנדערש נאָר ער האָט אַ שונא אין זיין אייגענער סביבה און ווער דער שונא איז ווייסט ער נישט.

מיר איז אויך באַקאַנט אַ פאַל מיט אַ באַרימטן יידישן פּאָעט אין ישראל וואָס פלעגט אונטער אַ פּסעוודאָנים שרייבן בילדלעך פון לעבן אין אַ יידישער צייטונג. איינס פון אָט די בילדלעך וואָס דער שרייבער האָט בפירוש אויסגעטראַכט איז געווען אַזוי ענלעך צו אַ פאַל, וואָס האָט געטראָפן אין לעבן (פון וועלכן דער שרייבער האָט קיין שום אַנונג נישט געהאַט), אַז די משטרה, די פּאָליציי, האָט זיך אַריינגעמישט און אויפגעפאָדערט דעם שרייבער ער זאָל אַנטפּלעקן פון וועלכע קוואַלן ער האָט באַקומען זיין אמתדיקע אינפאָרמאַציע.

און כדי נישט צו פאַררופן זיך בלויז אויף אַנדערע, וויל איך אייך דערציילן פון אַן ענלעכער געשיכטע אין מיין אייגענער שרייבערישער פּראַקטיק. קיין סך קאָן איך, ליידער, נישט דערציילן. פאַראַן פּרטים וואָס איך קאָן, פאַרשטענדלעך, נישט מגלה זיין. אָבער ס׳האָט געטראָפן: אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע פון אָנהייב ביזן סוף האָט געבראַכט אַ בריוו אין רעדאַקציע און אין דעם בריוו האָט אַ טאָכטער געזידלט איר טאַטן, באשר פון דער מעשה איז צו זען אַז ער קלייבט זיך שווין חתונה צו האָבן נאָך דעם ווי די ערד אויף דעם קבר פון זיין

י צ ח ק י אַ נ אָ ס אָ ו ו י ט ש

ערשטער פּרוי, דער בריוו־שרייבערינס מוטער, איז נאָך נישט איינ־געטרעטן געוואָרן...

ווי אַזוי די אויסגעטראַכטע געשיכטע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַזאַ שטיק רויער רעאַליטעט, הייב איך נישט אָן צו וויסן. אָבער די פאַקטן באַווייזן, אַז אַזעלכע פאַרוואַנדלונגען זענען בנימצא און זיי שטעלן דעם שרייבער אין אַ קאָמפּליצירטער לאַגע, נישט ווייניקער ווי דעמאָלט, ווען ער באַשרייבט אמתע פאַקטן און שילדערט אויטענטישע מאָדעלן פון דער אים באַקאַנטערווירקלעכקייט...

1965

דער תנ״ך אין משך פון דורות

„נישטאָ נאָך אַ ווערק, וואָס מען זאָל עס אַזויפיל האָבן איבערגע־זעצט, געפאָרשט און קאָמענטירט ווי דער תנ״ך, דער ספר הספרים פון יידישן פאָלק. מיט די דאָזיקע ווערטער הייבט אָן דער שרייבער ר. צור זיין מאמר וועגן תנ״ך און דערציילט אַ ריי טשעקאַווע פרטים וועלכע זענען מיט אים פאַרבונדן. אין די ווייטערדיקע שורות וועלן מיר זיך באַנוצן מיט אייניקע פאַקטן וואָס ווערן דערציילט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, צוגעבנדיק צו זיי אונדזערע אייגענע קאָמענטאַרן און באַמער־קונגען.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז נישט תמיד האָט דער תנ״ך גע־האָט אַזאַ אויסזען ווי היינט. אַזוי למשל איז ער אין די גאָר אַלטער־טימלעכע יאָרן נישט געווען געטיילט אויף קיין סדרות, פרשיות און פסוקים. די דאָזיקע פאַנאַנדערטיילונג האָבן ערשט דורכגעפירט די חכמי התלמוד און קאָנקרעט — די אמוראים. לויט זייער חשבון זענען אין דער תורה פאַראַן 5.888 פסוקים. אַז מיר וועלן אָבער פרווון נאָכקאָנ־טראָלירן דעם דאָזיקע ענין וועט זיך אַרויסווייזן, אַז עס געפינען זיך דאָרט נאָר 5.845 פסוקים. ווו זשע זענען אַהין געקומען די אַנדערע 43 פסוקים? זאָלן זיך די חכמי התלמוד האָבן טועה געווען? תנ״ך־קענער האַלטן, אַז קיין טעות איז דאָ נישט פאַראַן, נאָר וואָס דען? במשך פון דער צייט האָבן די איבערשרייבער געמאַכט טעותים און געוויסע פסו־קים צוזאַמענגעהאַפטן. נימצא, אַז אַזוי אַרום פעלן אונדז איצט די 43 פסוקים צו דער צאָל וואָס די אמוראים האָבן אָנגעגעבן.

אינטערעסאַנט איז אויך, אַז אין די ספרי תורה פון וועלכע מיר לייענען אין בית הכנסת איז נישט פאַראַן קיין פאַרטיילונג פון פסוקים

און ס׳זענען אויך נישט פאַראַן די סמני ניקוד, וועלכע מיר געפינען אין די געדרוקטע תנכן.

כדאי דאָ צו באַטאָנען, אַז דער עצם געדאַנק צו טיילן דעם תנ״ך אויף סדרות, פרשיות און פסוקים איז נישט קיין אָריגינעלער יידישער אויפטו. יידן האָבן עס איבערגענומען פון די גוים. וועלכע האָבן דעם תנ״ך איבערגעזעצט און איבערזעצנדיק געמאַכט די דאָזיקע איינטיילונג. און פאַרוואָס האָבן יידן איבערגענומען אָט דעם גוישן איינפיר לגבי זייער גרעסט ווערק? דערפאַר, ווייל אין די דיסקוסיעס מיט די קריסטן האָבן זיי זיך געמוזט פאַררופן אויפן תנ״ך און דערביי האָט מען זיך געמוזט פאַררופן אויף אַ באַשטימטן קאַפיטל, אָדער אויף אַ באַשטימטן פסוק. נישט וועלנדיק איבערנעמען די גוישע איינטיילונג, האָבן דעריבער די אמוראים געמאַכט זייער אייגענע.

דער ערשטער תנ״ך אין לשון קודש, מיט דער היינטיקער איינטיילונג, איז געדרוקט געוואָרן אין ווענעציע אין יאָר 1516. דער ערשטער תנ״ך אין דער לאַטיינישער שפּראַך איז געדרוקט געוואָרן דורך דעם דרוק־דערפינדער, גוטענבערג, אין יאָר 1456.

די חז״ל האָבן געציילט די ווערטער און די אותיות וועלכע זענען פאַראַן אין ספר הספרים, ווייל יעדעס וואָרט און אות האָט געהאַט אין זייערע אויגן אַ זעלבשטענדיקע חשיבות. נאָך אַן אויספאָרשונג האָבן זיי פעסטגעשטעלט, אַז דער אות „ו״ פון דעם וואָרט „גחון״ (ויקרא י״א מ״ב) איז דער מיטלפונקט פון דער תורה, פון שטאַנדפונקט פון דער צאָל אותיות. די ווערטער „דרש דרש״ (ויקרא י׳ ט״ז) איז דער מיטל־פונקט פון שטאַנדפונקט פון דער צאָל ווערטער און דאָס וואָרט „והת־גלח״ (ויקרא י״ג ל״ג) איז דער מיטן פון אַלע תורה־פסוקים.

אַזאַ מין דעטאַלירטער חשבון איז דורך זיי אויך געמאַכט געוואָרן לגבי די באַזונדערע תנ״ך־ספרים. אַזוי צום ביישפּיל האָבן זיי אויסגע־חשבונט, אַז דער אות „ע״ פון וואָרט „יער״, אין דעם פסוק „יכרסמנה חזיר ביער״ (תהילים פ׳ י״ד), איז דער מיטן פון אַלע אותיות אין ספר תהילים.

אַלע תנ״ך־ספרים זענען געשאַפן געוואָרן אין משך פון אַ יאָרטויזנט. אין צווישן צייט זענען אויך געשאַפן געוואָרן אַנדערע ספרים, וועלכע

זענען נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין תנ"ך און זענען מיט דער צייט פאַרלוירן געגאַנגען. צווישן זיי איז פאַרלוירן געגאַנגען דאָס „ספר הישר", די „דברי הימים למלכי יהודה" און אַנדערע.

כאָטש דער תנ"ך, אַלס גאַנצער, איז אין לשון קודש, זענען אָבער אין אים פאַראַן טיילן וואָס זענען געשריבן אין אַן אַנדערער שפּראַך און דאָס איז: אַראַמיש. נאָך מער וווּנדער איז וואָס אין תנ"ך געפינט מען זייער אַ סך ווערטער גענומען פון אַראַביש, אשוריש, באַבילאָניש, מיצריש און עטיאָפּיש. פאַראַן אַפילו גריכישע ווערטער, ווי דאָס וואָרט „סומפוניה" (דניאל ג׳ ה׳) וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָרט „סימפאָניע".

עס זענען אין תנ"ך פאַראַן פּסוקים מיט ווערטער, וואָס אויב מען ווייסט נישט זייער אָפּשטאַם איז זיי שווער צו פאַרשטיין. אויף דעם געביט האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט דער גרויסער תנ"ך־פאָרשער פּראָפ. קאַסאָטאָ ז"ל, וועלכער האָט פּשוט געעפנט די אויגן אויף דעם באַדייט פון די אומפאַרשטענדלעכע שטעלן. ווי אַ ביישפּיל וועלן מיר דאָ ברענגען פּראָפ. קאַסאָטאָס אויסטייטש פון דעם פּסוק „ויאמר קין אל הבל אחיו, ויהי בהיותם בשדה ויקם קין על הבל ויהרגהו" (און עס האָט געזאָגט קין צו זיין ברודער הבל און ווען זיי זענען געווען אין פעלד איז קין אויפגעשטאַנען אויף הבלען און האָט אים דערהרגעט). דער פּסוק הייבט זיך אָן, ווי מיר זען, מיט דעם, אַז קין האָט געזאָגט צו זיין ברודער הבל, אָבער וואָס ער האָט אים געזאָגט ווערט נישט אָנגעגעבן. פּראָפ. קאַסאָטאָ האָט נאָכגעפאָרשט וואָס דאָס וואָרט „ויאמר" האָט באַדייט אין אַנדערע שפּראַכן, נאָענטע צו עברית, און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס וואָרט באַדייט נישט בלויז „ער האָט געזאָגט", נאָר אויך „ער האָט זיך אָפּגערעדט". אַ דאַנק דער דאָזיקער וווּנדער־לעכער אויפקלערונג ווייסן מיר איצט, אַז דער פּסוק וויל אונדז זאָגן, אַז קין האָט זיך אָפּגערעדט מיטן ברודער הבל צו טרעפן אין פעלד און ווען זיי זענען ביידע געווען אין פעלד האָט ער אים דערהרגעט: ס׳ווערט, בכן, קלאָר, אַז דאָס איז געווען אַ מאָרד מיט פּרעמעדיטאַציע, ווי עס הייסט אין די היינטיקע קרימינעלע טערמינען.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען נעמט אָן דעם דאָזיקן אויסטייטש

פאַלט במילא אַוועק אַ גאַנצער באַרג מיט דרש, וואָס איז אָנגעהאַנגען געוואָרן אין דעם דאָזיקן פסוק און וואָס איז אפשר אינטערעסאַנטער, טיפער און שאַרפזיניקער ווי דער ווערטערלעכער מיין אין זיין קאָרעגירטער אויפקלערונג...

דער תנ״ך האָט זיך אויפגעהיטן און איז דערגאַנגען צו דער וועלט דורך דריי וועגן.

א) דורך די העברעישע כתב ידן, וואָס איינער פון זיי שטאַמט פון יאָר 916 און צוויי אַנדערע פון אַ נאָך פריערער דאַטע. לעצטנס זענען אויך צוגעקומען די „מגילות גנוזות״, וואָס שטאַמען פון אַ נאָך־פריערדיקער צייט.

ב) דורך די כתב ידן פון די שומרונים, וועלכע אַנטהאַלטן בלויז די תורה, אָבער נישט די נביאים און נישט די כתובים.

ג) דורך דעם תרגום השבעים, גערופן די „סעפּטואַגינטאַ״. דאָס איז אַן איבערזעצונג פון דעם תנ״ך אויף גריכיש, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך יידישע געלערנטע (לאַוו דווקא 70) אין אַלעקסאַנדריע, אין דעם דריטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. אין יענער צייט האָט זיך אין מצרים שוין געפונען אַ מיליאָן יידן, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן עברית און זענען דאָך געווען צוגעבונדן צו דער יידישער אמונה. אַ צווייטער ציל פון דער סעפּטואַגינטאַ איז געווען צו פאַרשפּרייטן דעם תנ״ך צווישן די גוים, דאָס הייסט: צו באַקענען זיי מיט דעם יידישן גלויבן. דער תרגום השבעים איז, אויף וויפל אונדז באַקאַנט, די ערשטע תנ״ך־איבערזעצונג אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

אין משך פון דער צייט איז דער תרגום השבעים געוואָרן פול מיט גרייזן און דאָס — נישט צופעליק, נאָר מיט אַ כיוון. דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך די קריסטן, וועלכע האָבן געוואָלט אַריינפירן אין דער ביבל זייערע רמזים און סימבאָלן, וועלכע זאָלן עדות זאָגן אויף ישו הנוצרי. דעריבער האָבן די חכמים, זכרונם לברכה, באַשלאָסן, אין צווייטן יאָרהונדערט, צו מאַכן אַ נייע תנך־איבערזעצונג אין גריכיש. די אויפ־

גאַבע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף ר׳ עקיבאס אַ תלמיד, דעם גר עקילס. די דאָזיקע איבערזעצונג איז ביזן היינטיקן טאָג באַקאַנט ווי דער תרגום עקילס.

ביים סוף פון בית־שני האָט דאָס פאָלק אין ישראל שוין נישט גערעדט קיין עברית, נאָר אַראַמיש. עברית האָט שוין דאָס פאָלק, סיי אין ארץ ישראל, סיי אין בבל נישט געקענט. כדי די תורה זאָל נישט פאַרגעסן ווערן, האָבן די חז״ל באַשלאָסן זי איבערצוזעצן אויף אַראַמיש. אויך דאָס מאָל איז די אויפגאַבע אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַ גר מיטן נאָמען אונקלוס און זיין איבערזעצונג איז באַקאַנט ביזן היינטיקן טאָג. וועגן דעם דאָזיקן אונקלוס ווייסט מען גאָרנישט, נישט וועגן זיין פערזענלעכקייט און נישט וועגן זיין לעבן. פאַראַן אפילו אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז עקילס און אונקלוס זענען איין פערזאָן. מערקווירדיק איז אָבער וואָס דער תרגום אונקלוס האָט זוכה געווען ביים פאָלק צו אַ גרויסער פאַר־ערונג, כאָטש די אונקלוס־איבערזעצונג איז ווייט פון צו זיין אַ ווערט־לעכע און זי ווייכט אָפט אָפּ פון טייטש, כדי צו ברענגען דעם געהעריקן אויסטייטש.

די תנ״ך־איבערזעצונג אין לאַטיין איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „וולגאַטאַ״ און זי איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם קריסטלעכן הייליקן העראָנימוס. די דאָזיקע איבערזעצונג צייכנט זיך נישט אויס מיט איר סטיל און אויך נישט מיט איר פּינקטלעכקייט. פון דעסטוועגן איז זי אָפיציעל אָנגענומען געוואָרן דורך דער קאַטוילישער קירכע און איז פאַרהייליקט אין די אויגן פון מיליאָנען קריסטוס־גלויביקע.

אין יאָר 1456 איז דער לאַטיינישער תנ״ך צום ערשטן מאָל אָפּגע־דרוקט געוואָרן דורך גוטענבערג און מען האַלט, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע בוך וואָס איז אַרויס פון אונטער זיין ניי־דערפינדענער דרוק־מאַשין.

אויף ענגליש איז דער תנ״ך צום ערשטן מאָל איבערגעזעצט געוואָרן אין יאָר 950, דורך דעם גלח אַלדרער. דאָס איז אָבער געווען אַ טיילווייזע און פראַגמענטאַרע איבערזעצונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צווישן די שורות פון דעם כתב יד פון דער לאַטיינישער איבערזעצונג. אַ פולע איבערזעצונג פון דער תנ״ך אין ענגליש איז געמאַכט געוואָרן

אין 14־טן יאָרהונדערט דורך יאָהאַן וויקליף. אויך ער האָט אָבער נישט איבערגעזעצט דעם תנ״ך פון אָריגינאַל, נאָר פון לאַטיין.

היינט צו טאָג איז אין ענגלאַנד אָפיציעל אָנגענומען די ביבל־איבער־זעצונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון קעניג דזשיימס און זי ווערט טאַקע אָנגערופן אויף זיין נאָמען. די איבערזעצונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ גרופּע געלערנטע, איז פאַרטיק געוואָרן אין יאָר 1611 און איז אויפסניי פאַרבעסערט געוואָרן אין יאָר 1884. חוץ דעם זענען אויך פאַראַן נאָך אַנדערע ענגלישע איבערזעצונגען פון דער ביבל וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקט שטאַטן.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל: איינער פון די ערשטע תנ״ך איבערזע־צער אויף ענגליש האָט פאַר זיין איבערזעצונג באַצאָלט מיטן לעבן. דאָס איז געווען וויליאַם טינדאל וואָס האָט איבערגעזעצט דעם תנ״ך אין יאָר 1525. די קירכע האָט אָבער געהאַלטן אַז דאָס איבערזעצן דעם תנ״ך אויף אַ שפּראַך, וואָס יעדער איינער פאַרשטייט קען האָבן שלעכטע פאָלגן פאַרן קריסטלעכן גלויבן. טינדאַל און זיין איבערזעצונג זענען פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן. די קירכע איז געווען זיכער, אַז דאָס קענען דעם תנ״ך וועט בלייבן דער מאָנאָפּאָל פון די גלחים. אָבער שוין אין איין יאָרהונדערט שפּעטער איז דער דאָזיקער מאָנאָפּאָל געבראָכן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון קעניג דזשיימס.

היינט צו טאָג איז נישטאָ קיין שפּראַך וואָס זאָל נישט האָבן קיין תנ״ך־איבערזעצונג. אַפילו אויף עסקימאָסיש איז אויך פאַראַן אַן איבער־זעצונג פון תנ״ך און ס׳איז דאָ איבעריק צו צוגעבן, אַז די ביבל איז דאָס פאַרשפּרייטסטע בוך אין דער וועלט. אַ געוויסע צייט האָט סאָוועט רוסלאַנד זיך פאַרמאָסטן איבערצושטייגן דעם פאַרשפּרייט פון תנ״ך, להבדיל, מיט די ווערק פון לענין און סטאַלין. דאָס האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבן. אין אונדזערע טעג פאַרמעסט זיך דאָס רויטע כינע, מיט אירע 700 מיליאָן מענטשן, צו שלאָגן דעם תנ״ך־פאַרשפּרייט מיט, אלף אלפי הבדלות, דעם ביכעלע וואָס אַנטהאַלט „די געדאַנקען פון מאַאָ״. אָבער ווען אַפילו דאָס רויטע ביכעלע פון דעם געטש מאַאָ זאָל אין אַ געוויסן מאָמענט מער געדרוקט און צעטיילט ווערן אומזיסט ווי

דער תנ״ך, באַדייט דאָס דאָך גאָרנישט. געוויסע טיילן פון תנ״ך האָבן הינטער זיך אַ צייט־עלטער פון פיר טויזנט יאָר, אויב מען זאָל רעכענען די תקופה פון זייער עקזיסטענץ בעל פה. דאַקעגן איז לגמרי נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין פיר־צענדליק יאָר אַרום וועט שוין דאָס „רויטע ביכעלע״ פון מאַאָ קיינער נישט געדענקען און מען וועט דאַרפן זוכן אין שטויב פון די אַרכיוון, כדי זיך צו דערוויסן, אַז אַזאַ ביכעלע איז איז אַמאָל געווען.

1968

לייענענדיק זכרונות־ביכער

איך האָב ליב צו לייענען זכרונות פון מענטשן וואָס האָבן געלעבט נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן.

איך האָב ליב צו לייענען וועגן דעם וואָס אַמאָל איז געווען און איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען.

צומאָל דאַכט זיך מיר אויס, אַז דאָס געוועזענע איז שענער און אינטערעסאַנטער פון דעם וואָס איז איצט, און אַן אַנדערשמאָל זע איך ווי גערעכט קהלת איז געווען ווען ער האָט געזאָגט: אין כל חדש תחת השמש...

פאַראַן מענטשן וואָס האָבן ליב צו לייענען ביכער וועגן דער צוקונפט. איך האָב ליב צו לייענען וועגן דער פאַרגאַנגענהייט.

אויב דער עבר, וועגן וועלכן איך לייען איז שיין, האָב איך הנאה מיט אים זיך צו אידענטיפיצירן. אויב דער עבר וועלכער ווערט געשילדערט, איז שלעכט, האָב איך הנאה דערפון וואָס ער איז שוין, ברוך השם, אַוועק, וואָס מיר, היינט, לעבן שוין נישט אין יענע פיינלעכע צייטן.

איך האָב ליב צו לייענען זכרונות פון גרויסע מענטשן וועגן גרויסע מענטשן, דערפאַר ווייל אין אָט די זכרונות זעט מען תמיד, אַז די גרויסע פערזענלעכקייטן זענען נישט אַזוי גרויס געווען ווי מען טראַכט, דערביי זעט מען אויך אַז זיי זענען פיל גרעסער געווען ווי מען מיינט...

כ׳דערמאָן זיך, אַז לייענענדיק גאָרקיס מעמואַרן וועגן לעוו טאָלסטאָי בין איך איבערראַשט געוואָרן דערפון וואָס איך האָב דערזען אַז דער זקן פון יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ איז אפילו אין זיינע קלייניקייטן געווען אַ ריז, אַן אדם גדול.

דאַקעגן האָב איך אין די מעמואַרן פון אַ יידישן שרייבער וועגן שניאורן נישט געקענט אַנטלויפן פון דער איינדרוק אַז אַפילו די גרויסע ווערק פון

דעם דאָזיקן העברעיש־יידישן לידער און פּראָזע־מייסטער זענען פול מיט קליינלעכע אימפּולסן און כיטרע אויסרעכענונגען צו פאַנגען לייענער.

איך האָב ליב צו לייענען מעמוארן פון באַוווסטע און אַפילו ווייניקער־באַוווסטע מענטשן, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז איך באַקען זיך מיט אַ וועלט וואָס איז שוין מער נישטאָ און איז דאָך אייביק פאַראַן אין דעם כישוף־שפּיגל פון וואָרט.

לייענענדיק מעמואַרן־ביכער דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך זע דעם שר פון דער געשיכטע ביים וועבשטול פון דער צייט און כ׳האָב אויך די אילוזיע, אַז איך קוק אַרונטער אונטער דעם פאָרהאַנג, אָדער הינטער די קוליסן פון די געשעענישן וועלכע האָבן זיך מיט אַזאַ עכאָ אָפּגעשפּילט אויף דער צייט־בינע.

כ׳האָב לסוף, אויך ליב צו לייענען זכרונות פון מענטשן, וואָס באַשרייבן זייערע איבערלעבונגען, ווייל איך ווייס, אַז די סאַמע רייכסטע פאַנטאַזיאָרן און די סאַמע אינטערעסאַנטסטע מעשה־אויסטראַכטערן איז דאָס לעבן אַליין.

*

כ׳האָב לעצטנס איבערגעלייענט עטלעכע מעמואַרן־ביכער פון רוסישע שרייבער אין רוסיש.

כ׳האָב פון זיי זייער הנאָה געהאַט — צוליב די אַלע דערמאָנטע און נישט דערמאָנטע אויסגערעכנטע און נישט־אויסגערעכנטע טעמים, צוזאַמען.

איין מעמואַרן בוך וואָס איך האָב געלייענט איז פון דעם רוסישן קונסט־קריטיקער און קונסט־היסטאָריקער סערגעי מאַקאָווסקי וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט עפּעס ווייניקער ווי 100 יאָר צוריק און האָט אַריינגעלעבט ביז די סוף 50־קער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט.

סערגעי מאַקאָווסקי איז געווען אַן עכטער פּאָניע, אַ ליבעראַל, אָבער פון זייער מעסיקן שניט. זיינע זכרונות האָט ער אָנגעשריבן צו 80 יאָר, אין דער עמיגראַציע.

די סביבה אין וועלכער ער האָט זיך באַוועגט, די אינטערעסן מיט וועלכע ער האָט געלעבט, די מערסטע מענטשן וועלכע ער האָט געקענט וואָלטן נישט געדאַרפט אַרויסרופן קיין אויפמערקזאַמקייט ביי אַזאַ ייד, ווי איך.

דאָך האָב איך די דאָזיקע מעמואַרן געלייענט מיט גרויס אינטערעס און אייניקע מאָמענטן וועלכע ער שילדערט האָבן זיך מיר גאַנץ באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון.

כ׳קאָן, למשל, נישט פאַרגעסן זיין שילדערונג וועגן שאַליאַפּינס אופן פון זינגען און שפּילן.

עס איז באַקאַנט, אַז שאַליאַפּין איז געווען אַ גרויסער שוישפּילער, כאָטש אַלס דראַמאַטישער, נישט זינגענדיקער אַקטיאָר האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט. ער איז געווען אַ גרויסער זינגער, אָבער געווירקט אויפן פּובליקום האָט ער מיט זיין שפּיל.

אַפילו נישט קיין אָפּערע, נאָר קאַמעראַלע מוזיק און פאָלקס־לידער פלעגט ער אויך, זינגענדיק, אויסשפּילן. דאָס וואָרט אין זיין ליד־מוזיק האָט תמיד געשפּילט אַ גרויסע ראָל.

ער איז געווען אויף דעם געביט, זאָגט מען אַ יחיד במינו: נישט קיין אָפּערן־זינגער נאָר אַן אָפּערן־אַקטיאָר.

און סערגעי מאַקאָווסקי וואָס האָט שאַליאַפּינען געקענט פון זיינע ערשטע טריט אין פּעטערבורג איז זיין שפּעטערדיקער באַרימטקייט אין דער גרויסער וועלט, דערציילט טאַקע, אַז שאַליאַפּין האָט געהערט צו די אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט זייערע ראָלן, נישט נאָר זייענדיק אויף דער בינע, נאָר אויך הינטער די קוליסן און אַ סך מאָל האָט ער זיין ראָל געשפּילט אויך דאַן ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעטאָן דעם קאָסטיום און אַראָפּגענומען דעם גרים.

ווען שאַלאַפּין, דערציילט מאַקאָווסקי, האָט געשפּילט די ראָל פון „דאַן קיכאָט״ איז ער הינטער די קוליסן, אין דער גאַרדעראָב און אויך אַ שטיק צייט נאָכן שפּילן, געווען אַ מזג טוב, גערעדט צו יעדן איינעם ליבלעך, העפלעך געשענקט יעדן איינעם, אַפילו דעם קלענסטן, אויפמערקזאַמקייט, געשטראַלט מיט גוטסקייט און נאַיוויטעט.

אָבער ווען ער האָט געשפּילט באָריס גאָדונאָוו האָט ער הינטער די קוליסן און אין דער גאַרדעראָב געווילדעוועט ממש ווי אַ חיה; געווען אַן אמתער טיראַן, אַן אכזר, אַ בעל גאווה, אַ פּאַראַנאָיקער, וואָס לאָזט קיינעם נישט שטיין אין זיינע דלת אמות.

אַזוי שטאַרק האָט ער זיך אַריינגעלעבט אין זיין ראָל, אַז ער

פלעגט ממש ווערן איינס מיט דעם פערסאָנאַזש וועלכן ער האָט געשפּילט און דאָס נישט נאָר אויף דער בינע, נאָר אויך אַראָפּגייענדיק פון דער בינע און אַריינגייענדיק, אַזוי צו זאָגן, אין וואָרן לעבן...

*

אַ צווייטער, זייער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד אין מאַקאָווסקיס מעמואַרן האָט צו טאָן מיט דעם גרויסן ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג בראַנדעס.

מאַקאָווסקי איז נאָך געווען אַ גאָר יונגער בחור ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט געאָרג בראַנדעסן אין מאָסקווע ביי דער פאַמיליע אַווער.

דאָס איז געווען זייער אַ מאָדנע פאַמיליע. דער מאַן איז געווען אַ באַרימטער פידל־שפּילער און די פרוי איז געווען אַזאַ גייסטרייכער מענטש, אַזאַ קענער פון ליטעראַטור און קונסט און געהאַט אַזאַ סובטעלן געשמאַק, אַז אירע פריינד און פאַרערער זענען געווען די גרעסטע מענטשן אין דעמאָלטיקן אייראָפּע.

מאַקאָווסקי דערציילט, אַז ער איז איינמאָל געקומען צו איר אויף אַ באַזוך בעת זי האָט פאַרבראַכט אין פּאַריז, האָט ער ביי איר אין האָטעל־צימער געטראָפן אירע פריינד, קלעמאַנסאָ און אַנאַטאָל פראַנס.

און מאָלט אייך — זי איז נישט געווען קיין שיינע, די פרוי אַווער, דערצו האָט זי נאָך אויף די עלטערע יאָרן געליטן פון טויבקייט.

צו אָט דער פרוי אַווער איז טאַקע געקומען אויף אַ לענגערן באַזוך דער דערמאָנטער געאָרג בראַנדעס.

איר דאַרפט געדענקען, אַז ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט איז דער נאָמען בראַנדעס געווען דער העכסטער שפּיץ פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור קריטיק

זיין רום איז געווען באַפעסטיקט אויף ביידע זייטן ים, אויף דעם אַלטן און דעם נייעם קאָנטינענט.

אויך אין רוסלאַנד האָט די קולטור־געזעלשאַפט אויפגענומען דעם באַרימטן ליטעראַטור קריטיקער מיט אַ גרויסן אַפּלאָמב און אויף דעם באַנקעט לכבוד אים שיער נישט געמאַכט פאַר קיין ערן־בירגער פון שטאָט.

פון דעסטוועגן — דערציילט מאַקאָווסקי — ווען בראַנדעס איז נאָך דעם דאָזיקן פירשטלעכן באַנקעט אַריינגעפאָרן קיין פּעטערבורג, איז נאָך אײדער ער האָט אין האָטעל באַוויזן אויסצופּאַקן די טשעמאָדאַנעס, געקומען צו אים אַן אָפיציר פון דער פּאָליציי און אים געמאָלדן, אַז ער מוז פאַרלאָזן די שטאָט אין משך פון 24 שעה.

און ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין שום אינטערווענצן: בראַנדעס האָט געמוזט פאַרלאָזן פּעטערבורג, ווייל אַלס ייד האָט ער דאָרט קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ נישט געהאַט.

כאָטש וואָסער ייד בראַנדעס איז געווען ווייסן מיר פון אַנדערע קוועלן. באַזונדערס איז אונדז באַקאַנט זיין פאַרעקשנט שטעלן זיך קעגן ציוניזם וואָס האָט אין זיין צייט, פּונקט ווי היינט, געזוכט די הסכמה פון באַרימטע מענטשן, דערווייטערטע פון יידישקייט און אַנגענומענע ביי די גוים.

אגב, דערציילט מאַקאָווסקי, אַז אין דעם הויז ביי דער אָוער, ווו בראַנדעס איז איינגעשטאַנען, בעת זיין באַזוך איז מאָסקווע, האָט אויך געוווינט דער רוסישער פילאָזאָף און מיסטישער פּאָעט וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו.

איינמאָל האָט בראַנדעס געזען ווי סאָלאָוויאָוו לייענט עפּעס אַ בוך און ער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז. סאָלאָוויאָוו האָט אים דאָס בוך געגעבן, אָבער בראַנדעס האָט געכאַפּט דערויף אַ קוק און עס באַלד צוריק געגעבן, אַוועקגייענדיק אַנגעברוגזט.

וואָס פאַר אַ בוך איז דאָס געווען? ס׳איז געווען אַ תנ״ך אין אָרי־גינאַל וואָס דער ייד געאָרג בראַנדעס האָט דערין אַריינגעקוקט ווי אַ האָן אין בני אדם, בעת דער רוס, סאָלאָוויאָוו האָט עס פריי געלייענט.

אגב אורחה לאָזט מיר דערציילן, אַז דער דאָזיקער סאָלאָוויאָוו איז אויך געווען אַ גרויסער טשודאַק. ער איז געווען אַן אָנהענגער און אַ פּאַראַויסגייער פון דער איז יענער צייט מאָדערנער רוסישער דיכטונג, די אָפּיציאַליסטישע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור האָבן אים, בכן, געהאַלטן פאַר אַ געפערלעכן רעוואָלוציאָנער, אָבער דער דאָזיקער „רע־וואָלוציאָנער״ איז גאָר געווען אַ מיסטיקער, געגלויבט אין שדים און דערצו נאָך געגלייבט אַז שדים אַנטלויפן פאַר טערפּענטין. האָט ער

טאַקע אַלץ אַרום זיך און אַפילו זיין עסן באַגאָסן מיט טערפּענטין, ווי אַ סגולה קעגן די שדים. ער האָט אויך געטרונקען טערפּענטין, אַ פּנים, כדי אַרויסצוטרײַבן די שדים, וואָס האָבן שוין באַוויזן זיך אַרײַנצוכאַפּן אינעווייניק...

נאַטירלעך, איז ער זייער יונג און פּריצייטיק געשטאָרבן.

*

פאַראַן נאָך איין זייער אינטערעסאַנטער און מען קאָן אַפילו זאָגן: גראָטעסקער מאָמענט אין מאַקאָווסקיס זכרונות וועגן געאָרג בראַנדעס.

בראַנדעס האָט ליב געהאַט תמיד צו זיין אין צענטער פון יעדער געזעלשאַפט. און ווי דער שטייגער איז פון אַזעלכע מענטשן, האָט ער קיינמאָל קיינעם נישט צוגעלאָזט צום וואָרט. נאָר האָט די גאַנצע צייט אַליין גערעדט און דערציילט, צוהערנדיק זיך מיט הנאה צו זיינע אייגענע רייד.

גערעדט האָט בראַנדעס וועגן ווערק, געשעענישן, אידעען, באַוועגונגען, מענטשן אא״וו. אָבער אַ סך מאָל פלעגט ער אויך פאַנגען די אויפמערקזאַמקייט פון די צוהערער מיט כלערליי אַנעקדאָטן וועגן שרייבער, וועלכע ער האָט פּערזענלעך געקענט און מיט וועלכע ער איז געווען באַפריינדעט, ווי למשל, מיט ניטשע, ביערנסטערנע ביערנסאָן, היפּאָליט טען, איבסען און אַנדערע. ביי אָט די אַנעקדאָטן האָט בראַנדעס ליב געהאַט אויסצוחוזקן די אינטימע שוואַכקייטן פון זיינע גרויסע באַקאַנטע, הגם געטאָן האָט ער עס אָן בייזוויליקייט און בלויז כדי צו פאַרווײַלן די געסט.

פון דעם דאָזיקן „פאַרווײַלן די געסט" האָט ער אָבער שפּעטער געהאַט „צו זינגען און צו זאָגן".

ס'איז געווען אַזוי — דערציילט מאַקאָווסקי — בראַנדעס האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן אויסטערלישקייטן פון דעם באַקאַנטן שרייבער האַנס קריסטיאַן אַנדערסען. אַנדערסען האָט, קודם כל, פיינט געהאַט אַז מען זאָל אים באַטראַכטן ווי אַ קינדער־שרייבער, כאָטש ער איז באַרימט געוואָרן מיט זיינע דערציילונגען וועגן און פאַר קינדער. ווען דער סקולפּטאָר טאָרוואַלדסען האָט געמאַכט פון אים אַ סטאַטוע,

ווי ער זיצט אַרומגערינגלט מיט קליינוואַרג, האָט ער זיך מיט אים צוקריגט און מער נישט געוואָלט מיט אים רעדן.

אַנדערסען איז אויף דער עלטער געווען זייער קאַרג. דערצו האָט ער געליטן פון אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע, געגלויבט, אַז די שונאים ווילן אים אומברענגען. חוץ לזה איז ער אויך געווען אַ נאַשער. איצט שטעלט אייך פאָר, אַז אַט דער קאַרגער זקן באַקומט איינמאָל אַ מתנה אַ שאַכטל קאַנפעטן. אַ נאַשער איז ער, צו די קאַנפעטן האָט ער חשק, אָבער מורא האָט ער, טאָמער וויל מען אים סמען. וואָס זשע טוט מען? דערציילט בראַנדעס, אַז דער גרויסער ליבהאָבער פון קינדער (אין זיין שרייבן), האָט גענומען עטלעכע קאַנפעטן און זיי אַוועקגעטראָגן צו זיינער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַנסיאָן אין וועלכן עס האָבן זיך גע־האָדעוועט עטלעכע קינדער. די באַקאַנטע פון פּאַנסיאָן האָט זיך זייער געוווּנדערט: וואָס ברענגט עפּעס אַנדערסען, מיצקע דערינען, קאַנפעטן פאַר די קינדער. — אָבער אַ מתנה איז אַ מתנה, די קאַנפעטן האָט זי גענומען. אויף צו מאָרגנס איז אַנדערסען ווידער געקומען און אויף דער שוועל שוין האָט ער אויסגעשריגן: זיי האָבן געגעסן די קאַנפעטן וואָס איך האָב נעכטן איבערגעלאָזט? יאָ, האָט די דאַמע פון פּאַנסיאָן גע־ענטפערט. נו, און אַלע, אַלע לעבן? קיינעם האָט עס נישט געשאַדט — האָט דער אַלטער שרייבער ווייטער געפרעגט. ניין, קיינעם פון די קינ־דער האָט עס נישט פאַרשאַדט, האָט די פּאַנסיאָן־פרוי געענטפערט. אַ דאַנק, אַ דאַנק, האָט אַנדערסען אויסגערופן — איצט וועל איך קאָנען רויִק געניסן פון די געבליבענע קאַנפעטן.

און ער איז אַ פריילעכער אַוועק אַהיים.

מענטשן מיט אַ ביסל שכל האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס מוז נישט דווקא זיין קיין אמתע מעשה, ווייל דער עיקר איז דאָ געגאַנגען אין דער אויספאַנטאַזירונג פון דעם גראָטעסק, אַז דער וועלט באַרימטער קינדער־שרייבער איז גרייט געווען צוליב עטלעכע קאַנפעטן צו פאַר־סמען קינדער... עס קאָן אַפילו זיין, אַז בראַנדעס איז אין דעם אויס־טראַכטן די מעשה באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם באַרימטן פראַנצויזישן שרייבער ווילי דע ליל אַדאַן, וועלכער איז געווען דער מייסטער פאַר עקסעלאַנס פון אַזעלכע סאַטירעס. אָבער די צרה איז געווען וואָס די

דאָזיקע געשיכטע האָט געהערט דערציילן איינער אַ זשורנאַליסט מיטן נאָמען טירכאַנאָוו און ער האָט שפּעטער אין זיין צייטונג די מעשה איבערדערציילט אין בראַנדעסעס נאָמען.

די צייטונג איז אָנגעקומען קיין דענעמאַרק און מען קאָן זיך גרינג פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ רושם די מעשה האָט דאָרט געמאַכט און וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל זי האָט אַרויסגערופן. ס׳טייטש? ער, בראַנדעס, זאָל מאַכן אַזאַ שם רע אויף דעם גרויסן זון פון דענישן פאָלק, אויף דעם שטאָלץ פון דער דענישער ליטעראַטור?

געאָרג בראַנדעס האָט זיך געדאַרפט פאַרענטפערן און ריינוואַשן און ס׳האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז די דענער האָבן די דאָזיקע „עוולה״ פאַרגעסן.

ווען איז דאָס אַלץ געווען? ס׳איז געווען אין די ניינציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אַ סך פון אונדז זענען נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט נישט געווען...

1971

וועגן לאַכן און וויינען...

שמעון דזשיגאַנען

שלום עליכמס באַרימסטע ווערטל איז: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן":

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז נישט בלויז לאַכן הייסן דאָקטוירים, נאָר אויך וויינען.

אויך וויינען, פּשוט וויינען, איז לויט דער מאָדערנער מעדיצין — אַ געזונטע זאַך.

איך נעם עס דערפון, וואָס לעצטנס זענען אייניקע צפון־אַמעריקאַנער דאָקטוירים אַרויסגעקומען מיט אַ פעסטשטעלונג, אַז די סיבה פאַר וואָס פרויען לעבן לענגער ווי מענער איז דאָס, וואָס פרויען זענען גרינג אויף געוויין.

אַז מען וויינט זיך אַראָפּ פונעם האַרצן, ווערט גרינגער אויף דער נשמה.

צוזאַמען מיט די טרערן אָטעמט מען פון זיך אַרויס פיל ביטערנישן און זאַלציקע עגמת נפשן וואָס נישט אויסגעוויינטערהייט מאַכן זיי חרוב דעם גוף און דעם גייסט.

מענער וויינען נישט אַזוי לייכט און צוליב דעם קנוילן זיך אין זייערע אינגעווייזן די כלערליי פאַרדרוסן און ברענגען אַ בהדרנהדיקע צעשטערונג פונעם אָרגאַניזם.

לויט דער עצה פון די דאָזיקע דאָקטוירים וואָלטן מענער געדאַרפט אַוועקלייגן זייער בושה און צוביסלעך אויך אַ וויין־טאָן, צוליב געזונט.

וואָס קומט אָבער אַרויס? די עצה איז טאַקע זייער אַ גוטע, אָבער

ווי מאַכט מען עס, אַז מאַנסלייט, וואָס האָבן פון אייביק־אָן געקוקט אויף טרערן ווי אויף אַ ווייבערישער שוואַכקייט, זאָלן גאָר פּלוצעם נעמען און אַליין וויינען ?

איי, עס איז געזונט ? נו, טוען דען מענטשן אַלץ וואָס עס איז געזונט ?

אַט שאַדט דאָס רויכערן צום געזונט, פונדעסטוועגן...

דער מענערישער מין מעג טויזנט מאָל וויסן, אַז וויינען איז גוט פאַרן געזונט, דאָך וועט אַ מאַן זיך שוין אייביק שעמען מיט זיינע טרערן.

טרערן זענען אַ ווייבערישע שוואַכקייט.

צי טאַקע אַ שוואַכקייט ?

מיר דאַכט זיך, אַז גאָר אָפט זענען טרערן דאָס כלי־זין פון ווייבערישער שטאַרקייט.

וואָס קענען ווייבער נישט פועלן ביים מאַן מיט דעם דאָזיקן כלי־זין :

עס ווערט געזאָגט אין נאָמען פון גרויסע מענטשן, אַז צווישן די זאַכן, וואָס די וועלט האָט נאָך ביז איצט נישט דערגרונטעוועט, געהערט די קראַפט פון אַ פרויען טרער.

וועגן אַן אַלטן שיפס־קאַפּיטאַן ווערט דערציילט, אַז ער האָט אויסגעמאָסטן טויזנטער מיילן ים־וואַסער און ס'האָט אים קיין מאָל נישט געטראָפן, אַז ער זאָל פאַרלירן זיין באַהערשונג. איין מאָל נאָר האָט ער „פאַרלוירן דעם קאָפּ” און דאָס איז געוועזן צוליב עטלעכע טראָפּן זאַלציק וואַסער, וואָס זענען געקומען פון אַ פּאָר בלויע פרויען־אויגן...

הכלל, מענער האָבן נישט קיין גוטע דערפאַרונג מיט פרויען־טרערן און אפשר טאַקע צוליב דעם היטן זיי זיך אַזוי שטאַרק אויס פאַר געוויין.

צוריק גייענדיק צו דער געזונטקייט פון געלעכטער ווילן מיר זאָגן, אַז פון דער דאָזיקער מעדיצין זאָגן זיך אויך מענער נישט אָפּ צו געניסן אין דער פולער מאָס.

געלעכטער האָט אין זיך צוויי פעולות פאַרן מענטשן : מען לאַכט פון זיך אַרויס די צרות און מען לאַכט אין זיך אַריין די פרייד.

געלעכטער איז אָפט אַ גייסטיקע ווענטילאַציע פאַרן מענטשלעכן געמיט : מען אָטעמט פון זיך אַרויס די מרה שחורה און מען אָטעמט אין זיך אַריין אַ גוטן הומאָר.

און גוטער הומאָר אין לכל הדעות תמיד גוט פאַר דעם בן־אָדם.

ביי נאָרמאַלע און מער וויניק געזונטע מענטשן פילט דאָס לאַכן אויס צוויי פסיכישע פונקציעס.

ביי נאָרמאַלע און פסיכיש־געזונטע פעלקער איז הומאָר אַ פּאָמפּע, וואָס שטויסט אַרויס דאָס שלעכטע געמיט און פילט אָן דעם גייסט מיט פרייד און גוטער געשטימטקייט.

עס זענען אָבער פאַראַן פעלקער, וואָס דאָס לאַכן פילט גאָר אויס איין פונקציע.

עס זענען פאַראַן פעלקער, וואָס זייער הומאָר ברענגט זיי נישט צום לאַכן, נאָר צום אויסלאַכן.

צווישן די דאָזיקע פעלקער פאַרנעמען מיר, יידן, אַן אַנגעזעען אָרט.

אונדזער לאַכן איז דער הומאָר פון אויסלאַכן.

מיר, יידן, באַפרייען זיך טאַקע דורך דעם געלעכטער טיילוויז פון דעם שווערן געמיט און מיר אָטעמען פון זיך אַרויס די געמיטס־ביטער־נישן, אָבער אַריינאָטעמען אין זיך פרייד דורך געלעכטער, צו דעם זענען מיר קנאַפּ וואָס מסוגל.

עס ליגט נישט אין אונדזער כאַראַקטער.

מיר, אַז מיר לאַכן אויס אַ צרה איז דאָס אונדזער גרעסטער פאַר־גענינגן.

אונדזער הומאָר איז דער הומאָר פון אויסלאַכן די עגמת־נפשן.

אויסלאַכן די צרות פאַרשאַפט טאַקע הנאה, אָבער צו קיין אמתער פרייד קומט דאָס נישט.

די אמתע פרייד פון הומאָר פילט יענער, וואָס לאַכט נישט פון די צרות, נאָר לאַכט פון פאַרגעניגן.

צו דעם אָבער איז לאָוו כל אָדם און לאָוו כל פאָלק זוכה.

לאַכן, האָבן מיר געזאָגט, איז געזונט, פונדעסטוועגן איז פאַראַן אַ פאַרשידנאַרטיקער געלעכטער, לאַכן „מיט יאַשטשערקעס”, ווי מע רופט דאָס, איז אויך אַ געלעכטער און דאָך איז אַזאַ סאָרט לאַכן שוין גאָרנישט געזונט.

עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע מינים געלעכטערס, וואָס זענען כלל נישט געזונט פאַרן מענטש.

ווען עמעצער מוז לאַכן פון אַ חכמה, וואָס עס זאָגט דער באַלעבאָס, קומט אים פון דעם דאָזיקן געלעכטער נישט צו קיין שטיק געזונט.

אַזאַ מין לאַכן קאָסט דעם מענטש מער וויפל ער פאַרדינט דערביי.

אין אַזאַ געלעכטער פילט דער מענטש די אייגענע דערנידעריקטקייט און די אייגענע אָפּהענגיקייט און דאָס דאָזיקע געפיל איז נישט עלול צו שאַפן ביי אים קיין גוט געמיט.

אַן אויפגעצווונגען געלעכטער קען דעם לאַכנדיקן אָנפילן מיט דער גרעסטער מרה־שחורה.

דעריבער זענען פאַראַן פאַלן, ווען דווקא דאָס נישט לאַכן ברענגט דעם מענטשן די גרעסטע סאַטיספאַקציע.

עס דערמאָנט זיך אַן אַנעקדאָט:

דער שעף פון ביוראָ דערציילט אַ וויץ פון וועלכן אַלע באַאַמטע לאַכן. נאָר איין אַנגעשטעלטער זיצט אין אַ זייט און לאַכט נישט.

— פאַר וואָס לאַכסטו נישט? — פרעגן אים זיינע חברים.

— איך בין נישט מחויב צו לאַכן — ענטפערט ער — איך בין שוין סיי ווי אָפּגעזאָגט פון פאָסטן.

דאָס טרויעריקסטע געלעכטער איז דאָס געלעכטער, וואָס מען איז מחויב צו לאַכן.

אויפן געביט פון הומאָר מוז הערשן פולשטענדיקע פרייהייט.

אין אַן אַטמאָספער פון אומפרייהייט איז דאָס געלעכטער ערגער ווי געוויין.

די סיבות, וואָס רופן אין אונדז אַרויס געלעכטער זענען זייער קאָמפּליצירטע און אומסטאַבילע.

איר קענט הערן אַ וויץ און צו מאָל נישט קיין שמייכל טאָן, איר קענט אָבער הערן דעם זעלביקן וויץ און זיך צעשיטן פון געלעכטער.

עס איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ביי אַ וויץ איז וויכטיק נישט בלויז אַזוי מ׳זאָגט אים, נאָר ווער עס זאָגט אים.

אַ באַרימטער מענטש קען זאָגן עפּעס אַ נישטיקע חכמה און דער עולם זאָל פון איר לאַכן.

מיר אַליין איז שוין אויסגעקומען צו הערן „חכמות״ פון באַרימטע מענטשן, ביי וועלכע דער עולם האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער,

כאַטש אין די דאָזיקע „חכמות" איז קיין שום קאָמיזם נישט געווען.

ווען אַ באַרימטער גוי קומט אויף אַ ידישער פאַרזאַמלונג, און וואַרפט אַריין אַ ידיש ווערטל, קוועלט דער עולם, ווי דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער וויץ.

ווען אַ באַרימטע פערזענלעכקייט זאָגט עפּעס אַ גאָר נישטיקע הלצה הירזשעט מען פון פרייד.

דאָס איז, אין אַ געוויסן זין, דאָס זעלביקע אָפּהענגיקע געלעכטער פון דעם אָנגעשטעלטן ביי די חכמות פון באַלעבאָס.

די מאַסע וויל, אינסטינקטיוו, חנפהנען דעם גוי, אָדער די באַרימטע פערזענלעכקייט מיט איר געלעכטער.

זי וויל אים פאַטאַקעווען, געבן צו פילן זיין העכערקייט.

מען לאַכט דעמאָלט נישט פונעם וויץ, נאָר מען אַפּלאָדירט מיטן געלעכטער דעם זאָגער.

דאָס איז אַ קנעכטיש געלעכטער.

אָפט מאָל דערגייט די דאָזיקע געלעכטער־קנעכטשאַפט אַזוי ווייט, אַז דער עולם לאַכט פון זיך אַליין.

עס טרעפט אָפט מאָל, אַז אַ פאַבריקאַנטישער עולם הירזשעט פון געלעכטער. ווען דער באַרימטער גאַסט־רעדנער מאַכט זיך ביליקע „פּראָלעטאַרישע" חכמות אויף דעם חשבון פון קאַפּיטאַליזם.

די לאַכערס אין זאַל פילן דעמאָלט גאָרנישט, אַז זיי לאַכן זיך אַליין אויס.

דערפון קענען מיר זען, אַז כדי צו מאַכן מענטשן לאַכן, דאַרף מען נישט זאָגן מי יודע וואָס פאַר אַ וויציקע זאַכן, עס איז גאָר געווענדט ווער עס זאָגט די דאָזיקע זאַכן און דערפון איז אָפּהענגיק דאָס אויפנעמען דאָס געזאָגטע און דאָס רעאַגירן דערויף מיט געלעכטער.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער די לאַגע ווען מענטשן באַצאָלן דערפאַר. אַז מען זאָל זיי מאַכן לאַכנדיק, דעמאָלט פאָדערן זיי אַ סך און נישט יעדער וויץ איז ביי זיי מסוגל אַרויסצורופן געלעכטער.

אין טעאַטער ווערט דער עולם שטאַרק איבערקלייבעריש אויף אַ וויץ. ווען דער עולם האָט פאַר זיך פּראָפעסיאָנעלע קאָמיקער, גאַרטלט ער זיך אַרום מיט ווידערשטאַנד קעגן געלעכטער.

אַז אויסרוף־צייכנס

ער ווערט פּלוצעם דער גרויסער מבין אויף הומאָר.

דערביי זענען אויך אין טעאַטער פאַראַן צווייערליי געלעכטערס.

איין געלעכטער איז, ווען דער אַקטיאָר מאַכט זיך קאָמיש און גיט דעם עולם די מעגלעכקייט אַז ער זאָל אים אויסלאַכן.

אַ צווייטער מין געלעכטער איז, ווען דער אַקטיאָר איז שאַרפזיניק און זאָגט אַזעלכע חכמות וואָס שטעלן דעם עולם אַוועק אין אַ קאָמיש ליכט.

דעמאָלט גיט זיך דער צושויער נישט אונטער אַזוי לייכט.

דעמאָלט קעמפט דער עולם אונטערבאַוווסטזיניק מיטן אַקטיאָר.

און אויב דער אַקטיאָר איז אַפילו שוין שטאַרק און געווינט דעם קאַמף און דער עולם לאַכט דאָך. בלייבט פון דעסט וועגן אויפן דעק פון דער לאַכנדיקער נשמה עפּעס אַזוינס, וואָס רופט אַרויס אומצופרידנקייט.

ווען דאָס ראַמפּעליכט לעשט זיך אויס און דער עולם כאַפּט זיך, אַז דער אַקטיאָר האָט אים די גאַנצע צייט געהאַט אין די הענט און געטאָן מיט אים וואָס ער האָט געוואָלט, פילט ער זיך אַ ביסעלע פאַרשעמט און דעגראַדירט.

דעמאָלט הייבט ער פּלוצלינג אָן געפינען חסרונות אין דעם הומאָר.

וואָרעם יעדער מענטש האָט ליב אויסצולאַכן און נישט אויסגעלאַכט צו ווערן.

גוטע הומאָריסטן אויף דער בינע ווייסן פון דעם דאָזיקן סוד און זיי באַמיען זיך צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז יעדער איינער אין זאַל זאָל מיינען, אַז מען לאַכט אויס זיין שכן.

דעמאָלט לאַכט זיך געשמאַק, דעמאָלט איז דאָס לאַכן געזונט.

דער היוצא לנו מדברינו איז, אַז לאַכן איז טאַקע געזונט. אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? דעמאָלט ווען מען פילט זיך אַליין אויף אַזוי פיל פּסיכיש געזונט, אַז מען האָט דעם איינדרוק דאָס מען לאַכט פון יענעמס פּסיכישע קרענק. קוים אָבער ווערט דורך דעם הומאָר באַדראָעט די אייגענע שוואַכקייט. דעמאָלט איז מיט דעם געלעכטער שוין אַ גאַנץ אַנדער מעשה. דעמאָלט איז דאָס געלעכטער שוין אַזאַ, אַז ס'וואָלט שוין פיל בעסער געווען, ווען מען זאָל וויינען, וואָרעם איידער אַ פאַלש געלעכטער זענען שוין אַ סך געזונטער אמתע טרערן...

1965

זוכט נישט קיין שלשלת היוחסין ביי הומאָר

— איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי יידישער הומאָר?

כאַטש איר שטעלט אויף מיר אויס אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן, וועט עס אָבער גאָרנישט העלפן, וואָרעם עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס באַווייזן באותות ומופתים, אַז ס׳איז גאָר אַזאַ זאַך ווי יידישער הומאָר נישטאָ און דאָס וויל זאָגן, אַז די גאַנצע מעשה וועגן אַ ספּעציפישן יידישן הומאָר איז נישט מער ווי אַן אויסטראַכטעניש.

אין פלוג זעט די טעאָריע אויס ווילד, אָבער די צרה איז וואָס ס׳איז גאָרנישט פאַראַן די טעאָריע וואָס מען זאָל פאַר איר נישט קענען געפינען קיין ראיות און די דאָזיקע וואָס ווילן אייך דערווייזן. אַז ס׳איז נישט פאַראַ קיין ספּעציפישער יידישער הומאָר וועלן אייך ברענגען אַ ראיה פון דעם וואָס יעדער, אָדער כמעט יעדער יידישער אַנעקדאָט האָט זיין וואַריאַציע אין דעם הומאָר־אוצר פון אַ וועלכן עס איז נישט־יידישן פאָלק. מען וועט אייך דערווייזן דורך אַן אַנאַליז, אַז געוויסע יידישע חכמות זענען איבערגעניצעוועט פון גוייִשע וויצן און אַז געוויסע גוייִשע שפּאַסן גייען גאַנץ שיין אַן ווי יידישע אַנעקדאָטן.

וואָס דאַרפט איר מער? דער כעלעמער הומאָר איז אַ יידישער? געוויס. אָבער פון דער אַנדערער זייט איז נישט שווער צו דערווייזן, אַז אויך אַנדערע פעלקער האָבן געהאַט זייערע נאַראָנים־שטעט און אויך זיי האָבן זיך וועגן זייערע נאַראָנים־שטעט דערציילט די זעלביקע, אָדער כמעט די זעלביקע מעשות וואָס די יידן וועגן כעלעם.

דאָס איז אויך נוגע די געשטאַלטן פון פאָלקס־לצים ווי הערשעלע אָסטראָפּאָליער, מאָטקע חבד, אפרים גריידיקער, וכדומה. מען קען די

פראָטאָטיפּן פון אַט די פאָלקס־וויצלער אָפּזוכן אַן שום שוועריקייט ביי אַנדערע פעלקער און אין באַשטימטע מאָמענטן מוז מען טאַקע מודה זיין, אַז די יידן האָבן אין דעם פאַל גענומען ביי די אַנדערע פעלקער און נישט פאַרקערט.

גייענדיק מיט דעם גאַנג איז בכלל נישט שווער צו דערווייזן אַז אַזאַ זאַך ווי יידישער הומאָר, די ספּעציפישקייט פון יידישן הומאָר איז אַן אויסטראַכטעניש וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די יידישע אתה בחרתנו־קעפּ און אין די הערצער וואָס זענען פול מיט דעם זיסן געפיל פון יידישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

אָבער איז דאָס טאַקע דער ריכטיקער צוגאַנג צו שאַצן און צו באַשטימען די ספּעציפישקייט פון יידישן הומאָר? איז דאָס בכלל דער וועג צו משפטן און צו מעסטן דעם ווערט פון דעם אייגנאַרטיקן יידישן גייסט?

ניין, דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן יידישן הומאָר. דאָ האַנדלט זיך אין עפּעס וואָס איז פיל וויכטיקער: נעמלעך אין דער אייגנקייט פון דעם גאַנצן יידישן גייסט אויף אַלע געביטן פון אינטעלעקטועלן שאַפן.

וואָרעם אויב מען זאָל די אייגנאַרטיקייט פון יידישן גייסט וואָס קומט צום אויסדרוק אין יעדער יידישער אינטעלעקטועלער און פאָלקלאָריסטישער יצירה שאַצן פון דעם שטאַנדפּונקט, איז טאַקע נישטאָ קיין יידישע יצירה.

אויב מען זאָל יעדן יידישן געדאַנק, יעדן יידישן ניגון, יעדן אַנעקדאָט בודק זיין די אָפּשטאַם־מעטריקע און נאָכזוכן צי געפינט זיך נישט זייערס אַ צווילינגס־ברודער אויך ביי אַנדערע נישט־יידישע פעלקער, דאַן איז אַ סוף צו אונדזער גאַנצער גייסט־געשיכטע, צו אונדזער גאַנצער גייסט אָריגינאַליטעט.

אָבער פון דער אַנדערער זייט ווען מען זאָל מיט דעם זעלביקן מעטאָד בודק זיין די גייסטיקע שאַפונגען פון אַנדערע פעלקער, וואָלט זיך אויך גאַנץ גיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען נעבעך גרויסע אָרעמעלייט און האָבן קיין אייגנס גאָרנישט געשאַפן.

די גאַנצע מענטשלעכע קולטור איז אַ קולטור פון נעמעניש. איינער נעמט ביים אַנדערן. מען נעמט געדאַנקען, מען נעמט מעלאָדיעס מען

נעמט חכמה־ווערטלעך און מען נעמט אַפילו פּאַרטיקע סוזשעטן. פּאַר־טיקע פּאָלקס־לעגענדעס. די רוסן האָבן גענומען ביי די טאָטערן, די פראַנצויזן ביי די איטאַליענער, די ענגלענדער ביי דייטשן און פאַר־קערט. אין דער וועלט פון גייסט גייט אָן אַן אייביקער אויסטויש, מען נעמט און מען נעמט ביי וועמען עס לאָזט זיך — אַפילו ביי די כינעזער און ביי די נעגער.

דאָס וויכטיקסטע איז אָבער נישט וואָס מען נעמט, נאָר וואָס יעדעס פאָלק מאַכט פון דעם גענומענעם. אין דעם איבערשאַפן דאָס גענומענע פון דער פרעמד דריקט זיך אויס די אייגנאַרטיקייט פון פאָלקישן גייסט.

דער גרויסער שעקספּיר (און צי נאָר ער אַליין ?) האָט זיך גאָרנישט געשעמט צו נעמען פאַרטיקע סוזשעטן פאַר זיינע טראַגעדיעס פון רעכטס און פון לינקס. אָבער נישט דאָס וואָס ער האָט גענומען איז וויכ־טיק. וויכטיק איז וואָס ער האָט פון דעם געמאַכט. אין דעם איז זיין גרויסקייט, זיין זשעני.

איין פאָלקס־מעשה איבערדערציילט דורך צוויי באַזונדערע פעל־קער ברענגט אַרויס די אייגנאַרטיקייט און דעם כאַראַקטער פון יעדן פאָלק און פון זיין גייסטיקער אָריגינאַליטעט.

איין ניגון געזונגען דורך צוויי פעלקער זענען צוויי שאַפונגען וואָס דריקן אויס דאָס געמיט פון יעדן באַזונדערן פאָלק. ס'איז דאָס זעלביקע ליד, די זעלביקע מעשה, אָבער עטלעכע קנייטשן, עטלעכע ניואַנסן און דאָס ליד איז שוין אַ פּראָדוקט פון דער מוזיקאַלישער געניאַליטעט פון צוויי באַזונדערע פעלקער.

בכן איז די ענלעכקייט פון דער טעמע, פון דעם מוזיקאַלישן מאָטיוו, פון דעם אַנעקדאָט קיין מאָל נישט וויכטיק. וואָס ס'איז יאָ וויכטיק איז דאָס וואָס דאָס געגעבענע פאָלק קנעט אויס פון דער גענומענער טעמע, מאָטיוו, אַנעקדאָט; וואָס עס טוט אַריין אין זיי אייגנס, ספּעציפישס וואָס איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר דעם פאָלק און נישט פאַר קיין אַנדערן.

אויב עס גייט וועגן הומאָר זאָגט מען, אַז צוזאַמען מיט די צען זאַכן וואָס גאָט האָט באַשאַפן ערב שבת עם חשכה, ווי למשל בלעמס אייזל און די צוואַנג צו מאַכן אַנדערע צוואַנגען, האָט ער אויך באַשאַפן אין וויץ און פון דעם דאָזיקן איינעם וויץ איז זיך צעוואַקסן דער הומאָר

אין דער גאַנצער וועלט. עס איז איין וויץ, אָבער יעדעס פאָלק שאַפט אים פון דאָס ניי, פורעמט אים פון דאָס ניי און גיט אין אים אַריין זיין געמיט, זיין כאַראַקטער, זיין גייסט־שאַרפקייט און זיין לעבנס־באַנעם.

און פון דעם שטאַנדפונקט געזען, איז יאָ פאַראַן אַ יידישער הומאָר, איז יאָ פאַראַן אַ יידישע מוזיק, איז יאָ פאַראַן אַ יידישער געדאַנק און אַ יידישער פאָלקלאָר. מעגן זיי האָבן צווילינגס־ברידער אויף דער גאַנ־צער וועלט, צווישן אַלע פעלקער, איז אָבער פאַר אונדז וויכטיק זוי אַזוי די ברידער זענען אויס ביי אַנדערע און ווי אַזוי זיי זעען אויס ביי אונדז.

אין דער באַזונדערקייט פון זייערע פנימער דערקענט מען זייער גייסט. אָפט מאָל דערשיינט דער דאָזיקער גייסט ווי אַ גרויסער יידישער פלאַם און אַן אַנדערמאָל דערשיינט ער נישט מער ווי מיט אַ יידישן ניצוץ, אָבער וויכטיק איז וואָס דער ניצוץ איז אונדזערער, אונדזערער, אונדזערער...

1963

ווען זיי וואָלטן אונדז געקענט...

אַטווינאָווסקי׳ס דראַמע „ווילקאָנאַץ״ איז געווען דאָס ערשטע ווערק אין דער פּוילישער ליטעראַטור נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה וואָס האָט באַרירט דעם פּראָבלעם פון יידן־אומקום אין פּוילן. ס׳איז אפשר געווען דאָס ערשטע ווערק אין אַלע ליטעראַטורן וואָס האָט זיך צוגערירט צו דער דאָזיקער טעמע און ווען איך האָב עס געלייענט. אין יאָר 1946, בין איך געווען איבערגעראַשט פון דעם טיפן מיטגעפיל וואָס דער דאָזיקער שרייבער האָט אַרויסגעוויזן צו דעם יידישן מאַרטירער־פאָלק, וואָס האָט געלעבט און איז געשטאָרבן אין פּוילן.

ווען איך האָב אָבער די דאָזיקע דראַמע איבערגעלייענט לעצטנס נאָך אַמאָל, בין איך אויפסניי געוואָרן איבערגעראַשט דערפון וואָס כ׳האָב אין אַ קילער מינוט דערזען, אַז אויך דער דאָזיקער, מער ווי סימפּאַטיש־איינגעשטעלטער שרייבער צו יידן אין פּוילן, האָט די יידי־שע העלדן פון זיין ווערק, נישט געקענט און זייער לעבן נישט באַנו־מען. דאָס האָט מיך געבראַכט צו אַ ריי רעיונות וועגן די יידן אין שפּיגל פון דער פּוילישער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

דאָס אומגליק מיט די יידן, האָט אַ מאָל איינער געזאָגט, איז דאָס וואָס די פריינד האַלטן זיי פאַר מלאכים און די שונאים — פאַר טייוו־לאָנים. די פילאָסעמיטן האָבן, הייסט עס, וועגן יידן אַ צו גוטע מיינונג און די אַנטיסעמיטן — אַ צו שלעכטע מיינונג.ביידע מיינונגען זענען אַ פּועל יוצא פון דער אומבאַקאַנטשאַפט מיט דעם אמת וועגן דעם יידישן כאַראַקטער און יידישן מהות. ביידע גרייזן אין זייער אָפּשאַצונג וועגן יידן און דאָ גיבן זיי זיך נישט די מי דעם ייד בעסער צו דער־קענען.

אהרון צייטלין, ז״ל, האָט אַמאָל געשריבן אין שייכות מיט דער דאָזיקער איגנאָראַנץ ביי די פּוילישע שרייבער, אַז דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס געווען די טראַגעדיע פון פּוילישן יידנטום. מיר האָבן געלעבט בשכנות מיט די פּאַליאַקן קנאַפּע טויזנט יאָר. מיר האָבן זיך מיט זיי טאָג־טעגלעך געטראָפן אויף די גאַסן פון שטאָט און שטעטל, אין פעלד און אין דאָרף, מיר זענען געווען צוזאַמענגעקנאַטן אין פּיין און אין פרייד, אַפילו פאַרגאָסן אַ סך מאָל בלוט פאַר פּוילנס זעלבסטשטענדיקייט און דאָך האָבן זייערע שרייבער אונדז נישט געקענט און געשריבן וועגן אונדז אַזוי ווי מיר וואָלטן נישט געווען קיין שכנים פון אַ טיר איבער אַ טיר, נאָר ווי מיר וואָלטן געווען אַ שבט פון אַ ווייטן אינדזל, וועלכן מען קען זיך דערלויבן צו דערציילן גוזמאות אין אויסטערלישקייט פון אַן עקזאָטישן כאַראַקטער.

דער ייד איז, וואָס אַן אמת, געווען אַן אָפּטער גאַסט אין דער פּוילישער ליטעראַטור, ווייל דער שרייבער וואָס האָט געוואָלט שילדערן די ברייטע לאַנדשאַפט פון לעבן אין פּוילן האָט דעם ייד נישט געקענט אויסמיידן. איז דאָך, סיי דער פּויער, סיי דער שטאָטישער עלעמענט דורך טויזנט פעדעם געווען פאַרקניפּט מיט זיין יידישן שכן. האָט ער דאָך מיט אים געהאַנדלט, ביי אים זיך געבנייט מלבושים, גענומען זיינע קלעזמער אויף חתונות און... געמאַכט אויף אים פּאָגראָמען: האָט דאָך דער ייד, זיין לעבן און אויפפירונג פאַרנומען אַזאַ גרויס אָרט אין פּוילישן פאָלקלאָר. ווי אַזוי זשע האָט דער שרייבער, דער פּוילישער קינסטלער געקענט אויסמיידן דאָס יידישע געשטאַלט ווען ער האָט געמאָלן די ברייטע לייוונט פון פּוילישן לעבן?

אָבער אין דער זעלביקער צייט ווען דער פּוילישער שרייבער האָט אויף יעדן טריט און שריט זיך אָנגעטראָפן אויף דעם ייד און האָט בשום אופן אים נישט געקענט עלימינירן פון זיינע לעבנס שילדערונגען האָט ער זיך לחלוטין נישט געגעבן די מי דעם ייד צו דערקענען און צו וויסן עפּעס מער וועגן זיין אינערלעך לעבן, וועגן זיין באַזונדערער וועלט, וועגן זיינעליידן און פריידן, וועגן זיינע אַספּיראַציעס, געפילן און בענקשאַפטן. די שילדערונגען פון יידישע געשטאַלטן אין דער פּוילישער ליטעראַטור זענען תמיד אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסער עמאָציאָ־

נעלער איינשטעלונג צו דעם דאָזיקן אַבסטראַקט וואָס הייסט: יידנטום. דער פוילישער אינטעלעקטואַל האָט זיך אָבער זייער זעלטן באַמיט צו דערקענען דעם קאָנקרעטן יידישן מענטשן, מיט אַלע זיינע מענטשלעכע מעלות און חסרונות, מיט אַלע זיינע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן. האַרט פאַר דער מלחמה האָבן אַ ריי פוילישע שרייבער, וואָס זענען שוין גע־שטאַנען נאָענט צו דער פּראָלעטאַרישער ריכטונג אין דער ליטעראַטור, זיך מער פאַראינטערעסירט מיט דעם קאָנקרעטן מענטשלעכן „איד" פּור־נעם ייד. אָבער זיי האָבן געהאַט אַן אַנדערן חסרון: זיי האָבן די יידי־שע מענטשן געפּאַלמעסט מיט דעם קלאַסן־מעסער און עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ ייד וואָס איז נישט געווען קיין אַרבעטער איז געווען אַלץ וואָס אין דער קאָרט, בעת אַ יידישער אַרבעטער, ווער שמועסט נאָך — אַ רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער, איז ביי זיי אַרויסגעקומען ראָז און און ליכטיק ווי אַן אַנגעמאָלטער קינדערישער מלאך, וועלכן עס פעלן נאָר צוויי פליגל, כדי ער זאָל קענען פליען.

די מערהייט פוילישע שרייבער זענען געווען אַנטיסעמיטן און האָבן אין זייערע ווערק אַרויסגעבראַכט זייער שינאה־געפיל צום יידישן שכן. צווישן די דריי פוילישע קלאַסיקער, מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי, און קראַשינסקי, זענען די לעצטע צוויי געווען אָפענע יידן־שונאים און האָבן אויסגערעדט אויף יידן כל דבר אסור, אין סלאָוואַצקיס „קשאַנדז מאַרעק" איז פאַראַן אַן אַנטיסעמיטישע קאַריקאַטור אויף אַ רב און זיין טאָכטער רעדט עפּעס וועגן דעם, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט אויף מצות. זיגמונט קראַשינסקי איז געגאַנגען נאָך ווייטער פון סלאָוואַצקין. ער האָט אַפילו די יידישע משומדים אויך געהאַסט. ער איז געווען דאָס וואָס מען רופט היינט אָן: אַן אַנטיסעמיט — אַ ראַסיסט. אין זיין באַרימט ווערק „די נישט געטלעכע קאָמעדיע" שילדערט ער יידישע משומדים ווי זיי זיצן איבער גמראס און טראַכטן פּלענער ווי צו באַ־זיגן די וועלט. די יידישע משומדים זענען ביי אים אונטערגעשיקטע פון יידישן „קאָהאָל" כדי אויסצופירן די פאַרשווערונג קעגן דער קריסטלעכער וועלט. לויט דעם טרויעריק־באַקאַנטן נוסח פון די שפּעט־טערדיקע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון".

אַנטיסעמיטיזם איז אויך פאַראַן ביי וויספּיאַנסקין, ביי שענקע־

וויטשן און ביי נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע באַרימטע און נישט באַרימ־טע פּוילישע שרייבער. אַזאַ ראָמאַנען־שמירער ווי קראַשעווסקי האָט ממש געאַרבעט מעשים צו פאַרשוואַרצן דאָס יידישע פּנים און אַרויס־צורופן שנאה צו די יידן מיט וועלכע ער האָט געלעבט זייט ביי זייט. דער אַנטיסעמיטיזם אין דער פּוילישער ליטעראַטור פאַרנעמט אַליין אַ גאַנצע ביבליאָטעק און מען קען פון אים אַליין צונויפשטעלן אַ גאַנ־צע ליטעראַטור.

אַז די אַנטיסעמיטישע שרייבער האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווילדע עם הארצות לגבי דעם יידישן לעבן, איז קלאָר. די אַנטיסעמיטישע שריי־בער האָבן נישט געקענט און נישט געוואָלט קענען דאָס יידישע לעבן און דעם יידישן כאַראַקטער, פאַר זיי איז דער ייד געווען אַ קריסטוס־מערדער, אַ וועלט־פאַרכאַפּער, אַ שווינדלער און וואָס נישט? ס'איז גענוג צו לייענען זייערע שריפטן, כדי זיך איבערצייגן, אַז זיי האָבן די מינדסטע אַנונג נישט געהאַט וועגן יידן און דעריבער האָבן זיי אונדז אָפּט צוגעשריבן מנהגים און אייגנשאַפטן וואָס זענען נישט מער ווי נידערטרעכטיקע בילבולים. אַזעלכעס האָבן ציוויליזירטע מענטשן זיך נישט געקענט דערלויבן צו שרייבן אַפילו וועגן דעם ווייטסטן פאָלק אין אַזיע, אָדער אין אַפריקע. אָבער וועגן יידן, וואָס האָבן געוווינט ממש אונטער דער נאָז, האָט מען אַלץ געמעגט און אַלץ איז געווען דערלויבט.

גאָרנישט בעסער איז אָבער אין פּרט פון קענען דאָס יידישע לעבן געווען ביי די פילאָסעמיטישע שרייבער. אַזאַ ווי אַדאַם מיצקעוויטש, וואָס איז באמת איינער פון די ריזן אין דער פּוילישער ליטעראַטור, ווי אויך איינער פון די אמתע אוהבי ישראל, האָט אָפּט געשילדערט יידישע גע־שטאַלטן, וואָס זענען אויף קיין פאַל נישט ענלעך געווען צו די לעבעדיקע יידן, וואָס האָבן אַזוי געדיכט באַפעלקערט דאָס פּוילישע לאַנד. אויך עליזאַ אָזשעזשקאָ וועלכע איז געווען אַ יידן־פריינט האָט געשריבן וועגן יידישע מנהגים מיט אַזאַ עם הארצות, אַז יעדער יידישער לייענער מוז דערפון רויט ווערן. ביי דער אָזשעזשקאָ דאַווענען יידן פּרייטיק צונאַכטס אין תפילין און גאָט הייסט ביי אונדז „גמטריא“. שוין אָפּגערעדט דער־פון, אַז סיי מיצקעוויטש, סיי אָזשעזשקאָ שילדערן מיט סימפּאַטיע נאָר יענע יידן וואָס שטייען שוין, אַזוי צו זאָגן, אויף דער שוועל פון אַסימי־

לאַציע, אָדער וואָס באַווייזן זיך מיט זייער גרויסן פוילישן פּאַטריאָטיזם. קיין אַנדערע זכותים, הייסט עס, האָט נישט דער ייד. זיין גוטסקייט באַשטייט אין דעם וואָס ער וויל, אויב נישט רעליגיעז, איז נאַציאָנאַל ווערן אויס ייד.

אַ באַזונדערן ענין שטעלט מיט זיך פאָר די דיכטערן מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ וואָס וועגן איר איז לעצטנס דערשינען אין פּוילן אַן אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז אויך געווען אין איר פּריוואַטן לעבן אַ היפּשע אַנטיסעמיטקע און זי האָט אין אירע בריוו זיך אויסגעדריקט זייער נעגאַטיוו וועגן אירע יידישע באַקאַנטע. אָבער קאָנאָפּניצקאַ, קאָן מען זאָגן, איז לויט דער דאָזיקער מאָנאָגראַפיע, בכלל געווען אַ צווייפּנימדיקע און זי האָט זיך געחנפעט סיי צו די ראַדיקאַלן, סיי צו די רעאַקציאָנערן. זי האָט ווי געזאָגט, אויסגעלאַכט אירע יידישע באַקאַנטע און גלייכצייטיק געשריבן צו זיי בריוו פול מיט לויב און חניפה.

פיל ערגער איז וואָס פון נישט קענען דאָס אמתע יידישע לעבן, די אמתע יידישע מענטאַליטעט און גייסטיקייט, געשעט אויך ביי די פּוילישע פילאָסעמיטישע שרייבער, אַז זיי זאָגן נאָך אַנטיסעמיטישע גרוזמות וועגן יידן. אַנטיסעמיטישע דורכרייסן כאַפּן זיך אַריין אין אייניקע פון מיצקעוויטשעס ווערק און אַפילו אין זיין „פּאַן טאַדעאוש” וואָס פּאַרמאָגט אַזאַ הערלעך פּאַטריאַרכאַל געשטאַלט ווי יאַנקל דער צימבאַליסט. דאָס אַלץ באַווייזט ווי אין אונטערבאַוווסטזיין פון פוילישן שרייבער האָט געוואָרצלט דער אַנטיסעמיטישער פּאַראורטייל צו יידן, וועלכער האָט זיך דורכגעבראָכן אַ וועג דורך זיין באַוווסטזיניקער יידן־פריינטשאַפט. דאָס וואָלט נישט געקענט געשען ווען די פּוילישע שרייבער וואָלטן געזוען זיך באַמיט אויף אַן אמת צו דערקענען דעם ייד, ווען זיי וואָלטן זיך דערנענטערט צום יידישן לעבן און נישט געדענקט וועגן אונדז אין אַבסטראַקטע טערמינען.

עס זעט אויס, אַז דער גאַנצער ענין האָט נאָר אַ ליטעראַרישן באַדייט. אין דער אמתן איז דאָס אָבער נישט אַזוי: ווען די פּוילישע שכנים וואָלטן אונדז בעסער געקענט, וואָלט אפשר אונדזער טראַגעדיע אין פּוילן אַנגענומען אַ קלענערן אומפאַנג. דאָס וואָס די פּוילישע ליטעראַטורשעפער האָבן אונדז נישט געקענט, באַווייזט נאָר אויף וויפל דאָס פּויל־

שע פאָלק האָט אונדז נישט געקענט. זיי האָבן געלעבט מיט אונדז צוזאַ־
מען טויזנט יאָר און דאָך זענען מיר זיי געווען פרעמד. אַ פרעמד פאָלק
זענען מיר געווען און מען האָט מיט אונדז געטאָן דאָס, וואָס די שינאה
טוט מיט פרעמדע. מען קאָן דעריבער זאָגן, אַז דאָס אַלץ וואָס ס׳איז גע־
שען מיט יידן אין פוילן, ביז צו דער סאַמע לעצטער אַנטיסעמיטישער
וואַקכאַנאַליע, איז אַ פועל יוצא פון דעם וואָס די פּאָליאַקן האָבן אונדז
נישט געקענט און נישט געוואָלט קענען. דער ייד אין דער פוילישער לי־
טעראַטור איז, אין גוטן און אין שלעכטן זין, תמיד געווען אַ קאַריקאַטור,
אַ מאָנסטער, אַן אונטערמענטש, אָדער אַן אויבערמענטש, אָבער נישט
קיין מענטש וועלכן מען דאַרף באַהאַנדלען מענטשלעך...

מעשיות פון יאַפּאַנישן פּאָלקלאָר

פּאַראַן אַ לעגענדע וועגן אַ יינגל נאַרציז, וואָס האָט דערזען אין וואַסער־שפּיגל זיין שיין פּנים און האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין זיין אייגענער שיינקייט, אַז ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון וואַסער און ער איז אויסגעגאַנגען קוקנדיק כסדר אויף זיך.

אַ סך מענטשן וואַרפן פאַר יידן דעם חטא פון נאַרציסיזם. זיי זאָגן אַז יידן זענען כסדר פאַרקוקט אויף זיך אַליין. אין אַ געוויסער מאָס איז עס אמת. אפילו, אַז מען נעמט אין האַנט אַרייַן אַ ישראלדיקע צייטונג, זעט מען ווי אין איר ווערן געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען זיך צו באַפרייען פון דער פאַרקוקטקייט אויף זיך, אָבער דאָך העלפט עס נישט. 24 שעה אין מעת לעת איז אַפילו דער יידישער אינטעליגענט אין ישראל נאַציאָנאַל־נאַרציסיסטיש.

אונדזער פאַרענטפערונג איז בלויז דאָס, וואָס מיר קוקן נישט כסדר אויף זיך און אין זיך, ווייל מיר זענען אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין אונדזער אייגן געשטאַלט. אָ, דאָס נישט. קיינער האָט נישט אַנטוויקלט די אייגנשאַפט פון אַליין־קריטיק אין אַזאַ מאָס ווי גראָד מיר, יידן. ליידער איז אָבער אונדזער לאַגע נאָך אַלץ אַזאַ, אַז מיר מוזן כסדר געדענקען וועגן זיך און דערפאַר טאַקע קוקן מיר אויף זיך אַזויפיל און זענען אין זיך אַזוי אַריינגעטאָן.

יעדער מענטש ווייסט, אַז ווען דער גוף איז געזונט, ווען די אברים טוען נישט וויי און ווען ס׳דראָען נישט דעם קערפּער קיין ספּעציעלע געפאַרן, פאַרגעסט מען, אַז מען האָט אַ גוף און אַז מען האָט אברים. ווען דערמאָנט מען זיך אין זיי? ווען מען הייבט זיי אָן דערפילן, און מען דערפילט זיי ווען זיי ווערן קראַנק און הייבן אָן פאַרשאַפן ווייטיק.

וואָס מער אַ מענטש לײדט פון זײנע מחלות, אַלץ װײניקער קען ער טראַכטן װעגן עפּעס אַנדערש און אַלץ מער טראַכט זיך אים כסדר װעגן זיך.

יידן זענען, וואָס אַז אמת, שטאַרק אַרײנגעטאָן אין װעלט־פּאָליטיק. אַז מען נעמט אַ ייד און אַ גוי פון דעם זעלביקן סאָציאַלן שיכט, װײזט זיך אַרויס, אַז דער ייד װײסט מער און האָט אַ גרעסערן אינטערעס פאַר װעלט־פּאָליטיק. דאָס איז אָבער נישט קײן סתירה צו דעם װאָס מיר האָבן פריער געזאָגט. װעלט־פּאָליטיק, ענדערונגען אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער סיטואַציע רירן תמיד מער אָן דעם ייד װי דעם נישט־ייד און פון דאַנען נעמט זיך אונדזער אינטערעס צו דעם דאָזיקן ענין. װיל עס זאָגן, אַז אויך צו װעלט־פּאָליטיק האָבן מיר אַ סוביעקטיװן אינ־טערעס און מיר זעען אין איר, װידעראַמאָל, קודם כל זיך.

איך האַלט נישט, אַז מיר דאַרפן זיך שעמען מיט דער דאָזיקער אײגנשאַפט אונדזערער, און איך מײן אויך נישט, אַז מיר דאַרפן זיך פאַר װעמען עס איז פאַרטײדיקן. טראָץ דעם װאָס מיר האָבן שוין מדינת ישראל, װערט די יידישע געשיכטע, אין אַ געװיסער מאָס, נאָך אַלץ געמאַכט דורך פרעמדע הענט און דורך אויסערלעכע פאַק־טאָרן, איבער װעלכע מיר האָבן נישט תמיד קײן שליטה. דערפאַר איז נישט קײן װוּנדער, װאָס מיר זענען נישט תמיד אָביעקטיװ צו דער דרוי־סנדיקער װעלט און װאָס מיר זוכן אין איר נאָר דאָס, װאָס קען אונדז אינטערעסירן פון אַ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט.

אַלע פעלקער אין אונדזער מעמד זענען נישט אַנדערש פון אונדז און ממילא זענען מיר נישט בעסער און נישט ערגער פון אַנדערע.

דאָך שאַדט נישט פון צײט צו צײט צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם דרויסן און צו זען דאָרט דאָס װאָס האָט מיט אונדז נישט קײן די־רעקטן שייכות.

אַזאַ מין עקסקורסיע צו דעם „דרויסן" האָב איך געמאַכט אין די לעצטע טעג לײענענדיק אַ בוך פון יאַפּאַנישן פאָלקלאָר, באַאַרבעט דורך אַ באַרימטן יאַפּאַנישן שרײבער װאָס איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד אין יאָר 1927 בעת ער איז אַלט געװען 33 יאָר.

דער דאָזיקער שרײבער, זײן נאָמען איז: עקאַטאַגװאַ, װאָס איז

איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ ריי וועלט־שפּראַכן, האָט קינסטלע־ריש באַאַרבעט אַ שלל מיט יאַפּאַנישע פאָלקס־מעשיות, אַנגעהויבן פון 11־טן י״ה. אייניקע פון זיי זענען פילמירט געוואָרן אונטער דעם אַל־געמיינעם נאָמען „ראַשאָמאָ״.

פאַראַן איין פאָלקס־מעשה וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ דער־שיטערנדיקן רושם. די מעשה איז בקיצור אַזאַ: אַ יאַפּאַנישער מאָלער איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך אַ פּרינץ צו מאָלן אַ בילד וואָס זאָל פאָרשטעלן דעם גיהנום. דער מאָלער האָט מסכים געווען צו מאַכן דאָס בילד, אָבער ער האָט געטענהט, אַז ער קאָן נישט מאָלן אָן איב־ספּיראַציע, ווי אָבער זאָל זיך אַ מאָלער אינספּירירן צו אַ בילד, וואָס שטעלט פאָר דעם גיהנום: האָט ער באַשלאָסן צו פאָדערן פון פּרינץ, אַז ער זאָל לאָזן פאַרברענען אַ יונגע פרוי אויפן שייטערהויפן און קוקנדיק אויף דער דאָזיקער סצענע וועט ער זיך אינספּירירן צו שאַפן זיין בילד.

דער פּרינץ, וואָס האָט איינגעלאַדן דעם מאָלער, איז געווען מעכטיק און ער האָט זיך געקענט דערלויבן צו צושטעלן דעם מאָלער אַזאַ סצענע. ס׳איז געקומען אַ טאָג און מען האָט אַרויסגעפירט אַ פרוי צום שייטערהויפן. מען האָט זי אונטערגעצונדן און פאַרברענט. דער מאָלער איז געשטאַנען פון ווייטנס, געקוקט און געמאָלט...

ער האָט נישט געזען די יסורים פון לייב וואָס ווערט געלעקט פון די פלאַמען. ער האָט נישט געזען דעם לעבעדיקן מענטש אין די פייער־נעגל פון טויט... ער האָט בלויז געזען דעם שפּיל פון פאַרבן... דעם געצאַפּל פון ליניעס...

ס׳איז אַרויסגעקומען אַ פּרעכטיק ווערק. אַלע האָבן געהאַלטן אַז די קונסט איז ווערט געווען דעם דאָזיקן קרבן. וואָרעם אַ מענטש לעבט בלויז אַ באַשטימטע צאָל יאָרן. די קונסט איז אייביק.

דאָס בילד איז געווען פאַרטיק. ס׳איז געבליבן אין הויז פונעם פּרינץ און דער מאָלער האָט צוזאַמענגענומען זיין געצייג און איז אַוועק אַהיים. אָבער אין דער היים האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די יונגע פרוי וואָס איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטער־הויפן, איז געווען... זיין איינציקע טאָכטער.

וואָס ווייטער איז געשען איז שוין נישט וויכטיק. לאָמיר צוגעבן, אַז דער מאָלער האָט באַקומען אַ האַרצשלאָק און איז געשטאָרבן. צום עצם ענין האָט דאָס אָבער שוין נישט. די טענדענץ פון דער פאָלקס־מעשה צו ווייזן די שטראָף פון דעם קינסטלער, וואָס שטעלט די קונסט העכער ווי דאָס לעבן איז שוין קלאָר פון דעם מאָמענט ווען דער פאָטער דערוויסט זיך ווען ער האָט מקריב געווען פאַר זיין קינסטלע־רישן אַפּגאָט.

די יאַפּאַנישע פאָלקס־מעשה האָט אין זיך אַן אַלוועלטלעכן, אַן אַלמענטשלעכן מוסר השכל און ס׳איז דאָ נישט נייטיק צו קוקן אויף איר דורך ספּעציפיש יידישע ברילן. פונדעסטוועגן, (ווייל אַ ייד קאָן פאָרט נישט אַוועקגיין פון זיך) מעג מען צוגעבן, אַז אַ יידישע פאָלקס־מעשה פון דעם מין האָבן מיר נאָר איינע, און דאָס איז די מעשה פון יפתחן און זיין טאָכטער. אָבער אַפילו אין יענער ביבלישער מעשה, וואָס איז בולט אַגגעווייעט פון נישט־יידישע איינפלוסן, איז נישט פאַראַן די דאָזיקע גרעלע אכזריות וואָס אין דער יאַפּאַנישער געשיכ־טע. ביי יידן האָט אַ זיג איבערן שונא געקענט באַצאָלט ווערן מיטן לעבן פון דער אייגענער טאָכטער. אָדער די דילעמע וועגן קונסט און לעבן איז פאַר יידן קיינמאָל נישט געשטאַנען, מיר האָבן אַלע מאָל געוווּסט, אַז דאָס לעבן איז העכער פון דער העכסטער קונסט.

און אָט איז אַ צווייטע מעשה וואָס געהערט שוין צום יאַפּאַנישן פאָלקלאָר פון 16־טן יאָרהונדערט. דעמאָלט האָבן די קריסטלעכע מי־סיאָנערן שוין אָנגעהויבן פירן זייער טעטיקייט אין יאַפּאַן און עס ווערט דערציילט ווענן אַ יאַפּאַנישן יונגמאַן מיטן נאָמען לאָרענצאָ, וואָס איז דערצויגן געוואָרן ביי די קריסטלעכע גלחים און האָט זיך געהאַלטן אין זייער סביבה.

אין איין טאָג האָט מען דעם דאָזיקן לאָרענצאָ באַשולדיקט, אַז ער האָט פאַרגוואַלדיקט די טאָכטער פון אַ סוחר וואָס איז איבערגעגאַנ־גען צום קריסטלעכן גלויבן. דאָס פאַרגוואַלדיקטע מיידל האָט געהאַט אַ טאָכטער, וועלכע האָט זיך געהאָדעוועט אינעם הויז פונעם סוחר.

פאַרשטייט זיך, אַז דעם באַשולדיקטן לאָרענצאָ האָבן די גלחים פאַר־טריבן און ער איז געוואָרן אַ בעטלער.

פּלוצים איז אויסגעבראָכן אַ שׂריפה אינעם הויז פונעם סוחר און לאָרענצאָ וואָס האָט זיך געפונען אויפן אָרט פון דער שׂריפה, איז אַריינגעשפּרונגען אין די פלאַמען און האָט פון דאָרט אַרויסגעראַטע־וועט די טאָכטער פון דעם פאַרגוואַלדיקטן מיידל. מענטשן וואָס האָבן דאָס צוגעזען האָבן געזאָגט: וואָס איז דער וווּנדער? ער האָט דאָך איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי צו ראַטעווען די אייגענע טאָכטער...

אָבער וואָס ווייסן מענטשן? זיי דערוויסן זיך זאַכן תּמיד צו שפּעט. לאָרענצאָ האָט אין די פלאַמען באַקומען בראַנדווונדן און ער איז גע־שטאָרבן, אָבער ערשט דעמאָלט ווען מען האָט דעם אָרימען יונגמאַן גענומען צוגרייטן צו דער קבורה, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לאָרענצאָ איז געווען... אַ פרוי.

די דראַמאַטישקייט פון דער דאָזיקער געשיכטע איז אין לשער און כאָטש איר מוסר השׂכל איז נישט אַזוי איינדייטיק ווי דער מוסר השׂכל פון דער פריער־דערציילטער מעשׂה, מוז מען דאָך זאָגן, אַז זי רעגט אָן צו כלערליי געדאַנקען און נאָכטראַכטונגען וואָס ברענגען אַריין אומעטיקייט אינעם געמיט. — כאָטש אַז מען וויל איז נעבן דעם פּער־סימיזם פון דער מעשׂה אויך פאַראַן אַן אָפּטימיסטישער אַקצענט, וואָרעם די מעשׂה דערציילט דאָך וועגן אַ הייליקער גוטסקייט וואָס איז מקריב דאָס אייגענע לעבן אומפאַראינטערעסירט. דאָך שטרייכט אָבער די גאַנצע מעשׂה בפירוש אונטער דעם סוף פון מענטשלעכער גוטס־קייט און זי ווייזט ווי עס זעען אויס אין די אויגן פון זייערע אַרומיקע די דאָזיקע הייליקע מענטשן, וואָס ליידן און שווייגן, אַפילו ווען מען באַשולדיקט זיי אין זאַכן וועלכע זיי זענען לגמרי נישט שולדיק.

כ׳בין זיכער, אַז יצחק באַשעוויס האָט נישט געקענט אָט די יאַפּאַ־נישע פאָלקס־מעשׂה ווען ער האָט געשריבן זיין דערציילונג „יענטל דער ישיבה־בחור". אָבער אַן דער יאַפּאַנישער דראַמאַטישקייט (ווייל דראַמאַטיזם איז אָפּט אכזריותדיק און אַ ייִדישער שרייבער קען בשום אופן נישט זיין אַזוי אכזריותדיק) איז אויך אין באַשעוויסעס דערציי־לונג פאַראַן די טראַגיק פון אַ מענטש וואָס מוז פאַרבאָרגן זיין „איך".

די טראַגיק פון אַ מענטש, וואָס מוז לעבן אונטער אַ מאַסקע איז פאַראַן סיי אין דער יאַפּאַנישער פאָלקס־מעשה און סיי אין באַשעוויסעס דערציילונג.

באַשעוויסעס דערציילונג האָבן געוויסע לייענער געוואָלט אָפּפרעגן צוליב דעם וואָס זי איז אומגלייבלעך פון אַ רעאַליסטישן שטאַנדפונקט. אין ליכט פון דער יאַפּאַנישער פאָלקס־מעשה זעען מיר, אַז די רעאַליסטישע מעגלעכקייט פון דער פּאַסירונג איז דאָ נישט וויכטיק. צי אַזעלכעס קאָן יאָ טרעפן, אָדער נישט טרעפן, דאָס איז אַ צווייטראַנגיקע פראַגע. דער עיקר איז וואָס אַזוינס די מעשה גופא האָט אונדז צו זאָגן ווען זי וואָלט, לאָמיר אָננעמען, יאָ פּאַסירט. און ווי מיר זען, איןביידע פאַלן, זאָגט זי אונדז זייער אַ סך און זי צווינגט אונדז צו טראַכטן וועגן מענטשן אין דעם שפּיל פון זיין בייזן גורל...

1971

פראָפ. איינשטיין וועגן מאָצאַרטן

ס׳איז מערקווירדיק וואָס די „שבחי־איינשטיין״־ליטעראַטור האַלט זיך אין איין מערן, כאָטש געוויסע פּרטים פון זיין לערע ווערן שוין אָפּגעפרעגט (ווי למשל, איינשטיינס באַהויפּטונג, אַז קיין שום זאַך באַוועגט זיך נישט שנעלער פון אַ ליכט־שטראַל, וואָס איז אָפּגעפרעגט געוואָרן דורך דעם פּראָפעסאָר דזשעראַלד פיינבערג, דער זון פון דעם דיכטער לייב פיינבערג).

די וואָס שרייבן היינט וועגן אַלבערט איינשטיינען, שרייבן אָבער נישט אַזוי וועגן זיינע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען, ווי וועגן זיין פּערזענלעכקייט, וועגן זיין מענטשלעכקייט, וועגן זיין גרויסקייט און שיינקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

וואָס מער צייט עס גייט אַוועק אַלץ מער גיבן זיך מענטשן אָפּ דין וחשבון וואָס פאַר אַ צדיק ער איז געווען און ווי זיין צדקות האָט אים אויסגעטיילט פון דעם גאַנצן אַרום.

די באַשיידנקייט פון דעם מענטש איינשטיין איז ממש געווען אין לשער. מעמואַריסטן דערציילן וועגן דעם פאַקטן און די דאָזיקע פאַקטן קלינגען ווי אַ לעגענדע.

וואָס מיך האָט אָבער גאָר שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַ בינטל מעמואַרן פון זיינס אַ תלמיד־חבר, בייניש האָפמאַן, וועלכער איז פּראָפעסאָר אין ניו יאָרקער אוניווערזיטעט, איז איינשטיינס אַ דעפיניציע וועגן מוזיק וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן כלאחר יד, אָבער אין וועלכער עס איז פאַראַן, סיי גאונות, סיי די טיפע פילאָזאָפיע פון איינשטיין דעם דענקער.

איינשטיין איז, ווי באַוווּסט, געווען אַ מוזיקער־אַמאַטאָר. ער האָט

שטאַרק ליב געהאַט צו שפּילן פידל, כאָטש קיין ווירטואָזיטעט אויף דעם געביט האָט ער נישט אַרויסגעוויזן.

ס'איז אָבער קיין ספק נישט, אַז כאָטש פידל־שפּילער זענען געווען בעסערע ווי ער, האָט ער אָבער געקענט מוזיק און זי פאַרשטאַנען אפשר בעסער פון אַ סך פּראָפעסיאָנעלע מוזיקער.

איינמאָל, שפּילנדיק אויפן פידל, האָט ער פּלוצים אַ זאָג־געטאָן, אַז ער האַלט מאָצאַרטן פאַרן גרעסטן קאָמפּאָזיטאָר אין דער וועלט, פאַר דעם גרעסטן אין דער געשיכטע פון דער מוזיק.

איינשטיין האָט תמיד זייער ליב געהאַט צו שפּילן און צו הערן מאָצאַרטן. פון דעסטוועגן האָט זיין זאָג אַרויסגערופן אַ געוויסע פאַר־וווּנדערונג.

מען האָט אים געפרעגט:

— נו, און בעטהאָווען?

— אָ, געוויס, — האָט איינשטיין געענטפערט — בעטהאָווען איז געווען אַ גרויסער מוזיקער, אָבער נישט אַזוי גרויס ווי מאָצאַרט.

איינער האָט זיך אָפּגערופן:

— יאָ, אַז מאָצאַרטן וואָלט קיין בעטהאָווען נישט געווען. בעט־האָווען האָט דאָך אָנגעהויבן דאָרט וווּ מאָצאַרט האָט פאַרענדיקט.

— אָבער ניין, ניין — האָט איינשטיין דערווידערט — נישט דערי־פאַר איז מאָצאַרט גרעסער פון בעטהאָווענען. דער חילוק צווישן זיי ביידן איז גאָר אַן אַנדערער: בעטהאָווען האָט געשאַפן זיין אייגענע מוזיק און דאָס איז זיין גרויסקייט. אָבער מאָצאַרט האָט נישט געשאַפן זיין מוזיק, נאָר ער האָט דערהערט און אַנטפּלעקט די מוזיק וואָס איז פאַראַן אין קאָסמאָס, די מוזיק פון געטלעכן באַשאַף און צוליב דעם איז ער נאָך גרעסער...

איינשטיינס דעפיניציע וועגן מוזיק בעט זיך ממש: דרשני... פאַר־טייטש מיך... לערן מיך... פאַרשטיי מיך...

עס איז באַוווּסט, אַז נאָך דעם ווי איינשטיין האָט געוווּנען וועלט־אָנערקענונג מיט זיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, די טעאָריע וואָס איז באַזירט אויף דעם איינהייט־פּרינציפּ צווישן צייט און רוים און צווישן ענערגיע און מאַטעריע, האָט ער די לעצטע דרייסיק יאָר פון זיין לעבן

אָפּגעגעבן צו אַנטדעקן דעם ווייטערדיקן איינהייט־פּרינציפּ, אָדער איינ־הייט־געזעץ וואָס דאָמינירט אין דער גאַנצער קאָסמישער עקזיסטענץ.

איינשטיין האָט הייליק געגלויבט, אַז אַזאַ געזעץ עקזיסטירט, כאָטש דער מענטש האָט עס נאָך נישט אַנטפּלעקט און ער קען עס נאָך נישט באַגרייפן און פאָרמולירן.

ווי באַלד איינשטיין האָט געגלויבט, אַז עס עקזיסטירט אַן איינהייט־לעך קאָסמיש געזעץ וועלכן עס איז אונטערגעוואָרפן סיי דער גרעס־טער הימל־קערפּער, סיי דאָס מינדעסטע ווערימל אויף דער ערד, האָט ער דערפון געדרונגען, אַז די בריאה, די עקזיסטענץ איז נישט קיין צופאַל.

פון דעם געדאַנק, אַז די עקזיסטענץ איז נישט קיין צופאַל איז ער געגאַנגען אַ טראָט ווייטער און געזאָגט, אַז די עקזיסטענץ האָט אַ זין און אַ תּכלית.

אָט דעם זין און תּכלית וואָס איינשטיין האָט געגלויבט, אַז ער עקזיסטירט אין דעם גאַנצן אוניווערס, האָט ער אָנגערופן: גאָט, אָדער: די געטלעכע מעטאַפיזישע קראַפט וואָס איז גוט און שטרעבט צו גוטס.

מיט אַנדערע ווערטער: ער האָט געגלויבט, אַז אויסער אונדז און אומאָפּהענגיק פון אונדז, עקזיסטירט אַ באַוווּסטזיניקער „ווער״ וועל־כער עקזיסטירט, האָבנדיק אַ באַוווּסטזיניקן „צוליב וואָס״.

— די געדאַנקען קומען פון גאָט — האָט איינמאָל איינשטיין גע־זאָגט צום פּראָפ׳ בייניש האָפמאַן.

אין דעם מאַטעמאַטיק־זאַל פון דעם פּרינסטאָן־אוניווערזיטעט ווו איינשטיין האָט געלערנט, איז געווען אויסגעקריצט אין מאַרמאָר איינ־שטיינס פאָלגנדיקער אַפאָריזם:

„גאָט איז ווונדערלעך און קאָמפּליצירט, אָבער קיינמאָל נישט שלעכט״. פּראָפ׳ האָפמאַן זאָגט, אַז איינשטיינס פּרינציפּ איז געווען, אַז גאָט וויל, אַז דער מענטש זאָל אים דערקענען...

האָט טאַקע פּראָפ׳ אַלבערט איינשטיין געהאַלטן, אַז אויב אונדז מענטשן וועט געלונגען צו דעשיפרירן דאָס איינהייטלעכע געזעץ מיט וועלכן די געטלעכע קראַפט אַנטפּלעקט זיך אין דער עקזיסטענץ, וועלן

מיר אפשר אויך באַגרייפן די קראַפט גופא און איר תכלית, דאָס הייסט: מיר וועלן דערקענען גאָט.

און כאָטש ער האָט, ווי געזאָגט, דרייסיק יאָר זיך געמיט צו אַנט־פּלעקן דאָס דאָזיקע איינהייטלעכע געזעץ און האָט עס נישט אַנט־דעקט, האָט ער דאָך געגלויבט, אַז נאָך אים וועלן קומען אַנדערע מענטשן און עס יאָ אַנטדעקן.

איינשטיין איז, בכן, געווען אַ מין כהן גדול וואָס דינט צו גאָט מיט דעם ריטואַל פון דער וויסנשאַפט; אַ מין מאמין וואָס זוכט התגלות הבורא מיט מאַטעמאַטישע פאָרמולעס.

איצט קערן מיר זיך אום צו איינשטיינס דעפיניציע וועגן מוזיק, צו זיין העכער־שטעלן מאָצאַרטן איבער בעטהאָווענען.

ווייבאַלד ער האָט געגלויבט, אַז עס עקזיסטירט אַ געטלעכע קראַפט וואָס קומט צום אויסדרוק אין דעם נאָך נישט אַנטפּלעקטן איינהייטס־געזעץ, האָט ער אויך געמוזט גלייבן, אַז עס עקזיסטירט אַ וועלט־מוזיק, אַ קאָסמישע מוזיק.

געזעצמעסיקייט איז האַרמאָניע און האַרמאָניע איז מוזיק.

אין דער יידישער מיסטיק רעדט מען זייער אַ סך וועגן דער קאָס־מישער מוזיק. מען האַלט, אַז יעדע זאַך אויף דער וועלט האָט איר קלאַנג און די קלאַנגען פון אַלע זאַכן גיסן זיך צונויף אין איין סימ־פאָניע — די סימפאָניע וואָס לויבט גאָט פאַר זיין באַשאַף.

איינשטיינס אוניווערסאַלע מוזיק האָט אָבער נישט געהאַט צו טאָן מיט דער יידיש־מיסטישער גאָט־לויבעניש.

איינשטיין האָט בכלל נישט געהאַלטן, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ גאָט וואָס וויל, אַז מען זאָל אים לויבן, אַז מען זאָל צו אים דאַווענען, אָדער גאָר ברענגען קרבנות.

איינשטיינס גאָט איז מער געווען אַ גאָט־פּרינציפּ, אָדער אַ גאָט־אידעע, וואָס באַהאַלט זיך דערווייל אויס פונעם מענטשן אין דעם נישט דערקענטן וועלט־געזעץ.

ער, דער גרויסער גאון אין דער מאַטעמאַטיק, האָט דערביי גע־

גלייבט, אַז פונקט ווי ס'איז מעגלעך צו דערקענען די געטלעכקייט דורך דעם זוכן דאָס איינהייטלעכע געזעץ מיט דער הילף פון דער מאַטעמאַטיק, אַזוי איז אויך מעגלעך צו דערקענען די דאָזיקע גאָטהייט דורך די קלאַנגען פון דער מוזיק.

וואָרום קומט די גאָטהייט צום אויסדרוק אין דער האַרמאָניע פון מאַטעמאַטישן געזעץ, קומט זי אויך צום אויסדרוק אין דער האַרמאָניע פון דער אוניווערסאַלער מוזיק.

און פונקט ווי דאָס געזעץ איז פאַראַן און מען דאַרף עס נאָר דער־שיפּרירן, אַזוי איז אויך די מוזיק פאַראַן און מען דאַרף זי נאָר דער־הערן.

און לויט איינשטיינען האָט מאָצאַרט זי דערהערט.

איינשטיין האָט געזאָגט: „מאָצאַרטס מוזיק איז אַזוי ריין און וווּנדערלעך, אַז מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז זי האָט תמיד עקזיס־טירט ווי אַ טייל פון דער שיינקייט און געזעצמעסיקייט וואָס איז פאַראַן אין קאָסמאָס".

די מוזיק האָט עקזיסטירט, אָבער קיינער האָט פון איר נישט גע־ווּסט, קיינער האָט זי נישט געהערט.

עד שבא מאָצאַרט און האָט זי דערהערט און אַנטפּלעקט.

אָט דאָס איז, לויט איינשטיינען, דער חילוק צווישן בעטהאָווען און מאָצאַרט. בעטהאָווען האָט אונדז געלאָזט הערן זיין אייגענע מוזיק, מוזיק פול מיט ראַנגלעניש, פול מיט ליידנשאַפט, פול מיט קאַמף. דאָס איז גרויסע מוזיק, אָבער פּאַרט מענטשלעכע מוזיק. מאָצאַרט דאַקעגן האָט אונדז געלאָזט הערן „די ריינע" מוזיק, די געטלעכע מוזיק, די מוזיק וואָס דריקט אויס דעם האַרמאָנישן פּרינציפּ פון דער קאָסמישער עקזיסטענץ.

עס איז דער אונטערשייד צווישן דעם נביא און דעם קינסטלער.

דער קינסטלער זאָגט אונדז זיין אייגן וואָרט, זיין מענטשלעך וואָרט, אָבער ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, קען ער פון זיין מענטש־לעכקייט נישט אַרויסגיין. ער בלייבט תמיד — דער מענטש.

דער נביא דאַקעגן זאָגט אונדז גאָרנישט פון זיך. אַלץ וואָס ער

זאָגט איז נאָר פון גאָט. ער זאָגט דאָס וואָס ער הערט, און דאָס ער הערט איז איבערמענטשלעך, איז אַ טייל פון דער גאָטהייט.

איינשטיין האָט געהאַלטן אַז בעטהאָווען איז געווען דער געניאַלער קינסטלער. מאָצאַרט אָבער איז געווען דער נביא.

דער קינסטלער דאַרף עפּיטעטן און כדי צו באַצייכענען זיין גרויסקייט דאַרפט איר אים צוגעבן דעם אַדיעקטיוו „געניאַלער". דער נביא דאַרף נישט קיין שום עפּיטעטן, קיין שום אַדיעקטיוון. איר דאַרפט אַפילו נישט זאָגן „דער אמתער נביא", וואָרעם דער פאַלשער נביא איז דאָך בכלל קיין נביא נישט.

פאַר איינשטיינען איז מאָצאַרט געווען אַ מוזיקאַלישער נביא. ער האָט אין זיין מוזיק אַנטפּלעקט דאָס געטלעכע געזאַנג, די מוזיק וואָס עקזיסטירט מחוץ אונדז און איז אַ טייל פון דער שיינקייט פון קאָסמאָס.

שיינקייט פונקט ווי גוטסקייט איז פאַר איינשטיינען געווען איינס. ביידע זענען זיי געווען אַ טייל פון זיין געזוכטן איינהייט־געזעץ, וואָס דאַרף אונדז באַווייזן אַז ס'איז פאַראַן זין און תכלית און במילא — געטלעכקייט.

עס איז דאָ נישט וויכטיק צי מוזיק־קענער וועלן אָננעמען איינשטיינס מיינונג וועגן דער העכערקייט פון מאָצאַרטן איבער בעטהאָווענען.

איינשטיין, ווי גרויס ער איז נישט געווען, האָט ער אָבער געמשפּט לויט זיין סוביעקטיווער עמפּינדונג. אַנדערע קענען גראָד אָט די עמפּינדונג קריגן ביי בעטהאָווענען און אפשר נאָך מער — ביי יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך.

אַ גרויסער מוזיק־קענער האָט טאַקע אַמאָל געשריבן, אַז די קלאַנגען פון דעם דריטן טייל פון בעטהאָווענס ניינטער סימפּאָניע, וועלן שוועבן צווישן די שטערן־ספערן אַפילו ווען אונדזער זינדיקע ערד וועט אונטערגיין.

דאָס האָט אָבער געזאָגט אַ מענטש מיט אַ היפּש ביסל גאווה וואָס נוגע זיין מענטשלעכקייט, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דער בן אדם קען עפּעס מוסיף זיין צום געטלעכן באַשאַף; ער קען מיט זיין געניאַ־

ליטעט צוגעבן עפּעס אַזוינס וואָס כביכול זאָל עס מוזן אַריינגעמען ווי אַ חלק פון דער בריאה.

דער מענטש איינשטיין איז געווען אַן עניו. ער האָט זיך קעגן זיין גאָט נישט גרויס געהאַלטן.

פאַר אים איז גענוג געווען, אויב דער מענטש איז מסוגל צו הערן, צו פאַרשטיין, צו באַגרייפן, דאָס געטלעכע. מוסיף זיין האָט ער שוין נישט געוואָלט.

דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער זייער קלאָר אויסגעדריקט אין זיין שמועס מיט דעם אינדישן פּאָעט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע.

איינשטיין האָט תמיד געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פונעם מענטש איז צו לערנען, צו פאָרשן, צו דערגרונטעווען דעם סוד וואָס איז פאַר אים פאַרהוילן.

לעת עתה, ביז דער מענטש וועט דערגיין צו דעם גרויסן סוד, דאַרף ער זיך באַמיען צו זיין גוט און לעבן אין פולער עטישער האַר־מאָניע, ווייל צו דעם איז מחייב דער שכל, אַפילו ווען דער סוד איז אונדז נאָך נישט באַוווּסט, אַפילו ווען מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן אים צו דערשיפרירן.

איינשטיינס גלויבן אין אַבסאָלוטע עטישע ווערטן האָט זיך באַ־זירט אויף דעם וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז דער עצם־געדאַנק ווענגן וועלט־זין דאַרף אונדז אָפּהאַלטן פון אומזיניקע מעשים. און וועלכע מעשים זענען אומזיניק? די דאָזיקע וואָס זענען שלעכט און זענען אין קעגנזאַץ צום וועלט־זין וואָס איז כולו גוטס („גאָט איז קיינמאָל נישט שלעכט״).

איז, ווי געזאָגט, דאָ נישט וויכטיק צי מען נעמט אָן איינשטיינס מיינונג וועגן מאָצאַרטן, אָדער מען שטעלט בעטהאָווענען, צי באַכן העכער.

וויכטיק איז וואָס מיט דער דאָזיקער מיינונג האָט איינשטיין אַנט־פּלעקט זיין אייגענע גרויסקייט. די גרויסקייט פון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס אירע געדאַנקען און געפילן זענען אין פולער האַרמאָניע.

ווען מען האָט פאַר לענינען געשפּילט בעטהאָווענס אַפּאַסיאָנאַטע האָט ער געזאָגט, אַז ס׳איז אַ געפאַר זי צו הערן, פאַרוואָס אַ גע־

פאַר? ווייל הערנדיק זי גלוסט זיך גלעטן מענטשלעכע קעפּ. לעניִן האָט אָבער געהאַלטן, אַז זיין אויפגאַבע איז צו האַקן מענטשלעכע קעפּ און נישט זיי צו גלעטן.

צווישן לענינס געדאַנק און לענינס געפיל — אויב מען זאָל גלייבן אין דער דאָזיקער געשיכטע — איז געווען אַ קידער־ווידער, אַ ויתרוצצו.

און אויב אַ מענטש, אַזוי זאָגט די פּסיכאָלאָגיע, אַנטפּלעקט אויף איין געביט אַ ויתרוצצו, אַ געשפּאָלטנקייט, איז דאָס אַ סימן, אַז ערגעץ ווו איז ער אין גאַנצן געשפּאָלטן און איז נישט גאַנץ מיט זיך.

איינשטיין איז געווען גאַנץ מיט זיך אין אַלע פּרטים.

אין זיין עמפּינדונג פון מוזיק איז געלעגן זיין פילאָזאָפיע אַלס דענקער און זיין פילאָזאָפיע אַלס דענקער האָט האַרמאָנירט מיט זיין שטאַנדפּונקט אַלס וויסנשאַפטלער.

איז אַ וווּנדער וואָס דער דאָזיקער מענטש לייכט אַרויס מיט אַזאַ הייליק ליכט פון די זכרונות פון זיינע מיטצייטלער?

1968

II

יעדער דור קענען ניט

זיינע ווינטשן...

אַ מעשה מיט אַ דאַמף־מיל

ווי אַ סך יוגנטלעכע פון מיין דור וואָס זענען אַוועק פון דער ישיבה־באַנק צו די וועלטלעכע לימודים און פון אביי ורבא צו קאָפּער־ניק און ניוטאָן, האָבן איך אין מיינע יונגע יאָרן געהאַט גאָר אַ גרויסן גלויבן אין דער וויסנשאַפט און בין געווען פול מיט אָפּשיי פאַר די טעכנישע דערפינדונגען וואָס האָבן שוין אין מיין צייט אויסגעזען ווי די נייע משיחים פון דער מענטשהייט. צוזאַמען מיט אַ סך, אַ סך אַנדערע האָב איך באמונה שלימה געגלייבט, אַז סיי די וויסנשאַפט, סיי די טעכ־ניק, די קינדער פון דעם געניאַלן מענטשלעכן גייסט — וועגן באַזיגן אַלע שלעכטסן פון לעבן און וועלן באַזייטיקן אַלע איבלען פון דער געזעלשאַפט און נאָך דעם ווי די דאָזיקע שלעכטסן און איבלען וועלן פאַרשווונדן, ווער וועט דאַן שטערן דער וועלט, אַז זי זאָל זיך פאַר־וואַנדלען אין אַן אמתן גן עדן התחתון?

עס איז ווי געזאָגט, נישט געווען בלויז מיין אייגענער גלויבן. עס איז געווען דער גלויבן פון אַ דור און אפשר פון עטלעכע דורות. עס איז געווען אַ גלויבן אין דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אַ גלויבן אין דער מענטשלעכער נקודה פון גוטסקייט. דער דאָזיקער גלויבן האָט אָפּגעוואָרפן דעם ביבלישן „כי יצר לב האדם רע מנעוריו” און האָט זיך געוואָלט איינשמועסן, אַז אויב דער מענטש איז שלעכט איז דאָס צוליב דעם שווערן לעבן, דעם ביטערן לעבנס קאַמף וואָס ער מוז פירן פאַר זיין עקזיסטענץ. יאָ, די באַדינגונגען פון האַרטן לעבנס־געראַנגל — האָבן מיר צווישן זיך געטענהט — האָבן דעם מענטש געמאַכט פאַר אַן אכזר צו זיינע מיטמענטשן, האָבן דערפירט צו דעם, אַז איין מענטש זאָל אַנטקעגן דעם אַנדערן זיין אַ וואָלף. אָבער אין אַ וועלט ווו עס וועט זיין גרינג און פריילעך צו לעבן וועט דאָס וואָלפישע אין מענטש

פאַרשווינדן און איין מענטש צום צווייטן וועט זיין צאַרט ווי אַ מלאך. וואָרעם מה דאָך אין דער איצטיקער שווערער און ביטערער לעבנס ראַנגלעניש מאַניפעסטירט דער מענטש ביי געוויסע געלעגנהייטן און אין געוויסע אומשטענדן אַזויפיל גוטסקייט און צאַרטקייט, היינט־זשע ווי וועט דאָס נאָך זיין אין אַ צייט ווען יעדן איינעמס לעבן וועט גיין ווי אַ מזמור און יעדן איינעם וועט זיין גוט און לוסטיק אויף דער נשמה? סוף כל סוף — האָבן מיר נאַאיווערהייט פילאָזאָפירט — ברענגט דאָך דאָס שלעכטס אַפילו דעם טוער נישט קיין גוטס, היינט־זשע צוליב וואָס זאָל דער מענטש זיין שלעכט אויב ער קען זיין גוט, אויב דאָס לעבן וועט אים נישט באַלאַסטן און נישט צווינגען צו זיין שלעכט?

אין אַ געגנט ווו פלייש איז פאַראַן ווייניק — האָבן מיר צעלייגט אויף טעלערלעך אונדזערע סברות — אין אַ געגנט ווו דאָס באַזאָרגן זיך מיט שפייז קומט אָן מיט שווועריקייטן, איז פלייש און אַנדערע שפייזוואַרג אַ ווערטפולע זאַך, וואָס מענטשן שלאָגן זיך דערפאַר, ווייל יעדער וויל האָבן וואָס מער. און האָט איינער גענוג שוין אויף איצט, וויל ער זיך באַזאָרגן אויף שפעטער. דאָס איז דער אָנהייב פון אָנזאַמלען זיך אייגנטום. אַז איינער האָט שוין גענוג שפייז וויל ער קליידער. שפעטער וויל ער גאָלד פאַר וועלכן מען קאָן קריגן שפייז און קליידער. האָט ער שוין גענוג גאָלד אויף שפייז און קליידער, וויל ער נאָך גאָלד אויף מותרות. דערצו קומט אויך צו דאָס וואָס ער וויל נישט שווער אַרבעטן און דעריבער זוכט ער אָנצוזאַמלען עשירות, כדי צו זיין פאַרזיכערט. אַז נישט ער, נישט זיין ווייב און נישט זיינע קינדער וועלן דאַרפן אַרבעטן. ער וויל זיך באַפרייען פון דער קללה „ובזעת אפך" און דערפאַר זוכט ער אָנצוזאַמלען וואָס מער קאַפּיטאַל. אָבער אַז שפייז וועט זיין גענוג, קליידער וועלן זיין גענוג און די אַרבעט וועט זיין גרינג ווי אַ שפילעכל, ווייל די מאַשין, די טעכניק וועט אַרבעטן, דעמאָלט וועט אויפהערן דער גייעג צו באַזיצן וואָס מער, דעמאָלט וועט אויפהערן די עקספּלאָטאַציע, וועט אויפהערן די אומגלייכקייט צווישן מענטשן. די מאַשין וועט פּראָדוצירן פאַר אַלעמען. מען וועט דריקן אויף קנעפּלעך און דאָס וועט זיין די גאַנצע אַרבעט. כ׳לעבן, דער קאַפּיטאַליסט וועט זיך גאָר בעטן ביי דעם אַרבעטער אַז ער זאָל אים

אויך אַרײַנגעמען אין דעם „קנעפּל־דריקער־פּאַראַיין“, וואָרעם עס וועט אים פּשוט אויסקומען משוגע צו ווערן אויב ער זאָל די דאָזיקע אַרבעט אויך נישט האָבן צו טאָן.

נו, נאַטירלעך האָבן מיר שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז דאָס אַלץ וועט זיך נישט מאַכן אַליין, אַזוי צו זאָגן, אויף אַ דורכויס עוואָלוציאָנערן וועג. אוודאי וועט מען דאַרפֿן דורכפֿירן אַ שטיקל רעוואָלוציע, כדי אונטער־צואײַלן די דאָזיקע אחרים הימים־טעג, מחמת מיר האָבן שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אײַלט זיך נישט אויסצונוצן אַלע מענטשלעכע דערפֿינדונגען, וואָס וואָלטן געקענט פֿאַרגרינגערן דאָס לעבן. דער קאַפּיטאַליזם מאַכט מלחמות און די מלחמות פֿאַרברויכן די דאָזיקע גײַסטיקע ענערגיע וואָס וואָלט געקענט פֿאַרווענדט ווערן אויף דוחק צו זײַן דעם קץ און צו ברענגען פֿאַר דער וועלט דעם יום שכולו טוב. דאַרף מען, הייסט עס, דעם קאַפּיטאַליזם באַזײַטיקן און אויף זײַן אָרט אײַנפֿירן אַ גערעכטע סאָציאַלע אָרדענונג וואָס אַנשטאָט ענערגיע אויף מלחמות זאָל זי בעסער פֿאַרווענדן די דאָזיקע ענערגיע אויף צו דערפֿינדן נײַע מאַשינען, נײַע הייל־מיטלען וכדומה וכדומה. קלאָר ווי דער טאָג, אַז די רעוואָלוציע אַליין וועט נאָך נישט ברענגען משיחן, זי וועט אָבער עפֿענען פֿאַר אים דעם וועג, זי וועט מקרב זײַן די גאולה, זי וועט אויפֿברעכן די טויערן פֿאַר דעם מלכות הטעכניק, פֿאַר דעם מלכות הוויסנשאַפֿט און אירע שמבי הארץ.

קען מען עמיצן משפּטן פֿאַר יוגנט־חלומות? פֿאַר ייִנגלערישע טרוי־מען? ביטער איז נאָר וואָס די דאָזיקע חלומות און טרוימערייען פּלאַצן אויף דער עלטער. נו, מילא ווייסט יעדער איינער, אַז דער באַנקראָט פֿון די יוגנטלעכע חלומות איז דער ווייטיק פֿון די עלטערע יאָרן. אָבער פֿיל ערגער איז דער עלטער ווען זי זעט ווי אירע דערפֿאַרונגען גייען אַוועק אין ניוועץ, ווײַל די נײַע דורות ווילן זיך צו זיי נישט צוהערן און די קינדער שטופּן ווייטער די הענט אין יענעמס פֿײַער אין וועלכן זייערע טאַטעס האָבן פֿאַרסמאַליעט דאָס לעבן.

פֿונדעסטוועגן, אַז איך קוק צוריק, זע איך, אַז די ערשטע אַנטוישונג אין דער טעכניק־אמונה האָב איך איבערגעלעבט נאָך אין דער ווייטער יוגנט. די דאָזיקע אַנטוישונג איז פֿאַרבונדן מיט אַ נײַער מאָדערנער

מיל וואָס מען האָט געבויט אין אונדזער שטעטל. ס'איז געווען אַ גרויס געשעעניש פאַרן גאַנצן שטעטל און אַ באַזונדער געשעעניש איז עס געווען פאַר אונדזער חברה בחורים וואָס האָט געגלייבט, אַז מיט דעם אָנקומען פון דער טעכניק קומט אויך אָן דער מאָרגנשטערן פון פּראָ־גרעס אין שטעטל אַריין. די מעשה איז אַ לאַנגע, אָבער איך וועל זיך באַמיען זי איבערצודערציילן גאָר בקיצור.

עס זענען ביז דעמאָלט געווען אין אונדזער שטעטל, בעסער געזאָגט: אַרום אונדזער שטעטל עטלעכע פּיטאָרעסקע, אידילישע ווינטמילן, וואָס האָבן באַזאָרגט די שטעטלדיקע איינוווינער מיט מעל פאַר זייער טעגלעך ברויט. צי זייער מעל־פּראָדוקציע האָט געסטייעט פאַרן שטעטל ווייס איך נישט, כ'בין זיך אָבער משער, אַז יאָ, וואָרעם פון דער באַקאַנטשאַפט מיט אַ זון פון איינעם פון די ווינטמיל־אייגנטימער האָב איך געוווּסט, אַז אין זייער שטוב איז אָפט נישטאָ קיין ברויט, טאַקע דערפאַר, ווייל די ווינטמיל האָט נישט תמיד וואָס צו מאָלן. דאָס האָט אָבער נישט צום ענין. וויכטיק איז, אַז מען מען האָט אָנגעהויבן ריידן אין שטעטל וועגן דעם, אַז עס נעמט זיך בויען אַ נייע דאַמף־מיל, זענען מיר חברה בחורים געווען אין זיבעטן הימל: ענדלעך — האָבן מיר געזאָגט — האָט דער פּראָגרעס אויך געטראָפן צו אונדז און וויבאַלד דער גואל פון פּראָגרעס איז שוין יאָ צו אונדז געקומען, וועט דאָ מסתם שוין אַלץ ווערן אַנדערש און ס'וועט זיך אָנהייבן „די נייע ערע". די מיל וועט מאָלן צען מאָל אַזויפיל וויפל אַלע ווינטמילן צוזאַמען. דער פּרייז פאַרן מאָלן וועט אויס־טראָגן אַ סך ביליקער. ברויט וועט איצט זיין וואָלוועלער. מענטשן וועלן האָבן ברויט צו דער זעט, וועט זיי מער שטיין דער קאָפּ צו אַנדערע זאַכן, צו בילדונג, צו לייענען. פון דער דאַמף־מיל וועט דאָס שטעטל אפשר נאָך געהאָלפן ווערן מיט עלעקטריע און דאָס וועט שוין גאָר רעוואָלוציאָ־ניזירן דעם שטייגער, דאָס לעבן, און די פאַרהעלטענישן צווישן מענטש און מענטש.

הכלל, כאָטש געבויט די נייע מיל האָט אַ פרעמדער גוי מיט וועלכן מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום קאָנטשאַפט, האָבן מיר דאָך אים גע־האַלטן פאַר אַן אייגענעם, פאַר אַ שליח פון די נייע צייטן און מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַ מענטש וואָס האָט צו טאָן מיט דער טעכניק,

מוז פאַרמאָגן כאָטש אַן אחד משישים פון יענעם גלויבן, וואָס האָט אונדז אַלעמען פאַרשיכורט די קעפּ.

דאַרף איך אייך דערציילן, אַז מיר האָבן אין דעם נייעם מילנער דערלעבט אַן אַנטוישונג? נו, דאָס איז אַפילו נישט כדאי. עס איז געווען אַ גוי מיט האַרטע שפּיציקע וואָנצעס און מיט קליינע שפּיזיקע אייגע־לעך, וואָס האָט זיך רק געצלמט און ווען ער וואָלט נישט מורא געהאַט איינצורייסן מיט די יידישע בעקערס, וואָלט ער מסתם זיך נאָכגעגעבן דאָס פאַרגעניגן אויסצורייסן ביי עטלעכע יידן די פּאות. אָבער דאָס איז גאָרנישט. מילא, האָבן מיר געטענהט, די טעכניק זוכט זיך אָפּט אויס אויסטערלישע שליחים, וואָס זענען לגמרי נישט אין איר גייסט און אין איר גוסט. ערגער איז וואָס אָנשטאָט אַ קאַפּעלע ווילשטאַנד האָט די נייע מיל געבראַכט אַ חורבן אין אונדזער שטעטל. דער מילנער האָט טאַקע אין אָנהייב גענומען ביליקערע פּרייזן פאַר מאָלן דאָס קאָרן, אָבער ווי נאָר ער האָט געבראַכט צו בעטל־ברויט די אייגנטימער פון די ווינטמילן און זיי זענען פאַר אים מער נישט געווען קיין קאָנקורענטן, האָט ער די פּרייזן אויף מאָלן אַזוי אַרויפגעשרויפט, אַז ברויט איז גע־וואָרן נאָך טייערער ווי עס איז געווען פריער. צו אַלע צרות איז עפּעס אין דער דאַמף־מיל קאַליע געוואָרן און דאָס מעל איז אַרויסגעקומען שוואַרץ און ביטער. ס׳איז אָבער קיין עצה נישט געווען. קיין אַנדערע מילנער האָט דאָס שטעטל מער נישט פאַרמאָגט און בלית ברירה האָבן מיר געמוזט עסן דאָס טייערערע, ביטערע ברויט פון דער טעכניק און אַז איך האָב אַמאָל אין דער היים זיך אַ קרים געטאָן איבער דעם חלשות־דיקן טעם פון דעם ברויט, פלעגט מיין מאַמע ע״ה מיר באַלד זאָגן: וואָס קרימסטו זיך? דו האָסט דאָך אַזוי הנאה געהאַט פון דער וויסנ־שאַפט. אפנים, זי מוז זיין ביטער דיין וויסנשאַפט, זייער ביטער.

כ׳האָב זיך, וואָס אַן אמת, דעמאָלט נישט אונטערגעגעבן און מיט כלערליי ראיות באַשיצט מיין גלויבן אין דער וויסנשאַפט און אין דעם טעכנישן פּראָגרעס. פונדעסטוועגן — אַ שמינית שבשמינית פון מיין אמונה האָט די דאָזיקע דערפאַרונג דאָך אָנגערירט און הלוואי וואָלט איך דעמאָלט געהאַט דאָס קליינע ביסל שכל פון היינט, וואָלט איך פון דער דאָזיקער דערפאַרונג געקומען צו גאַנץ ערנסטע מסקנות.

אודאי ווייס איך, אַז אויב אין מיין שטעטל האָט אַ דאַמף־מיל אָפּ־געגנאַרט די ראָזע האָפענונגען, די גרינגע טרוימען פון אַ כאַפּטע בחורים איז נאָך דאָס נישט קיין סימן. מען קען מיר אויך דעם גאַנץ גרינג פרעגן: נו, איז דערימער גייען די קאַטשקעס באָרוועס? טויג נישט די טעכניק? האַלט עס נישט גוט מיט דער וויסנשאַפט? יאָ־יאָ, קשיות קען מען פרעגן און תירוצים זענען אויך פאַראַן. פונדעסטוועגן — יעדעס מאָל, ווען איך הער און זע, ווי מענטשן נעמען זיך איבער מיט דער דערגריי־כונג פון דער וויסנשאַפט, מיט די אויפטוען פון דער טעכניק, קומט מיר אויפן זין יענע קליינשטעטלדיקע דערפאַרונג. זי איז טאַקע געווען די התחלה פון מיין אַנטוישונג, אָבער נאָך איר זענען געקומען אַנדערע אַנטוישונגען, אַנדערע דערפאַרונגען, שוין נישט אַזעלכע נאַיווע, שוין נישט אַזעלכע בטלנישע. עס איז וועגן זיי שוין נישט איינמאָל גערעדט געוואָרן און צו וואָס דאַרף מען ריידן? ווייסן מיר דען נישט ווי די גאַנצע הימלגרייכנדיקע טעכניק, ווי די גאַנצע מוח־הייבנדיקע וויסנ־שאַפט האָט אויף אַ האָר נישט געביטן די מענטשלעכע דאָליע און האָט, פאַרקערט, נאָך ביטערער געמאַכט, נאָך סכנותדיקער געמאַכט דאָס ברויט פון דעם מענטשלעכן לעבן? דערפאַר טאַקע, אַז איך זע ווי מענטשן יובלען פון דער גרויסער דערגרייכונג אויפן געביט פון קאָס־מאָנאַוטיק און ווילן זיך איינריידן, אַז די דאָזיקע דערגרייכונג וועט זיי ברענגען דאָס גליק, פרעג איך זיך מיטן לשון פון מנחם מענדלס שווי־גער, די מאַמע פון שיינדל שיינדלען שתחי: אָרימער דאַך, וואָס קנאַקסטו?

אָבער וואָס העלפט עס? יעדער דור קעמפט מיט זיינע ווינטמילן און גלויבט אין זיין דאַמף־מיל. עס וועט שוין אפנים אַזוי בלייבן עד סוף כל הדורות.

1962

אַ דימיון־שמועס מיט מיין חבר שלמה זלמן

איך ווייס, אַז מיין עלטערער חבר שלמה זלמן, וועלכן מיר האָבן גערופן „דער פּראָלעטאַריאַט”, איז שוין לאַנג אומגעקומען און קיין וויכוח מיט אים איז שוין נישט שייך צו פירן, און דאָך זע איך אים נאָך אַלץ — אין מיין מחשבה — אויף דער באַנק פון לאָדזשער קאָליע־גאָרטן און אין דימיון שטיי איך נאָך אַלץ צו צו אים מיט מיינע שאלות, פּונקט ווי אַמאָל, אַמאָל, ווען די ספיקות האָבן געקרישלט די ציגל פון יענעם אויסגעחלומטן בנין אין וועלכן מיר האָבן געוואָלט באַזעצן אונדזער מאָרגנדיקע וועלט.

אַ משונהדיקן נאָמען האָט ער געהאַט, מיין חבר: „שלמה זלמן פּראָלעטאַריאַט”. עס איז וועגן אים דאָ אַ סך וואָס צו דערציילן, נאָר [illegible]
[illegible]

בחורים, ווערבירט פאַר דעם קאַמף קעגן דער אַלטער וועלט, און געטאָן האָט ער דאָס דורך דעם, וואָס ער האָט מיט אַ שניידנדיקער לאָגיק, באַוויזן די פאַרמשפּטקייט פון דער דאָזיקער וועלט און דער מיט געשאַפן ביי אונדז, יונגעלייט, דעם איינדרוק, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַן אונטערגייענדיקע שיף פון וועלכער מיר מוזן זיך ווי צום גיכסטן ראַטעווען אויף דעם דאָזיקן זיכערן ברעג וואָס הייסט: קאָמוניזם.

איינע פון די ווירקנדיקסטע אַרגומענטן פון זיין קאַלט־שניידיקן לאָגיק־אַרסענאַל איז געווען דער אַנאַליז וועגן די סתירות וואָס הערשן אין דעם אָפּגעלעבטן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. ווען מען איז אַלט צוואַנציק יאָר זענען סתירות אויס ווי דאָס גרעסטע פאַרברעכן און מען האָט פאַר זיי מורא ווי אַ שד פאַרן שם המפורש. אמת, אַז מען ווערט אַ בא בימים איבערצייגט מען זיך, אַז סתירות זענען געזעצלעכע באַ־

גלייט־דערשיינונגען פון דעם בן אדמס לעבן און אַז ווער עס וויל נישט זיין קיין משוגענער „קאָפּ־אין־וואַנט־שלאָגער", מוז מיט זייער עקזיסטענץ שלום־מאַכן. אָבער גיי, און פועל אַזאַ שלום ביי אַ יוגנט־לעבן צעהיצטן טעמפּעראַמענט וואָס מיינט, אַז דער עיקר איז נאָר דאָס באַשליסן וואָס ס'איז גלייך און וואָס ס'איז קרום, כדי דאָס קרומע זאָל אין איין הרף עין אויסגעגלייכט ווערן.

נאָך אַלעם, האָט שלמה זלמן מיט אונדז געהאַט אַ גרינגע אַרבעט. אַז די סתירות פונעם קאַפּיטאַליזם זענען גרויס, וועגן דעם האָט ער נישט געדאַרפט קיינעם איבערצייגן. מיר אַלע האָבן זיי גוט געקענט. אָט למשל, די קריגערייען, די מלחמות צווישן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואָס יעדע פון זיי ציט און שלעפּט אין איר זייט אַריין, ברענגענדיק שאָדן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אַלס גאַנצן. ווער פון אונדז, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט פּאָליטיק, האָט דאָס נישט געוווּסט און דאָס נישט צוגעזען טאָג טעגלעך אויף די אינטערנאַציאָנאַלע פראָנטן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות? נו, און אַז מען האָט געזען ווי די אַלטע וועלט גראָבט אַליין פאַר זיך אַ קבר דורך אירע קעגנזעצלעכע אינטערעסן, טאָ ווי אַזוי האָט מען נישט געזאָלט ווערן קיין פלאַמיקער חסיד פון דער נייער וועלט וואָס דער פּראָלעטאַריאַט בויט דורך דעם קאָמוניזם? ווי האָט מען געקענט נישט נתפעל ווערן פון אָט דער וועלט, ווען מען האָט געזען ווי איינהייטלעך זי איז, ווי שטאַרק זי איז, אין איר מאָנאָליטישקייט, ווי פעסט זי איז אין איר גאַנצקייט, וואָס דערלאָזט נישט קיין איין איינציקן שפּאַלט?

און ווירקלעך, פון דעמאָלט ביז האַרט צו אונדזערע טעג, איז דאָך דער גרויסער כח פון קאָמוניזם, געווען זיין מאָנאָליטישע גאַנצקייט, זיין שטאָל־געשמידטע איינהייטלעכקייט. איז מעגלעך געווען צו ריידן וועגן סתירות אינערהאַלב דער וועלט פון קאָמוניזם? איז ערגעץ ווו אַנטשטאַנען אַ ריכטונג וואָס האָט די קאָמוניסטישע אידעען געוואָלט אַ ביסל אַנדערש טייטשן, האָט מען זי באַלד אָנגענומען פאַרן קאַרק און אַרויסגעשליידערט פון דערלייזערישן גן עדן. עס איז טאַקע געווען היפּש ברוטאַל, אָבער אַזוי האָט מען אונדז געלערנט: קיין רעוואָלוציע מאַכט מען נישט מיט קיין זיידענע הענטשקעס און רעוואָלוציע מיינט

בעיקר און קודם כל: אָפּהיטן די איינהייטלעכקייט, די שלמותדיקע גאַנצקייט פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס בויט דאָס נייע מאָרגנ־דיקע לעבן.

איז שלמה זלמן פּראָלעטאַריאַט איצט שוין אַ שוכן אש אין טרעב־לינקע אָדער מיידאַנעק און ס'איז נישט שייך אים מער צו פרעגן קיין קשיות. פונדעסטוועגן קען איך זיך נאָך אַלץ נישט אָפּהאַלטן פון דער מאָדנער טבע יעדעס מאָל, ווען מיין יוגנט־אידעאַל צעשפּריצט זיך ווי אַ זייפנבלאָז אין דער האַרטער ווירקלעכקייט, צו צושטיין, אין געדאַנק, צו מיין אַלטן חבר און אים צו פרעגן מיט ביטערער תרעומה: נו, שלמה זלמן, וואָס זאָגסטו איצט?

איך געדענק שלמה זלמן, ווי אַזוי דיין מאַמע האָט זיך פאַר מיר אַמאָל באַקלאָגט אויף דעם, וואָס דו האָסט דיין גאַנץ לייב און לעבן אוועקגעגעבן דעם חלום וועגן דער נייער וועלט. זי האָט מיר אַמאָל געזאָגט: מיין שלמה זלמן איז נאָך מער ווי אַ קאָמוניסט, ער איז אַ באָלשעוויק. נו, דיין מאַמע האָט זיך נישט אַזוי גוט פאַנאַנדערגעקליבן אין די פּאָליט־גראַמאַטע ענינים און אַז זי האָט געזען צווישן דיינע חברים־קאָמוניסטן, אַזעלכע וואָס האָבן פונדעסטוועגן ביי זיך געפּועלט דערווייל, ביז משיחס קומען, נהנה צו זיין פון אַ ביסל עולם הזה, אין דער צייט ווען דו האָסט זיך אין גאַנצן אַריינגעלאָזט אין וואַרטן מיטן עולם הזה אויף דעם באחרית הימים פון מלכות ה'קאָמוניזם, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אַ באָלשעוויק איז מסתמא אַזאַ סאָרט קאָמוניסטישער נזיר, צו וועלכן לאוו כל אדם זוכה. אָבער דו, שלמה זלמן, דו ביסט דאָך יאָ געווען בקי אין די הימלדיקע שטעגן פון קאָמוניזם אַ סך מער ווי דו ביסט באַקאַנט געווען אין די ערדישע וועגן פון אונדזער טאָג טעג־לעכן לעבן, טאָ וואָס זאָגסטו צו דעם נייעם אַנשיקעניש, וואָס הייסט: קעגנזייטלעכע אינטערעסן און אינערלעכע קאַמפן אין דער קאָמוניס־טישער וועלט?

עד', שלמה זלמן, אויב אויך דאָס איז מעגלעך געוואָרן, אויב אויך אין דעם קאָמוניסטישן בנין האָבן זיך אַריינגעכאַפּט, רחמנא לצלן, אַזעלכע סתירה־שפּאַלטן, אויב אויך קאָמוניסטישע מלוכות קריגן זיך שוין אַרום און רייסן זיך וועגן אַ ביין, — פּונקט ווי די קאַפּיטאַליס־

טישע לענדער, טאָ אויף וואָס האָט זיך געבויט אונדזער אמונה? ווו איז דער יסוד פון אונדזער אַמאָליקן פעסטן גלויבן?

יאָ שלמה זלמן. דאָס רייד איך טאַקע וועגן דעם ריס צווישן סאָוויעט־רוסלאַנד און כינע. זיצט דאָך איצט אין דער הייך און דו ווייסט גאַנץ גוט וועגן וואָס עס גייט. ברי וידוע לך, אַז די גאַנצע אידעאָלאָגישע קריגערײַ גייט וועגן גאַנץ באַשטימטע מאַטעריעלע אינטערעסן. הערסט דאָך גאַנץ גוט ווי די כינעזער שוימען מיט כעס אויף די סאָוויעטן, באשר די לעצטע האָבן פאַרקלענערט זייער סחורה־אויסטויש מיט כינע אויף 65 פּראָצענט און דערצו נאָך האָבן זיי ממש סאַבאָטירט די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון דער כינעזישער מלוכה, וואָס דאָס מיינט, אַז זיי האָבן פשוט געלאָזט זייערע קאָמוניסטישע ברידער זינקען אין מוראדיקן הונגער און אין גרענעצלאָזן עלנט. טאָ זאָגזשע מיר — אויב דאָס איז מעגלעך צווישן צוויי קאָמוניסטישע ברדער־לענדער, מיט וואָסזשע זענען זיי בעסער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? ווו איז די איינהייט פון פּראָלעטאַריאַט, די גאַנצקייט פון דער קאָמוניסטישער אַוואַנגאַרדישער באַוועגונג וועגן וועלכער דו האָסט אַזויפיל גערעדט און אויף וועלכער דו האָסט געבויט דיין גאַנצן צוקונפט־בנין פון אַן אויסגעלייזטער וועלט?

עפּעס אַ ווערטעלע אויסצורייצן. צוויי קאָמוניסטישע לענדער ביידע גייען צום זעלביקן גרויסן „משיחישן" ציל פון אויסלייזן די וועלט, פון באַשאַפן אַ נייע וועלט, אַ נייע געזעלשאַפט, אַ נייעם מענטש, און זע ווי מען רייסט זיך און מען בייסט זיך איבער אַ שטיקל עולם הזה, איבער אַ שטיקעלע מאַכט־פּאָזיציע, איבער אַ שטיקל באָדן, איבער אַ ביסל עסן. לכל הפּחות האָט דאָך צווישן אַזעלכע צוויי ברידערלעכע מלוכות געדאַרפט עקזיסטירן די מידה פון „שלי — שלך ושלך — שלי". איז ניין! — האַלט זיך יעדער ווייטער ביי דעם רשעות כלל: „שלי — שלי, ושלך שלי". טאָ מיט וואָס איז דער דאָזיקער סיסטעם בעסער ווי דער קאַפּיטאַליסטישער? מיט וואָס האָט ער מער שאַנסן, מער עקזיסטענץ באַרעכטיקונג ווי דטר קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם?

גלוי וידוע לפנינו, אַז קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן זיך אייביק אַרומגעקריגט וועגן אַ שטיקל טעריטאָריע, וועגן אַן אַפּזאַץ־מאַרק,

ווענן דער רעכט אויסצונוצן די נאַטירלעכע אוצרות פון אַ געוויסער געגנט. צוליב דעם איז דערגאַנגען צווישן זיי צו מלחמות. צוליב דעם האָבן זיי געמוזט איינעמען לענדער און באַהערשן די דאָזיקע לענדער מיטן כח פון זייער געווער. אָבער מיט וואָס איז איצטער בעסער די לאַגע אין דער קאָמוניסטישער וועלט? כינע ווערט דערשטיקט אין ענגשאַפט מיט אירע זיבן הונדערט מיליאָן הונגעריקע מיילער און אין סיביר געפינט זיך אַזויפיל נישט באַוווינטע טעריטאָריע. נעם זשע דו, קאָמוניסטיש רוסלאַנד און שטאַרק דייַן ברודער, דעם כינעזישן קאָמוניסט, מיט אַ שטיקל שטח ווו ער זאָל האָבן וואָס אָפּצועסן... אָבער ניין, רוסלאַנד טוט עס נישט און זי היט איר דעראָבערונג מיט דעם כח פון אַטאָם־באָמבעס און כינע מוז צוליב דעם שוימען מיט כעס אויף די ליפּן און מאַכן כלערליי אידעאָלאָגישע אָנשטעלן בכדי צו פועלן אַ ביסל הילף פאַר זיך. יאָ, רוסלאַנד וועט גיכער שלום מאַכן מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן מערב, אַבי זי זאָל כינע נישט שטאַרקן, ווייל אַ שטאַרקער כינעזיש ־ קאָמוניסטישער ברודער איז פאַר איר פּונקט אַזאַ גרויסע געפאַר, ווי עס איז געווען דאָס קאַפּיטאַליסטישע דייטשלאַנד פאַר דער קאַפּיטאַליטישער פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד, וואָס זענען נישט אויסגעקומען אָן צוויי וועלט מלחמות.

און אַ מאָדנע זאַך: דווקא די צעריסענע קאַפּיטאַליסטן, די מיט די אינערלעכע קעגנזאַצן, האָבן זיך לעצטנס גענומען צוזאַמענריידן, פאַרשטענדיקן און שאַפן איינהייטלעכע וואַך־פּאָזיציעס פאַר זייער עקזיסטענץ. אוודאי, ס'איז ביי די קאַפּיטאַליסטן נאָך ווייט נישט קיין גן עדן און ישעיה הנביאס וויזיע האַלט נאָך גאָר פון פאַרנט. אָבער עפּעס האָבן זיי, די קאַפּיטאַליסטן, אויף דעם געביט פון פאַרשטענדיקונג פאַרט דערגרייכט. מען זיינגט זיך, מען קריגט זיך, מען אינטריגירט איינער קעגן אַנדערן, אָבער קיין ממשותדיקע געפאַר פון אַ מלחמה צווישן צוויי קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז היינט פאַרט נישט פאַראַן. אין דעם זין האָט די אַלטע וועלט דאָך עפּעס געלערנט פון די צוויי וועלט־מלחמות. און זאָל אַפילו זיין, אַז די דאָזיקע פאַרשטענדיקונג איז פאַרגעקומען אויף דער באַזע פון שרעק פאַרן קאָמוניזם, נו, איז וואָס? זאָל זיין, זאָגט מען, פון אַ קאָזאַק, אַבי צו לעבן. פאַרוואָסזשע אָבער איז

דווקא די קאָמוניסטישע וועלט אַרויס פאַר אַלעמענס אויגן מיט אַזאַ צעריסנקייט, מיט אַזאַ אינטערעסן־קעגנזעצלעכקייט? פאַרוואָס קענען קאָמוניסטן נישט איינהאַלטן אין זייער לאַגער קיין שלום בית, אין דער צייט ווען דער דאָזיקער שלום בית איז געווען דער ערשטער צוזאָג וואָס דער קאָמוניזם האָט געזאָלט פאַרווירקלעכן?

איך האָב דיר דאָ דערציילט וועגן כינע און רוסלאַנד. ווייסטו אָבער וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דער איבעריקער קאָמוניסטישער וועלט? ווייסטו ווי מען קריגט זיך און מען רייסט זיך דאַרט אַרום? אָט האָסטו געהערט, אַז רומעניע האָט לעצטנס זיך אַ דריי געטאָן אין דער כינעזישער זייט. מיינסטו, אַז די רומענישע קאָמוניסטן זענען אַזעלכע שטאַרקע אָנהענגער פון מאַאָ טסע טונגן? ניין, דאָס האָבן זיי געטאָן נישט מאהבת כינע, נאָר משינאת מאָסקווע, ווייל דער מאָס־קווער האַר שטיקט זיי און דריקט זיי און לאָזט זיי דעם קאָפּ נישט אויפהייבן. און ווער איז מאָסקווע און ווער איז בוקאַרעשט? דאָס זענען דאָך צוויי ברידערלעכע קאָמוניסטישע מדינות. היינט־זשע ווי קומט עס צווישן זיי אַזאַ שנאה? ווי קומט עס, אַז איין ברודער זאָל מוזן זוכן הילף ביי אַ צווייטן ברודער קעגן אַ דריטן ברודער וואָס דער־גייט אים די יאָרן?

האָסטו דיר פאַרגעשטעלט אַזעלכעס, שלמה זלמן? האָט אין די מאָמענטן פון דיין גרעסטער פאַרצווייפלונג געקענט געבוירן ווערן אַזאַ געדאַנק, אַז די קאָמוניסטישע וועלט וועט זיין אַזוי צעריסן און צעפיצלט, אַזוי צעשפּאַלטן און צעקריגט צוליב קעגנזעצלעכע אינטע־רעסן?

איך זאָג נישט, אַז די לאַגע אין דער קאָמוניסטישער וועלט איז פאַר דער מערבדיקער דעמאָקראַטיע שלעכט. אדרבא, זי איז אין אַ געוויסן זין אַ ישועה. אָבער האָסטו, שלמה זלמן, אַמאָל געהאָפּט אויף אַזעלכע ישועות? איז דען די דאָזיקע ישועה נישט די פינצטערסטע בשורה פאַר דיין אַמאָליקער אמונה פאַר וועלכער דו האָסט אָוועקגעגעבן דיין לעבן?

1963

אַ נישטיקע פּאַסירונג...

אַמאָל מאַכט זיך, אַז אַ נישטיקע פּאַסירונג ברענגט דיך צו גאַר אויסטערלישע מחשבות.

בדידי הווה עובדה, מיט מיר האָט עס געטראָפן.

כ׳גיי דאָ אַנומלט אויף אַ גאַס אין בוענאָס איירעס און זע, ווי מויערער אַרבעטן ביים אויפבוי פון אַ ניי הויז.

כ׳פאַרקוק זיך אַרויף און פּלוצעם זע איך, ווי אויפן 2טן שטאָק שטייט אַן אַרבעטער, אַ שוואַרץ־קעפּיקער שגץ און האַלט אין האַנט אַ ציגל.

לויט דער באַוועגונג, וואָס ער מאַכט, זע איך באַשיימפּערלעך, אַז ער גרייט זיך דעם דאָזיקן ציגל עמיצן אַראָפּצושליידערן אין קאָפּ אַריין.

כ׳דערשרעק זיך. וועמען וויל דאָס דער שגץ מהנה זיין מיט דער ציגלנער מתנה?

איך כאַפּ אַ בליק אַרום זיך און באַרויִק זיך: אויף דער אַקעגנאַי־דיקער זייט, לעבן אַ טויער שטייט אַ שוואַרץ שיקסל און שמייכלט אַרויף צו דעם שגץ אויפן צווייטן שטאָק.

כ׳פאַרשטיי שוין, אַז די באַוועגונג צו וואַרפן דעם ציגל איז גע־ווענדט צום שיקסל ביים טויער. ס׳איז אַ מין פלירט אַזאַ צווישן דעם אייביקן אדם און די אייביקע חווה.

די חווה איז גראָד נישט אַזאַ יפת תואר, אָבער ווער ווייסט? פון דער הויך זעט זי מסתם דער שוואַרצער אדם, ווי אַ שיינהייט.

וואָרעם פון אַ דיסטאַנץ זעט אַלץ אין לעבן אויס שענער, רייצנ־דיקער און לאַקנדיקער.

באַרויִקט דערפון, וואָס דער שגץ אין דער הויך האָט חלילה נישט קיין בייזע כוונות בנוגע די דורכגייער אין גאַס, ווייל זיין גאַנצע אויפ־

מערקזאַמקייט איז געווענדט צו דער שיקסע ביים טויער, לאָז איך זיך ווייטער שפּאַנען און וויל שוין פאַרגעסן דאָס געזעענע, צוזאַמען מיט דער רגעדיקער שרעק צוליב דער אויסדוכטעניש, אַז דער מויערער־אַרבעטער אויפן שטאָק וועט וואַרפן די ציגל אויפן קאָפּ פון אַן אומ־שולדיקן מענטש.

איך בין שוין ווייט אַוועק פון יענעם אָרט און לויט אַלע כללים וואָלט איך דאָס, וואָס איך האָב דאָרט געזען, שוין געדאַרפט האָבן פאַרגעסן און שוין דערוועגן נישט טראַכטן.

עס איז אָבער נישט אַזוי. עס טראַכט זיך וועגן דעם געזעענעם ווייטער.

דאָס געזעענע פירט מיך צו מחשבות, צו זכרונות, צו געדאַנקען, עלעהיי עס וואָלט אין דער אמתן געווען עפּעס אַ וויכטיקע זאַך און נישט עפּעס אַ נישטיקע פּאַסירונג, וואָס איז יעדן מענטש באַשערט דורכצולעבן צען מאָל אין טאָג און דערביי צו פאַרגעסן, אַז ער האָט עס דורכגעלעבט.

*

דער מויערער־אַרבעטער, דער שוואַרצער שגץ אויף דעם צווייטן שטאָק, דערמאָנט מיך עפּעס.

ער דערמאָנט מיך:

אין די צוואַנציקער יאָרן, אין די יאָרן פון מיין דורס יונגשאַפט, איז צווישן דער בעסערער לייענערשאַפט, דער יידישער איבערהויפּט, שטאַרק פּאָפּולער געווען אַ ליד פון דעם גרויסן פּוילישן פּאָעט, דעם ייד יוליאַן טוווים.

„אַ ליד וועגן אַ ווייס הויז" — האָט עס געהייסן.

דער מייסטער פון פּוילישן לשון, דער דיכטער טוווים האָט אין דעם ליד געזונגען וועגן אַ ווייס הויז פון הונדערט שטאָק, וואָס ווערט געבויט.

דאָס ווייסע הויז, דאָס מאַרמאָרנע הויז איז געווען אַ סימבאָל, אָדער אַ סינאָנים פאַר דער נייער וועלט פון דער צוקונפט.

טווימס דיכטערישע שפּראַך־עשירות, זיין פאַרביקע קלאַנגיקייט און זיין ברויזנדיקע ריטמישקייט, פּלוס דעם סימבאָלישן אינהאַלט פון דער

קלײנער פּאָעמע, האָבן זי באַרימט געמאַכט בײַם בעסערן ײדישן לײענער פֿון דער פּוילישער נײַער פּאָעזיע.

נישט געװען קײן ײדישער יונגערמאַן אָדער ײדיש מײדל, װאָס האָט זיך רעספּעקטירט אַלס אינטעליגענט אָדער אינטעליגענטין, אַז ער, צי זי, זאָל דאָס דאַזיקע ליד נישט קענען אויף אויסנװײניק און טאַקע דעקלאַמירן כאָטש עטלעכע סטראָפן דערפֿון בײַ פֿאַרשידענע געלעגנהײטן.

אויך אויף געזעלשאַפֿטלעכע קולטור־פֿאַראַנשטאַלטונגען האָט מען דאָס דאַזיקע ליד רעציטירט, דעקלאַמירט און פֿאָרגעטראָגן בײַ יעדן שעת הכושר.

מען האָט עס אויך ציטירט אין רעפֿעראַטן אָדער אין מאמרים.

דאָס ליד איז אַפֿילו איבערגעזעצט געװאָרן אין ײדיש דורך — אויב איך האָב קײן טעות נישט, — צװײ, צי מער ײדישע פּאָעטן.

„בודאָװאַלי ביאַלי דאָם״ איז אָבער צום גערנסטן געזאָגט, רעציטירט, דעקלאַמירט און ציטירט געװאָרן דװקא אין פּויליש, אין דער שפּראַך אין װעלכער טװים האָט עס געשריבן.

און ס'איז נישט קײן װוּנדער....

*

אין דעם דאַזיקן בשעתו באַרימטן ליד, װאָס האָט אויסגעזונגען די באַלאַדע װעגן דעם בוי פֿון אַ װײס הויז, האָט זיך דערצײלט אַ שטיקל מעשה:

— די מעשה װעגן אַ יונגן מויערער, װאָס האָט געהאַט בלויע אויגן.

„אַ ביל יעדען מוראַרזש מלאָדי, צאָ ניעביעסקע אָטשי מיאַל...״

און אָט דער יונגער מויערער מיט די בלויע אויגן האָט זיך אין טװימס ליד פֿאַרגינענע צו חלומען אויפֿן הויכן קול.

װעגן װאָס האָט ער געחלומט?

ער האָט געחלומט װעגן דעם, אַז װען ער װעט דערגרײכן דעם הונדערטסטן שטאָק, װעט ער זיך פֿונדעסטװעגן נישט אָפּשטעלן, נאָר װעט גײן װײַטער, װעט בויען העכער...

פוידען ווישזעי,
פוידען דאַלעי,
באָ שיען ביאַלע
סלאָנצע פאַלי...

ער וועט הייסט עס, גיין העכער, גיין ווייטער, ביז ער וועט צו־קומען דאָרט ווו עס ברענט און עס לייכט די ווייסע זון.

דאָס ליד ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס די אַלטע מויערער האָבן, הערנדיק די טרוימערישע רייד פונעם יונגן מויערער, געלאַכט, געלאַכט.

אי שיען שמיעלי.
אי שיען שמיעלי,

יאָ, די אַלטע דערפאַרענע מויערער האָבן געלאַכט. זיי האָבן גע־ווּסט, אַז דאָס איז נישט מער ווי יוגנטלעכע פלאַפּלעריי. זיי האָבן געוווּסט, אַז ווי הויך אַ הויז זאָל נישט זיין, וועט עס צו דער זון נישט דערגרייכן.

זיי האָבן געוווּסט נאָך עפּעס:

ווי ווייס און מאַרמאָרדיק־רייך דאָס הויכע הויז זאָל נישט געבויט ווערן, האָט עס נישט קיין שום שייכות צום מויערער גופא. ער, דער מויערער, ווען ער ענדיקט די געביידע, מוז ער אַראָפּגיין פון זיין הויך צו דער שענק און צו זיין קעלער־שטוב.

איך וועל נישט זאָגן, אַז די אַלטע מויערער האָבן געלאַכט אין טווימס ליד, ווייל זיי האָבן געוווּסט פון דער ביבל, אַז נמרוד האָט שוין אַמאָל געבויט אַ טורעם צום הימל און האָט דורך דעם געבראַכט די שפּראַכן־צעמישונג אויף דער וועלט.

ניין, דאָס וויל איך נישט זאָגן. פּוילישע מויערער זענען ווייט געווען פון אַזעלכע פילאָזאָפישע געשיכטלעך־אַנאַלאָגישע געדאַנקען.

אָבער זיי האָבן געלאַכט, געלאַכט פון דעם יונגן מויערער מיט די בלויע אויגן, וואָס זיין פאַנטאַזיע איז געווען אויסצומויערן אַ ווייס הויז אַזש ביז צו דער ווייסער ברענענדיקער לייכטנדיקער זון.

*

נישט געלאַכט האָבן אָבער מיר, די יוגנטלעכע לייענער פון דעם ליד. פאַר אונדז איז דאָס נישט געווען קיין פאַנטאַזיע. פאַר אונדז איז דאָס געווען דער סימבאָל פון דער נייער וועלט.

דער יונגער מויערער — דער בעל חלומות, דער קעמפער און דאָס ווייסע הויז — די צוקונפטיקע געזעלשאַפט.

בויער פון נייעם מענטשלעכן לעבן.

מיר האָבן פון אים נישט געלאַכט, ווייל מיר זענען, יעדער אויף זיין שטייגער, געווען ער, יעדער אויף זיין געביט, געהאַט זיינע פאַנטאַזיעס, זיינע פאַרלאַנגען, זיינע האָפנונגען.

לאַכן פון אים וואָלט באַדייט: לאַכן פון זיך אַליין.

זיך אַליין האָט אָבער קיין שום מענטש נישט ליב צו זען אין אַ קאָמישן אַספּעקט.

אַ מענטש, יעדער מענטש, וועט שוין גיכער מסכים זיין, אַז זיין ראָל אין לעבן איז אַ טראַגישע, ער וועט אָבער ווערן אין כעס, ווען איר וועט אים פּרוּוון דערזוויזן, אַז ער שפּילט די ראָל פון אַ קאָמיקער.

אפילו דער קאָמיקער אויף דער בינע, וויל אויך אין לעבן שפּילן אַן אַנדער ראָל.

במילא האָבן מיר פון דעם יונגן מויערער, אין טווימס ליד, נישט געלאַכט. פאַרקערט, מיר האָבן אין אים געזען די דאָזיקע הערויִק, וואָס מיר האָבן זיך איינגערעדט, אַז מיר זענען אירע טרעגער און פאַרקערפּער־רער.

מיר האָבן צונויפגעמען מיט אים, אין אונדזערע יוגנטלעכע פאַנטאַזיעס, געבויט דאָס ווייסע הויז פון דער צוקונפט.

און עס האָט אונדז באַזונדערס אימפּאָנירט די געוואַגטקייט פון דעם יונגן בעל חלומות זיך נישט אָפּצושטעלן ביים הונדערטסטן שטאָק, נישט צו זאָגן „גענוג״, נאָר צו גיין העכער, צו גרייכן ווייטער, צו דער זון.

אָדער: צו די שטערן.

פּער אַספּערא אַד אַסטראַ...

און פאַרוואָס נישט טאַקע צו גאָט אַליין?

צו דעם דאָזיקן גאָט אין וועמענס עקזיסטענץ מיר האָבן, ווי רעכט־פאַרטיקע פרייַדענקער, געלייקנט.

צו דעם דאָזיקן גאַט קעגן וועמען מיר האָבן רעוואָלטירט און גע־האַלטן צוזאַמען מיט לאַפּלאַסן אַז אויב ער פּאַסט זיך נישט אַריין אין אונדזער וועלט־קאָנצעפּציע, איז אַ סימן, אַז ער איז נישטאָ.

יונגע יאָרן, נאַרישע יאָרן, דאָך — שיינע יאָרן.

*

נו, ברוך השם — הונדערט־שטאָקיקע הייזער זענען שוין היינט קיין נאָווינע נישט. פאַראַן שוין וואָלקנקראַצערס פון מער שטאָק אויך.

פאַראַן שוין גלעזערנע הייזער, מאַרמאָרנע הייזער, הייזער מיט פּראַכט און פּאַרבעס, וואָס די רייכסטע פּאָעטישע פאַנטאַזיע האָט זיי נישט גע־קענט אויסחלומען.

פאַראַן שוין גלעזערנע הייזער (סטעפאַן זשעראָמסקיס סימבאָלישער טרוים וועגן די „שקלאַנבע דאָמקי") און זון־הייזער, הייזער, וואָס דרייען אויס אַלע זייערע פענצטער צו דער זון־זייט און ווייסן קיינמאָל נישט פון קיין שאָטן.

די אַרכיטעקטאָנישע טעכניק האָט פּונקט ווי די גאַנצע טעכנישע וויסנשאַפט, אַזאַ שפּריין געטאָן פאָרויס, אַז זי האָט געלאָזט הינטער זיך די ליטעראַרישע פאַנטאַזיע.

אָבער דאָס מענטשלעכע, דאָס געזעלשאַפטלעכע, דאָס צווישן פּערל־קערלעכע לעבן איז געבליבן ווי ס׳איז געווען.

די צוקונפט איז געוואָרן קעגנוואַרט. די קעגנוואַרט איז געוואָרן פאַר־גאַנגענהייט און ס׳האָט זיך גאָרנישט געביטן.

אפשר האָט זיך יאָ געביטן — צום ערגערן.

דער אידעאַל וועגן בויען אַ ניי לעבן, אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן שטייגער, אַ נייע סאָציאַלע אָרדענונג האָט מיאוס באַנקראָטירט.

דער אידעאַל וועגן אַ ווייס הויז האָט אויסגעבויט שוואַרצע תפיסות.

ער האָט אויסגעבויט שוואַרצע שקלאַפן־לאַגערן אויף דעם ווייסן שניי פון סיביר.

איז דאָס ווייסע הויז מער קיין סימבאָל נישט, מער קיין טרוים נישט.

עס איז אַ געשפּענסט, אַ שרעק־בילד, אַ סכנה־אַנזאָג.

די צייט האָט נאָך פיל סאַרקאַסטישער ווי יענע אַלטע מוּרער זיך אויסגעלאַכט פון די ווייסע הייזער־טרוימער.

מעגלעך, אַז דערפֿאַר זיגן איצט אין אַ סך לענדער די דאָזיקע, וואָס זענען עקסטרעם אין זייער אַפּטרייסלען זיך פֿון די ווייסע הויז־חלומות?

מעגלעך, אַז דערפֿאַר שטייט איצט אַ שוואַרצער שגץ, אַ מויערער־אַרבעטער, אויף דעם שטאָק פֿון אַ נייער געבײַדע אין בוענאָס איירעס און אַנשטאָט זײַן פֿאַנטאַזיע זאָל אים אַ הייב טאָן דעם בליק צום הימל, צו דער זון, ברענגט אים זײַן תאווה אַראָפּצוקוקן צו דער ערד, צו דעם טויער וווּ עס שטייט גאַרנישט קיין יפֿת־תוארדיקע שיקסע?

איך וועל נישט זאָגן, אַז אין יענע צײַטן פֿון טווּימס ליד האָבן די שקצים אויף די שיקסעס נישט געקוקט.

אויך די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער זענען אין יענע צײַטן געווען מענטשן פֿון בלוט און פֿלייש.

דאָס זינדיקע שפּיל צווישן די געשלעכטער האָט דעמאָלט אויך גע־ברענט מיט טויזנטער יצר הרע־פֿײַערן.

ווער ווייסט דאָס נישט?

דאָך האָט טווּימס זײַן ליד נישט בלויז אויסגעפֿאַנטאַזירט. אַזעלכע אַרבעטער ווי דער יונגער מויערער מיט די בלויע אויגן, זענען געווען, געווען.

און זיי זענען נישט בלויז געווען, נאָר אויך געווען, ווי די כאַראַק־טעריסטיק פֿון זייער צײַט.

הײַנט — אויב זיי זענען אַפֿילו פֿאַראַן — זענען זיי פֿאַר דער צײַט נישט מער כאַראַקטעריסטיש.

פֿאַר אונדזער צײַט איז כאַראַקטעריסטיש דער יונגער מויערער־אַרבעטער פֿאַר וועלכן די שוואַרצע שיקסע לײַכט מער ווי די זון אין הימל.

ניין, קיין הויז, קיין ווייס הויז ביז דער זון וועט ער נישט בויען, אויב ער וועט בויען — וועט עס זײַן דעפּאַרטאַמענט־הײַזער פֿאַר די, וואָס האָבן געלט און אַ שטיבל אין „ווילשאַ מיסעריאַ" פֿאַר זיך מיט דער שוואַרצער באַשערטער זײַנער.

דעריבער זאָג איך:

איר שרײַבער, וואָס איר קלאָגט נאָך אַלץ אויף דער דאַליע פֿון דער אָרעמקייט;

— איר שרייבער, וואָס איר רעדט נאָך אַלץ וועגן דער פּלאָג פון דער נויט מיט דער שפּראַך פון יענע יאָרן, ווען מיר האָבן דער־קלאַמירט טווימס ליד וועגן ווייסן הויז —

— איר האָט גאַרנישט געלערנט פון דער צייט, איר זייט גאָר־נישט קלוגער געוואָרן פון די דערפאַרונגען.

יאָ, אויף דער וועלט געפינט זיך נאָך דלות און דחקות. ווייסט איר אָבער פאַרוואָס?

דערפאַר ווייל אַנשטאָט צו בויען הייזער, פּשוטע וווין־הייזער פאַר דער אָרעמקייט, מענטשלעכע פּראָסטע הייזער פאַרן פאָלק, פאַרן המון, האָט איר נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די אַמאָליקע פּאָעטיש־פאַנ־טאַסטישע פלאַפּלערייען וועגן ווייסע הייזער, וועגן הייזער ביז צו דער זון.

אַנשטאָט צו בויען נייע הייזער — בויט איר נאָך אַלץ געזועל־שאַפטלעכע פּראָגראַמען.

כ'בין אַמאָל געווען אין רוסלאַנד אין אַ שוסטער־אַרטעל, אַן אַרטעל ווי אַ הינטישע בודע, מיט אַרבעטער וואָס האָבן געלעבט נאָך ערגער ווי די הינט.

— וואָס מאַכט איר דאָ? — האָב איך געפרעגט איינעם פון די שוסטער.

ער האָט געמיינט, אַז איך בין עפּעס אַ נאַטשאַלניק און ער האָט מיר געענטפערט:

— מיר סטראָיען (בויען) סאָציאַליזם.

דערפאַר וואָס די שוסטער האָבן דאָרט נישט געמאַכט קיין גע־ווינלעכע שיך, נאָר האָבן געבויט סאָציאַליזם, איז אין רוסלאַנד אַ פּאָר שיך געווען מיט גאָלד צוגלייך און די שוסטער זענען געגאַנגען נישט בלויז באָרוועס, נאָר אויך האַלב נאַקעט.

וואָלט איר, מיט אייערע ווערק, געלערנט דעם אַרבעטער צו בויען הייזער, הייזער ממש, נישט בלויז פאַר יענעם נאָר פאַר זיך, וואָלט איר זיי געלערנט צו לעבן אַ פּראָדוקטיוו מענטשלעך לעבן, וואָלטן מער נישט געווען קיין נויט־געגבטן.

אַנשטאָט צו באַווירקן מיט אייער שרייבן, אַז דער אַרבעטער

זאָל בפועל ממש און ביסלעכווייז אויסבעסערן זיין לאַגע, דורך אַרבעט און דורך פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירטקייט, פּאַרוויגט איר זיי נאָך אַלץ מיט רייד וועגן אידעאַלן, חלומות, נעכטיקע טעג. איר בלענדט נאָך אַלץ זייערע אויגן מיט פאַנטאַזיעס וועגן די ווייסע הייזער פון דער צוקונפט, פון דעם יום שכולו טוב פון סאָציאַלן יושר...

אין סך הכל —

נויט און אָרעמקייט.

און —

אויפן צווייטן שטאָק פון אַ דעפּאַרטאַמענט־געבײדע — אַ שוואַר־צער שגץ, וואָס אָנשטאָט צו אַרבעטן, פלירטעוועט ער מיט אַ ציגל אין האַנט מיט דער שוואַרצער שיקסע.

דער מזווג זיווגים וועט באַשערן וועלן זיי מן הסתם אויפשטעלן נאָך אַ נייעם פונקט אין דער נויט־געגנט. איר אָבער וועט בלייבן ביי דער נאַרישער פלאַפלעריי וועגן די ווייסע מאַרמאָרנע הייזער און ביי דעם געקלאַג, וואָס די נויט־געגנטן זענען נאָך אַלץ אַזוי אָנזעעווודיק אויף אונדזער וועלט...

1958

פעליעטאָניסטישע מעדיטאַציעס...

איז דאָ אַזאַ ים אויף דער וועלט ווו אַלע פיש זענען גליַיך ? איז דאָ אַזאַ שטאָט אויף דער וועלט, ווו אַלע ביימער זענען פון דער זעלביקער הייך ? איז דאָ אַזאַ שטאָט אויף דער וועלט, ווו אַלע מענטשן האָבן די אייגענע מחשבות ?

אויב איר ווייסט פון אַזאַ ים, פון אַזאַ וואַלד און פון אַזאַ שטאָט ! — בעט איך אייך — זאָגט מיר ! כ׳וועל דאָס לעצטע קישן פאַרזעצן און קויפן אַ בילעט אַהין. כ׳וועל נישט קאַרגן דעם לעצטן גראָשן אַבי אָנצוקוקן דאָס דאָזיקע וווּנדער.

נו וואָס ? איר ווייסט נישט ? געוויס ווייסט איר נישט. וואָרעם אַזאַ וווּנדער איז גאָר אויף דער וועלט נישט בנימצא. אַזעלכע וווּנ־דערלעכע ימים, וועלדער און שטעט קען מען אפשר געפינען אין די לעגענדעס, וואָס פרימיטיווע פעלקער דערציילן זיך צווישן טאָג און נאַכט, אָדער אין די לידער, וואָס פאַרחלומטע פאָעטן זינגען אויס ביים בלאַסן שיין פון די שטערן... די צרה איז אָבער, וואָס צו די פאַנטאַסטישע מקומות פון די פרימיטיווע פאָלקס־לעגענדעס און צו די צויבער ־ אָרטשאַפטן פון די אויסגעחלומטע פאָעטן ־ לידער קען מען מיט קיין באַן, מיט קיין שיף און אפילו מיט קיין אַעראָפּלאַן נישט צוקומען. צו זיי קען מען דערגרייכן נאָר מיט דער הילף פון דער פאַנטאַזיע, פון טרוים, פון חלום. אָבער אַ וווּנדער אין דער פאַנטאַזיע איז סוף כל סוף נישט מער, ווי אַ פאַנטאַזיע און אַ נסיעה אין טרוים איז סוף כל סוף נישט מער, ווי אַ טרוים. ווי האָט געזאָגט דער גרויסער ידישער הומאָריסט : איינגעמאַכטס אין חלום איז נישט קיין איינ־געמאַכטס, נאָר אַ חלום.

מאַלע וואָס אַ מענטש קען אַלץ אויספאַנטאַזירן אין זיין דמיון...

מאַלע וואָס אַ מענטש קען אַלץ אויסחלומען אין זיין טרוים־בענק־שאַפט... האָט מען דאָך שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק אויסגעטרוימט אַ חלום וועגן אַ פּאַשע־פעלד, ווו דער לייב און די לאַם וועלן זיך פּיטערן אין איינעם. האָט עמיצער, פון דעמאָלט אָן שוין געטראָפן אַזאַ לאַנקע ווו דער דאָזיקער חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט? אפשר געשעט עפּעס אַזעלכעס אין צירק, אָבער אויך נאָר בעת עס גייט אָן די פאָרשטעלונג, דערצו אונטער דעם וואַכזאַמען בליק פון דעם דרעסירער. לעשן זיך אָבער אויס די ראַמפּע־לאָמפּן מוז מען דעם לייב צוריק אַריינפירן אין דער אייזערנער שטייג, ווייל אויב נישט וועט ער, נישט נאָר די לאַם, נאָר אַפילו דעם דרעסירער פאַרצוקן.

געווען ביי אונדז אין שטעטל אַ טשעקאַווער ייד — פּנחס מענדל האָט ער געהייסן — האָט אָט דער ייד געדינט פּאַניען אַ גוזמא מיט יאָרן און איז בעת אָט דער „סלוזשבע" אויסגעוועזן ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק. פּנחס מענדל אַליין האָט פאַרזיכערט אַז ער האָט אָנגע־שפּאַרט אין זיינע וואַנדערונגען אַזש ביז צו די הרי חושך. ער האָט זיך טאַקע אָנדערציילט אַזעלכע וואונדיירים, וואָס האָר און נעגל האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער זיי הערנדיק. וואָס דאַרפט איר מער? אַ מיידל — האַלב־פיש — האַלב־מענטש — איז אַ גרויסער וואונדער? אַ ציגן־באָק, וואָס גרייכט מיט די הערנער צו די שטערן, איז אַ משונהדיקע זאַך? אַ טאַטער מיט איין אויג אין שטערן און אַ הונט וואָס רעדט מיט אַ מענטשלעך לשון, אין אַ פּלא אין דער נאַטור? פונדעסטוועגן האָט דער ייד דערציילט, אַז ער אַליין האָט די אַלע משונהדיקע זאַכן געזען בעת זיינע וואַנדערונגען צו די הרי חושך. ער האָט זיך אַפילו געשווירן מיט אַזעלכע שבועות, אַז ער האָט דאָס אַלץ אַליין געזען, אַז ווען ער וואָלט אַפילו געווען אַ ציגיינער, וואָלט מען אים אויך געמעגט גלייבן. אָבער ווען מיין באָבע, עליה השלום, האָט אים איינמאָל געפרעגט, צי ער האָט אויף זיינע וואַנדערונגען געטראָפן אַזעלכע מיני מענטשן, וואָס אַלע פינגער אויף זייערע הענט זענען גלייך — איינער נישט גרעסער און נישט קלענער פונעם צווייטן — האָט דער ייד געענטפערט, אַז ער וויל נישט משקר זיין, וואָרעם אַזאַ מין זאַך איז אים נישט באַשערט געווען צו זען. בכל

אופן — אויף דער זייט פון די פינצטערע בערג האָט ער אַזעלכע מענטשן מיט גלייכע פינגער זיכער נישט באַגעגנט און אויב ער האָט נישט באַגעגנט איז אַ סימן, אַז זיי זענען נישטאָ...

צא ולמד... אויב פנחס מענדל פון מיין שטעטל, וואָס איז אויסגע־ווען אַ האַלבע וועלט און האָט זיך אָנגעזען אַזעלכע זאַכן, וואָס נישט יעדער איז זיי זוכה צו זען, און פונדעסטוועגן האָט ער נישט אָנגע־טראָפן צווישן אַלע זיינע זעענישן קיין איין מענטש, וואָס זיינע פינ־גער זאָלן זיין פון דער זעלבער גרייס, טאָ ווישע קע מען גאָר טראַכטן וועגן געפינען אַזאַ ים, וואָס אַלע פיש אין אים זאָלן זיין גלייך? אָדער וועגן אַזאַ וואַלד, וואָס אַלע ביימער אין אים זאָלן זיין פון דער זעלביקער הייך? צי גאָר וועגן אַ שטאָט, וואָס אַלע אידע איינוווינער זאָלן האָבן די זעלביקע מחשבות?

האָט איר, הייסט עס, נאָך אַמאָל אַ ראיה, אַז אַזעלכע וווּנדער זענען לעת עתה אויף דער וועלט נישט פאַראַן.

*

מילא, פון דעם ים מיט די גלייכע פיש, פון דעם וואַלד מיט די זעלביקע הויכע ביימער, וועלן מיר זיך שוין מוזן מיאש זיין. ס׳וואָלט טאַקע שטאַרק טשעקאַווע געווען אָנצוקוקן אַזעלכע זאַכן, אָבער פאַר־פאַלן — נישטאָ איז נישטאָ. ווי זאָגט אַ גוישער פסוק: נאָ ניעט — סודאָ ניעט.

אָבער פון אַ שטאָט, וווּ אַלע איינוווינער זאָלן האָבן די אייגענע מחשבות, פון אַ שטאָט, ווו אַלע מענטשן זאָלן זיין אייניק אין זייער דעה, דערפון זעט איר, איז שוין נישט אַזוי לייכט צו רעזיגנירן. וואָ־רעם פאַרוואָס טאַקע זאָל אויף דער גאַנצער וועלט נישט זיין כאָטש איין ווינקל, ווו מענטשן זאָלן האָבן געקומען צו דעם זעלביקן שכל און זאָלן טראַכטן די זעלביקע געדאַנקען? איז דען דאָס אַזאַ שווערע זאַך? זענען דען נישט אַלע מענטשן פון דעם זעלביקן בלוט און פלייש? האָבן זיי דען נישט די זעלביקע פריידן, די זעלביקע שרעקן און די זעלביקע צרות? פאַרוואָס זאָלן די דאגות, די פריידן, די צרות און די שרעקן, וואָס זענען, אין תוך גענומען, ביי אַלע מענטשן

די אייגענע, נישט ברענגען דערצו, אַז אַלע זאָלן קלערן דאָס זעל־ביקע, זאָלן פילן דאָס זעלביקע און זאָלן פאַרלאַנגען דאָס זעלביקע?

אַ מאָדנע זאַך: קומט צו יסודותדיקע זאַכן אין מענטשלעכן לעבן רעאַגירן אַלע מענטשן כמעט אויף דעם זעלביקן שטייגער. נעמט אַ מענטש פון די פּאָלינעזישע אינדזלען און אַ צווייטן פון די נאָרוועגישע פיאָרדן און גיט זיי עטלעכע טעג נישט צו עסן, וועלן זיי זיך שפּעטער וואַרפן אויפן ברויט מיטן זעלביקן אַפּעטיט. ווערט געבוירן אַ קינד אין דער אַפריקאַנישער דזשונגל, פרייט זיך די מוטער דער־מיט פּונקט אַזוי ווי עס פרייט זיך אַ מוטער מיט איר נײַ־געבוירנס אין סאַמעראָדנעם ניו־יאָרק. טאָמער ווידער האַלט אַ כינעזישער קולי ביים שטאַרבן איז ער פּונקט אַזוי אַנגסטיק פאַרצווייפלט, ווי דער רייכער פראַנצויז פון בורגונדיע. אין הונדערט און איין זאַך זענען מענטשן פון אַלע עקן וועלט צו זיך ענלעך און אין הונדערט און איין זאַך איז אין לעבן נישט פאַראַן קיין שום אונטערשיד צווישן דעם עסקימאָס פון ווייטן צפון און דעם בראַזיליאַנישן איינוווינער בשכנות מיטן עקוואַטאָר.

אַלע מענטשן ווילן עסן, אַלע מענטשן ווילן פאַרגעניגן, אַלע מענטשן האָבן מורא פאַרן טויט און אַלע מענטשן רינגלען אַרום מיט ליבשאַפט זייערע יורשים, ווייל זיי זעען אין זיי די אילוזיע פון זייער אייגענער אייביקייט.

פעלקער, ראַסן, הויט־קאָלירן — וואָס איז די נפקא מינה? פילן זיי דען נישט די זעלביקע יסורים בעת די ציין טוען זיי וויי? האָבן זיי דען נישט דעם זעלביקן פאַרגעניגן בעת זייערע ליבע־באַגערן ווערן דערפילט? קרעכצן זיי דען נישט אין דעם זעלביקן פּיין ווען זיי זענען הונגעריק? יאָמערן זיי דען נישט אין דעם זעלביקן טרויער ווען עס שטאַרבט זייערס אַ נאָענטער?

נאָר אין איין זאַך קענען זיי זיך נישט צוזאַמענקומען, נאָר אין איין זאַך קענען זיי זיך נישט אייניקן: נישטאָ קיין איינהייטלעכקייט אין זייערע מחשבות, נישטאָ קיין אייניקייט אין זייער דעה, אין זייער ווילן, אין זייערע פאַרלאַנגען.

און אַפילו ווען הונדערט מענטשן ווילן שוין יאָ אַמאָל איין זאַך

— וויל עס יעדער איינער אויף אַן אַנדער אופן. אפילו ווען הונדערט מענטשן זענען שוין יאָ ביי איין פֿאַרלאַנג — שטעלט זיך יעדער איינער פֿון זיי פֿאַר די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרלאַנג אויף זיין אייגענעם, אויף זיין באַזונדערן שטייגער.

איר וועט נישט טרעפֿן קיין צוויי מענטשן, וואָס ווילן איין זאַך, אַז זיי זאָלן זיך אייניקן אין זייער דעה וועגן דעם אופֿן צו באַקומען די דאָזיקע זאַך.

איר וועט נישט געפֿינען קיין צוויי מענטשן, וואָס האָבן איין אידעאַל, אַז זיי זאָלן האָבן די זעלביקע מיינונג וועגן דעם אופֿן, ווי אַזוי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן אידעאַל.

ביי צוויי מענטשן זענען פֿאַראַן צוויי דעות.

ביי צוויי אידעאַליסטן — צוויי אייגענע וועגן צום אידעאַל.

מען רעדט, נאַטירלעך נישט וועגן דער דאָזיקער אייניקייט, וואָס ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואָס די פּאַסיווע גיבן זיך אונטער די אַקטיווע. מען רעדט אויך נישט וועגן דער איינשטימיקייט, וואָס ווערט שוין אויף אַ דעמאָקראַטישן אופֿן דערגרייכט דורך דעם, וואָס די מינדערהייט וואַרפֿט זיך אונטער דער מערהייט.

מען רעדט וועגן אַן אמתער איינשטימיקייט. אַן אַבסאָלוטער און נישט קיין באַדינגלעכער.

די רייד זענען וועגן אַן איינהייטלעכקייט פֿון געדאַנק, פֿון ווילן און פֿאַרלאַנג, וואָס זאָל נישט געמאָסטן ווערן דורך וואַלצעטלען, צי דורך אַנדערע אָפּשטימונגען, ווו די מענטשן קלייבן אויס נישט דאָס וואָס זיי ווילן באמת, נאָר דאָס וואָס ס׳איז צום נאָענטסטן צו דעם וואָס זיי ווילן, אָדער צום נאָענטסטן צו דעם וואָס זיי קענען באַקומען.

מען מיינט אַן אייניקונג, וואָס זאָל באמת מאַניפֿעסטירן נישט בלויז דעם חשק צו עסן, נאָר אויך די פֿאַרשטעלונג וועגן זאַט ווערן.

און פֿאַרוואָס — פֿרעגט זיך — זאָל אויף דער גאַנצער גרויסער וועלט נישט זיין כאָטש איין שטאָט, כאָטש איין שטעטל, ווו עס זאָלן זיך געפֿינען הונדערט, צי טויזנט מענטשן, וועלכע זאָלן זיין אייניק אין זייערע דעות אין אַלע פּרטים פֿון מענטשלעכן לעבן און צוזאַמענלעבן ?

נו, און אַזאַ שטאָט וואָלט יאָ געווען, וואָס וואָלט דעמאָלט געשען ? וואָס וואָלטן מיר געהאַט דערפון ? וואָס וואָלט עס געווען אַ חוץ חידוש, אַ חוץ קוריאָז, אַ חוץ אויסנאַם ?

ווידער אַמאָל מוז איך דאָ דערמאָנען אַ מענטש פון מיין שטעטל — ר׳ וועלוועלע, האָט ער געהייסן, דער מענטש.

דערציילן איך וועגן ר׳ וועלוועלען וואָלט איך געקענט אַ סך. אָבער מירן דאָס איבערלאָזן אויף אַן אַנדער מאָל.

היינטיק מאָל וועל איך אייך נאָר דערציילן איין זאַך פון אָט דעם ר׳ וועלוועלען.

אַז ר׳ וועלוועלע איז געווען אַ פרומער ייד, דאָס פאַרשטייט איר אַליין, אָבער דאָס, וואָס איך וויל אייך דערציילן איז נישט וועגן זיין פרומקייט, נאָר וועגן זיינע יסורים באשר משיח קומט נישט.

מילא, אַז אַ ייד אין גלות זאָל האָבן יסורים דערפון, וואָס משיח צדקינו זאַמט זיך אַזוי לאַנג און קומט נישט אויסלייזן זיינע יידן, איז אַ געוויינלעכע זאַך געווען אין די אַמאָליקע צייטן. אונדזער ר׳ וועלוועלע האָט אָבער צוליב דעם געליטן נאָך מער ווי יעדער אַנדע־רער ייד.

— וואָרעם — האָט ר׳ וועלוועלע צו מיר אָפט געטענהט — משיח זאַמט זיך דען, ווייל ער וויל נישט קומען ? גלייב מיר, אַז ער וואָלט שוין לאַנג געבלאָזן אין דעם שופר של גאולה. איי, פאַרוואָס קומט ער נישט ? ווייל יידן ווילן נישט.

ווייל ווען יידן וואָלטן וועלן, ווען זיי וואָלטן באמת וועלן, וואָלט משיח שוין לאַנג געקומען.

יידן מוזן אָבער וועלן און וועלן מוזן אַלע יידן.

איין רגע אין טאָג איז פאַראַן — האָט ר׳ וועלוועלע מיר מסביר געווען מיט צער — וואָס ווען אַלע יידן אין דער וועלט וואָלטן אין איר מכוון געווען זייערע רעיונות צו משיחן, וואָלטן צו אים באַהאַפטן זייערע געדאַנקען, וואָלט ער זיכער געקומען.

— ווען איז דאָס אָבער געדעדט געוואָרן ? ווען אַלע, אַלע, אַלע יידן אין דער גאַנצער גרויסער וועלט, זאָל אין דער דאָזיקער רגע וועלן און רופן משיחן.

— די צרה איז אָבער, וואָס מע קאָן בשום אופן נישט פועלן ביי ייִדן, אַז זיי זאָלן, אַלע אין איינעם, אין אַט דער רגע וועלן און רופן משיחן און דערפאַר קומט ער נישט.

אַזאַ גרינגע זאַך, ווי איין רגע טראַכטן וועגן דעם אויסלייזער און דאָך קען מען דאָס ביי ייִדן נישט פועלן.

ווארעם מען קאָן נישט פועלן ביי מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך כאָטש אויף איין רגע פאַראייניקן אין זייערע מחשבות און פון אַלע באַזונדערע געדאַנקען זאָל ווערן איין געדאַנק.

פאַראַן ערגעץ אַ מדרש, אַז ווען אַלע ייִדן וואָלטן אָפּגעהיטן איין שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָלט משיח געקומען.

ר׳ וועלוועלע האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ שווערע עובדה. אָבער איין רגע טראַכטן און רופן משיחן — וואָס קאָן נאָך זיין גרינגער? און פונדעסטוועגן, זעט איר דאָך, אַפילו דאָס איז נישט מעגלעך צו דערגרייכן.

איר מעגט אייך געוויס טראַכטן, אַז אַט דער ר׳ וועלוועלע איז געווען אַ קליינשטעטלדיקער ייִדישער בטלן. ער איז דאָס אין דער אמתן טאַקע געווען.

אָבער זיינע יסורים צוליב דעם, וואָס ייִדן קענען זיך נישט איי־ניקן איין רגע אין זייערע מחשבות אַרום משיחן און צוליב דעם קען משיח נישט אויסלייזן די ייִדן, זענען נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

ס׳ליגט אין זיי אַ גרויסער סימבאָלישער זין און דער סימבאָל איז נישט נאָר וועגן ייִדישן משיח, נאָר וועגן דעם משיח פון דער גאַנצער מענטשהייט.

איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט וועגן די דאָזיקע ענינים און ווייסט איר צו וואָס פאַר אַן אויספיר איך בין געקומען? איך בין געקומען צו אַן אויספיר וואָס איז אפשר נאָך בטלנישער ווי ר׳ וועל־וועלעס געדאַנק וועגן דער רגע פון ייִדישער אייניקייט וואָס וואָלט געקענט ברענגען משיחן... איך בין געקומען צום געדאַנק, אַז ווען אין דער גאַנצער וועלט וואָלט זיך געפונען כאָטש איין שטאָט, ווו אַלע

מענטשן זאָלן זיין אייניק אין זייער דעה — אַפילו נישט וועגן משיחן — וואָלט משיח אויך געקומען.

וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז אַזאַ שטאָט איז אין ערגעץ נישט בנימצא, סיידן נאָר אין די לעגענדעס, אין די פֿאַנטאַזיעס און אין די לידער פֿון די בעלי חלומות?

1958

די אבות און די בנים

גליקלעך, זאָגט מען, זענען די דאָזיקע אומות ביי וועלכע די איינינק־לעך פילן אַ טעם אין די לידער פון די זיידעס. אויב דאָס איז אמת, צווייפל איך, צי עס זענען בכלל פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע פעלקער וואָס מען זאָל אויף זיי קענען זאָגן, אַז זיי זענען גליקלעך. אפשר איז אַזאַ גליק נאָך מעגלעך געווען אַמאָל, אַמאָל, אין די ווייט־פאַרגאַנגענע צייטן, ווען מען האָט נאָך באַלויכטן די הייזער מיט קינד־לעך און מען איז געפאָרן פון איין דאָרף צום אַנדערן אין אַ געשפאַן מיט פאַוואָלעדיקע אָקסן. אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָר אָבער, האָבן די איינינקלעך שוין זעלטן געפילט אַ טעם אינעם זיידנס לידער און דער געראַנגל צווישן טאַטן און זון האָט מיט זיך שוין פאָרגע־שטעלט אַ פּראָבלעם מיט וועלכן מען האָט פאַרבונדן דעם גאַנצן באַ־גריף פון פּראָגרעס אין דער אַנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן מין.

אמת, נישט ביי יעדן פאָלק איז דער קאַמף צווישן די אבות און די בנים פאָרגעקומען מיט אַזאַ דראַמאַטישער שאַרפקייט ווי ביי אונדז, יידן. נישט ביי אַלע אומות זענען די צוזאַמענשטויסן געווען אַזוי דראַסטיש. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז ביי אַנדערע פעלקער זענען קיין צוזאַמענשטויסן נישט פאָרגעקומען, ווייל די זין זענען געגאַנגען אין די וועגן פון די טאַטעס. ביי אַנדערע פעלקער האָט מען בלויז מיט דעם זונס אַנדערן, נייעם וועג שלום געמאַכט גיכער ווי ביי אונדז און מען האָט פון דעם דאָזיקן ענין נישט געמאַכט קיין אָביעקט פאַר שטורמישע שטרייטן און מחלוקות. דער עלטערער דור האָט, הייסט עס, זיך וויניק גענומען צום האַרצן די נייקייטן פון די יונגערע דורות און האָט זיך פון די דאָזיקע נייקייטן נישט געמאַכט קיין טראַגעדיע. זיי זענען דע־ריבער גליקלעכער געווען ווי מיר, נישט צוליב דעם וואָס פאַר זיי

האָט די סיבה פון קאַמף נישט עקזיסטירט, נאָר צוליב דעם וואָס זיי האָבן דעם קאַמף אויפגעגעבן. דאָס איז פון זייער זייט געווען אַ בפירוש־ שער אָפּאָרטוניזם און אָפּאָרטוניזם האָט אַלעמאָל די מעלה וואָס ער פאַרמיידט געראַנגל. די יוגנט מאַכט זיך אַן אייגענעם סדר? טאָקע נישט גוט, אָבער פאַרפאַלן. קיין קריעה רייסן איז נישט כדאי. זאָל עס גיין ווי עס גייט און זאָל זיך די יוגנט פירן ווי זי פירט זיך... נאַ־טירלעך, ווען מען האָט אַזאַ „ווייסע לעבער", אַז מען דערגייט צו אַזאַ „לא איכפּת"־מדרגה. פאַרשפּאַרט מען כלערליי געראַנגלען און צוזאַ־ מען מיט זיי כלערליי האַרצווייטיקן.

וויל עס זאָגן, אַז קיין פעלקער וואָס זייערע אייניקלעך זאָלן פילן אַ טעם אינעם זיידנס לידער זענען שוין לאַנג נישטאָ. און נאָך מער: ס'איז שוין לאַנג, לאַנג געוואָרן אין אונדזער וועלט אַ סימן פון פאַר־ אויסגאַנג, דווקא דאָס וואָס די זין זענען אַנדערש און לעבן אַנדערש פון זייערע טאַטעס. היינט לאַכט מען דאָס גרעסטע געלעכטער אין דער קאָמעדי פראַנסע ווען מען שטעלט פאָר אַ פראַנצויזיש שטעטל, וואָס האָט נאָך אייגעהיטן מנהגים פון מיט הונדערט יאָר צוריק. און טרעפט מען אַ מענטש וואָס גייט נישט מיט מיט דער צייט, זאָגט מען אויף אים, אַז ער איז אַן אָפּגעשטאַנענער און ער געהערט צום מוזיי. דער סימן מובהק פון פראָגרעס, פון אַנטוויקלונג איז היינטצייטיקייט און היינטצייטיקייט איז בעיקר אַנדערשקייט פון נעכטן. אַפילו ביי די עסקימאָסן, שמועסט מען, וויל שוין די יוגנט נישט טאַנצן די אַלטע פאָלקס־טענץ און ווערליק מען דערציילט, רעוואָלטירט זי אויך קעגן דער אַלטער מאָראַל לויט וועלכער אַ טאַטע האָט געקענט מכבד זיין זיינס אַן אַנגעלייגטן גאַסט מיט דער אייגענער טאָכטער. זי, די עס־ קימאָסישע טאָכטער, קעמפט פאַר איר אייגענער „מאָראַלישער" רעכט מכבד צו זיין מיט איר גוף יענע געסט, וואָס זענען אַ ביסל יונגער פון איר טאַטנס נכבדים און ווי פאַר די מענטשן פון די פּאָלאַרע מקומות איז דאָס אַ גאַנץ וואַזשנע רעוואָלוציע, וואָס באַווייזט, אַז די אַלטע לידער בלייבן נישט אייביק ניי...

מיר, ייִדן, די אייביקע דאָן קיכאָטן פון כדור הארץ, האָבן זיך צום לענגסטן געשלאָגן קעגן די רעוואָלוציעס פון די יונגע דורות און אונדז

איז געלונגען אַ לאַנגע צייט אָנצוהאַלטן דעם טאַטישן לעבנס־שטייגער אין דעם זונס דור. ווען איירעפּע האָט שוין לאַנג געהאַט שלום גע־מאַכט מיטן געדאַנק, אַז נייע פייגל ברענגען מיט זיך נייע לידער, האָט מען ביי אונדז נאָך אַלץ געהערט דעם אַלטן ניגון וואָס האָט אָפּגעקלונ־גען מיט די עכאָס פון בבל. ווען איירעפּע האָט שוין זיך גע־דרייט אינעם ראָד פון דער מאָדע, וועלכע האָט זיך געביטן — דעמאָלט נאָך — אַלע צען יאָר, האָט מען ביי אונדז געקויפט בעטן מיטן גע־דאַנק, אַז אייניקלעך וועלן זיי ירשענען און ס׳איז קיינעם נישט איינ־געפאַלן, אַז דער באָבעס חופּה־קלייד, אויב די מאָלן אין שענק האָבן עס נאָר נישט צעלעכערט, קען נישט דינען די שפּעטערדיקע דורות ביים באַשיינען זייער חתונה־יום־טוב.

אין מערב־איירעפּע איז, צוזאַמען מיט דער עמאַנציפּאַציע פון גאַנצן יידישן כלל, אויך געקומען די עמאַנציפּאַציע פון די יידישע זין, וועלכע זענען אומאָפּהענגיק געוואָרן פון די טאַטעס. די יוגנט האָט באַקומען דאָס רעכט אויף אַנדערשקייט, אויף אונטערשיידן זיך פון פריערדיקן דור. אין מזרח־איירעפּע האָט טאַקע די יוגנט זיך עמאַנצי־פּירט שפּעטער, און נישט אָן שווערע קאַמפן, אָבער דער פאַקט איז, אַז דאָס לעבן וואָס מיר קענען אין די לעצטע 70—80 יאָר איז שוין געווען אַ לעבן פון בולטע אונטערשיידן צווישן טאַטן און זון — אַפילו אין דער פרומער וועלט. דער אונטערשיד צווישן די דורות האָט זיך קודם כל אויסגעדריקט אין זייער אַנדערשקייט. מיט איין וואָרט: אַזוי ווי עס האָט זיך געקריסטלט, אַזוי האָט זיך ביי אונדז אויך אָנגעהויבן יידלען. און אויך אונדזערע אייניקלעך האָבן שוין נישט געפילט קיין טעם אין דעם זיידנס לידער. מען וואָלט עס געקאָנט בולט אילוסטרירן מיט אַן איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון דער חסידישער נגינה, ווו פון דעם אַלטן רבס אַ ניגון ביז צו אַ שפּעטערדיקן ריקוד פון לר־באַוויטש איז פאַראַן דער גאַנצער מהלך פון אַנדערשקייט וואָס איז כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר די דורות־אונטערשיידן אינעם לעבן ביי יידן.

וואָס האַסטיקער מיר דערנענטערן זיך צו אונדזער צייט, אַלץ בולטער און שאַרפער ווערן די דאָזיקע דורות־אונטערשיידן אין יידישן לעבן. און דער אמת איז, אַז מען האָט נישט באַדאַרפט וואַרטן ביז צו

אַמעריקע, כדי צו דערזען דעם ויקם דור חדש, אויך אין דער אַלטער היים, אויך אין מזרח־אייראָפּע איז יעדער דור שוין געווען ניי און אַנדערש פון דעם פריערדיקן. ס'וואָלט געווען אַן עוולה, ווען מיר פאַרלייקענען עס און ס'וואָלט געווען אַן אומזין ווען מיר ווילן עמיצן איינרעדן, אַז דאָרט, אין דער אַלטער היים, זענען מיר געווען אימון קעגן דעם אַנדראַנג פון די נייע צייטן וואָס האָבן אויך אין אונדזער לעבן געבראַכט נייע פייגל מיט גאַנץ נייע לידער אין זייערע מײַלער.

*

וואָסזשע איז פאָרט דער חילוק צווישן דער אַמאָליקער אַלטער היים און די איצטיקע נייע? פאַרוואָס האָט דער דעמאָלטיקער אונטערשייד צווישן די דורות פאָרט נישט אַרויסגערופן אַזעלכע טיפע ספיקות וועגן אונדזער ווייטערדיקן קיום ווי עס רופט אַרויס דער איצטיקער חילוק צווישן די דורות?

דער ענטפער איז, אַז דאָרט, אין דער אַלטער היים (און ווען מיר רעדן וועגן דער אַלטער היים מיינען מיר נאָר מזרח־אייראָפּע און נישט דעם אייראָפּעישן מערב), איז ביי דער אַנדערשקייט פון איין דור צום צווייטן פאָרט געווען עפּעס וואָס האָט זיי — די דורות — פאַרבינדן און פאַרקניפּט אין איין געוועב. דאָ ווערט דער דאָזיקער פאַרבינדונגס פאָדעם שוין אַזוי דין, אַז מען הייבט אָן מיט רעכט מורא האָבן, אַז ער וועט זיך איבעררייסן; אַז טאַטע און זון וועלן שוין נישט זיין קיין צוויי דורות, נאָר זיי וועלן ווערן צוויי פעלקער, וואָס האָבן נישט צווישן זיך קיין שום באַרירונגס־פּונקט אויסער דעם ענג־פאַמיליאַרן.

די וועלט, זאָגן מיר, און אַ סך גלויבן אין דעם, גייט פאָרויס. דעם פאָרויסגאַנג זעען מיר בעיקר אין דעם וואָס דער מענטש פון היינט אונטערשיידט זיך פון דעם מענטש פון נעכטן. קען מען דען פאַרגלייכן די היינטיקע וויסנשאַפט מיט דער וויסנשאַפט פון אַמאָל? קיין צווייפל נישט, אַז פון דער דאַמף־מאַשין וואָס האָט איר געבורט אין דעם 17־טן יאָרהונדערט ,ביז צו דער היינטיקער אונטערוואַסער־שיף, וואָס ווערט באַוועגט מיט אַטאָמישער ענערגיע, איז פאַראַן אַזאַ מהלך, וואָס

לאזט זיך נישט אויסמעסטן. אבער איז טאקע צווישן זיי בײדן נישט פאראן עפעס בשותפותדיקס? איז טאקע נישט פאראן צווישן זיי קיין שום פארבינדונג?

אט דאס איז די פראגע, רבותי, און כ׳מיין, אז וועגן איר דארף מען זיך פארטראכטן. דער אמת איז, אז אפילו איינשטיינס געניאלע מאטעמאטיק, וואס איז געווארן דער יסוד פון דער אטאם־עפאכע, האט טראץ אירע קאמפּליצירטע דערגרייכונגען זיך באזירט אויף דעם באנאלן, אלטן און אייביקן מאטעמאטישן געזעץ, אז צוויי מאל צוויי איז פיר. טויזנט רעוואלוציעס זענען שוין פארגעקומען אין דער וויסנ־שאפט זייט דאס דאזיקע „צוויי מאל צוויי איז פיר״־געזעץ און אנטדעקט און פארמולירט געווארן אין דעם באגינען פון אונדזער קולטור. אבער דאס געזעץ איז געבליבן גילטיק ווי די באזע פאר אלע אויפטוען, דער־גרייכונגען און איבעראנדערשונגען אין דער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

מיר, יידן, האבן אויך געהאט אונדזער פאלקישן געזעץ פון צוויי מאל צוויי איז פיר. אלע אונדזערע אידעען־קאמבינאציעס וועגן דער פאלקס־עקזיסטענץ זענען געמאכט געווארן אויף דעם יסוד פון דעם דאזיקן געזעץ. אפילו די אסימילאציע אין דער אלטער היים, אפילו דער קאסמאפאליטיזם פון די שפעטערדיקע צייטן, האט אויך אין תוך געגומען נישט פארלייקנט דאס געזעץ פון אונדזער פאלקישן צוויי מאל צוויי איז פיר.

דאס דאזיקע געזעץ איז געווען, אז מיר זענען א פאלק מיט איין גורל. נישט וויכטיק ווי אזוי מען האט געוואלט אויסבעסערן דעם דא־זיקן גורל; נישט וויכטיק אפילו ווי אזוי געוויסע שטרעמונגען אין יידנטום האבן געפרואווט זיך באפרייען פון דעם דאזיקן גורל... דעם גורל גופא האבן אלע אנערקענט און אלע האבן אים אנגענומען פונקט ווי דער מאטעמאטיקער נעמט אן דאס געזעץ, אז צוויי מאל צוויי איז נישט קיין לאקשנברעט.

דאס וואס עס ווארפט אן א מורא אויף אונדז אין די אמעריקאנער לענדער איז נישט דער פאקט וואס דער יונגערער דור איז אנדערש פון דעם אלטן דור. די מורא איז א פועל יוצא פון דעם וואס מיר זעען, אז דער יונגער דור ווייזט ארויס א נטיה צו פארלייקענען דאס דאזיקע

גרונטיקע געזעץ. די מורא איז צוליב דעם וואָס עס מאַניפעסטירן זיך טענדענצן צו באַטראַכטן דעם פאָלקס־גורל נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ קאָמפּלעקס מיט וועלכן עס דאַרף זיך באַשעפטיקן דער פּסיכאָאַנאַליטיקער.

איר ווילט וויסן וועגן וואָס סע גייט מיר? סע גייט מיר אין אַ פּשוטער זאַך. כ'האָב נאָר וואָס איבערגעלייענט די רעדע פון אַ באַרימטן יידיש־אַמעריקאַנישן פּסיכאָלאָג־פּעדאַגאָג. די רעדע האָט ער געהאַלטן אויף אַ קאָנפערענץ וועגן יידישער דערציִונג און אין איר איז ער גאָר שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן לערנען אונדזער יוגנט די געשיכטע פון דער שואה, די געשיכטע פון חורבן וואָס היטלער האָט געבראַכט אויפן אייראָפּעישן יידנטום. נאָך מער: ער איז בכלל קעגן דעם, אַז מיר זאָלן ביים לערנען יידישע געשיכטע אַרויסברענגען די מאָמענטן פון מאַרטיראָלאָגיע. פאַר־וואָס? ווייל אונדזער גאַנצער געשיכטלעכער זכרון וואָס טראָגט מיט זיך די מאַרטירער־פאַקטן פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט איז לויט אים, דעם פּסיכאָלאָג־פּעדאַגאָג, אַ קאָמפּלעקס, אַ טראַומע פון וועלכע מיר דאַרפן פּטור ווערן וואָס גיכער. אָט דאָס וואָס איר הערט... נישט מיר, יידן, האָבן געליטן, נישט מען האָט אונדז געברענט, גערודפט און פּאָגראָ־מירט, נאָר מיר האָבן זיך דאָס איינגערעדט צוליב אַ מאַזאָכיסטישער נייגונג, אָדער פּערווערסיע און אפשר גאָר דערפאַר, ווייל ערגעץ טיף אין אונדז האָבן מיר אַ שולד־געפיל וואָס וויל אַזוי אַרום זיך אויסקויפן פּונקט ווי דער פּאַראַנאָיִקער וויל זיך אויסקויפן מיט אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע...

ניין, דאָ האָבן מיר פאַר זיך שוין נישט קיין נייע שיטה אין דער יידישער פּעדאַגאָגיק, דאָ האָבן מיר שוין נישט קיין חילוק צווישן צוויי דורות אין יידישן לעבן, דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַן אָנזאָג, אַז עס קומט אַ צייט אין וועלכער צוויי מאָל צוויי וועלן, אין פאָלקישן זין, אויפהערן צו זיין פיר און די גאַנצע געשיכטע פון אונדזער פאָלק וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חולאת פון וועלכער מיר דאַרפן זיך היילן...

1965

דער יוגנט־קאָמפּלעקס

דער רוב מענטשן, נישט נאָר פרויען, נאָר אויך מענער האָבן אויף די עלטערע יאָר נישט ליב אויסצוזאָגן ווי אַלט זיי זענען. ס׳איז שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, אָבער מיר דאַרפן אָננעמען, אַז ערגעץ ווו טליעט אין אונדז אַן אַטאַווישער פּחד פאַר דער זקנה; אַ פּחד, וואָס ציט זיך נאָך פון יענער פּרעהיסטאָרישער צייט, ווען אונדזערע אורזיידעס האָבן געלעבט אין האָרדעס אין וועלכע מען האָט זיך נוהג געווען די אַלטע לייט, פּראָסט און פּשוט, אַוועקצוהרגענען, מחמת זיי זענען געווען אומזיסטע פאַרנוצער פון דעם קנאַפּן שפּייז וואָס דער פּרימיטיווער אורמענטש האָט דערשאָבערט מיט שווערער מי. אָט די אַטאַווישע שרעק, וואָס לעבט אין אונדזער אונטערבאַוווסטזיין שוין אַזויפיל הונדערטער טויזנטער יאָרן, ברענגט עס אפשר צו דעם, אַז מיר זאָלן אַזוי אויפגעציטערט ווערן ביי דער תּפילה: אל תשליכנו לעת זקנה.

נישט נאָר מיטן מויל האָט דער רוב פון מענטשלעכן מין מורא אויסצוזאָגן זיין אמתן עלטער, נאָר ער האָט עס אויך מורא אַרויסצוווייזן אויף אַלע אַנדערע אופנים. איבערהויפּט היטן זיך מענטשן פון אונדזער דור, און דווקא אין די לענדער פון וווילשטאַנד, צו מסרן מיט זייער האַלטונג און אויפפירונג זייערע אמתע יאָרן. געוויס קען מען דאָ פרעגן אַ קשיא אויף אַ קשיא. אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז נישט אַלע קשיות קענען פאַרענטפערט ווערן, ווייל דאָרט ווו עס ווירקן אונטערבאַוווסטזיניקע רעפלעקסן, זענען די דערקלערונגען פון באַוווסטזיין לגמרי אומבאַהאָלפן. אַלץ וואָס מיר ווייסן איז נאָר, אַז דער אונטערבאַוווסטזיין האָט ליב דאָס שפּיל פון קאַפּריזן, און קאַפּריזן זענען, על פּי רוב, אומלאָגיש. פאַרוואָס און צוליב וועלכע סיבות באַ־

קומט טיילמאָל אַ פּסיכאָלאָגישן שאָק אַ מענטש, וואָס האָט אַ שריפה־קאָמפּלעקס, דווקא דעמאָלט, ווען ער געפינט זיך ביי אַ וואַסער? דאָס איז שווער צו דערקלערן, הגם מען נעמט אָן, אַז דאָ ווירקן עפּעס אויסטערלישע, זיג־זאַגיקע געפיל־פאַרבינדונגען. אויף יעדן פאַל איז עס פון יענע משוגעתן וואָס מען זאָגט אויף זיי, אַז זיי האָבן אַ באַשטימטן סיסטעם.

אָבער לאָמיר זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין אַבסטראַקטע חקירות, בעת מיר ווילן בלויז פעסטשטעלן אַ קאָנקרעטן פאַקט, און דאָס איז דער פאַקט, אַז דער רוב מענטשן האָבן אַ נייגונג דירעקט און אומדירעקט צו פאַרלייקענען זייערע יאָרן און זיך צו באַווייזן יינגער ווי זיי זענען.

*

דער דאָזיקער ווילן צו באַהאַלטן די עלטער ברענגט אָפט צו פאַרשידענע קאָמפּליקאַציעס, גאַנץ אָפט — טראַגישע און זייער אָפט — אויך קאָמישע.

עס איז, למשל, פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אין די פ׳ שטאַטן איז דער גורם פון גאָר אַ גרויסער צאָל האַרץ־אַטאַקעס דער פאַקט, וואָס מענטשן אין די יאָרן ווילן זיך דווקא „יינגלען" און ווילן נישט מודה זיין, זיך אַליין און דער אַרומיקער סביבה, אַז זיי זענען שוין לויט זייער עלטער נישט פעיק צו די אַלע יינגלערישע שטיק. מער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער אין דער וועלט האָט מען דווקא אין צפון־אַמעריקע מורא צו מאַניפעסטירן אַלטקייט און דאָס באַהאַלטן זיך אונטער דער מאַסקע פון יונגשאַפט דערגייט דאָרט צו גראָטעסקע מאַסשטאַבן. די פאָלגן זענען, ווי געזאָגט, געוויינלעך טראַגיש, ווייל ווען אַ מאַן פון די זיבעציקער וויל דווקא מיטהאַלטן אין בייזבאָל דעם צוואַנציקיעריקן, אָדער ער וויל שפּרינגען איבער די סאָבוויי־טרעפּ פּונקט ווי אַ דרייסיק־יעריקער, צי גאָר, ווען ער וויל באַווייזן, אַז ער קען אויך אויסמאָלן די ווענט פון זיין זומער־היים, צי שניידן מיט אַ גראָז־מאַשין דאָס ווילד־גראָז אין זיין גאָרטן, מוז קומען דער מאָמענט ווען זיין אָפּגעשוואַכטער האַרץ־מוסקול זאָגט „סטאָפּ" און שטעלט אַ פּונקט

צו יעדער דיסקוסיע. אַזוי אַרום ברענגט דאָס „יינגלען זיך״ געצוג קרבנות און די דאָקטוירים זעען שוין איין, אַז נישט בלויז קען מען מיט דעם יונגשאַפט־אָנשטעל נישט אָפּנאַרן דעם מלאך המוות, נאָר מען רופט אים נאָך אָפּטמאָל אַרויס פריצייטיק צו טאָן זיין באַשערטע אַרבעט.

מען דאַרף וויסן, אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד וואָס אין איר ווירקט נאָך ביז צום היינטיקן טאָג די מאָראַל פון די פּיאָנערן; פון יענע מעיפלאָוער־מענטשן וואָס האָבן געדאַרפט האָבן שטאָלענע מוסקולן און אייזערנע כוחות כדי זיך איינצוּוואָרצלען אין באָדן. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ סביבה איז יונגשאַפט געווען אַ גרויסע סגולה צום דער־פּאָלג אין האַרטן קאַמף מיט דעם אַרום. דערפאַר טאַקע איז דאָרט ביז צום היינטיקן טאָג געבליבן דער קולט פאַר יונגשאַפט און דערפאַר וויל זייער זעלטן עמיצער מודה זיין, אַז ער פאַלט שוין אַרויס פון דער יונגשאַפטס־ראַם. פאַרבט זיך טאַקע אַ זקן די גרויע האָר און פוצט זיך אין משונה־מאָדנע קאָפּעלושלעך מיט פעדערן; טראָגט העלע פאַרביקע מלבושים און קורצע הויזן; באַמיט זיך צו גיין מיט אַ געשפּאַנטן שטייפן טראָט און באַליידיקט זיך אויב אַ יונגער מענטש וויל אים אָפּטרעטן אַן אָרט צו זיצן אין אויטאָבוס... דאָס אַלץ רעדט זיך וועגן מענער, ווייל די פרויען האָבן גאַנץ אַנדערע סיבות צו באַהאַלטן זייער עלטער. סיבות וואָס זענען נישט כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אַמע־ריקע, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר אַלע צייטן, אָנגעהויבן פון אונדזער מוטער חוה ערגעץ ווו אין קליין־אַזיאַטישן גן עדן, ביז צו די עסקימאָסן אין דעם ווייטסטן ווינקל פון יוטלאַנד.

*

גאָר ווייניק צייטן זענען געווען אין דער מענטשלעכער געשיכטע ווען די עלטער איז געשטאַנען אויף איר געהעריקער חשיבות און האָט זיך נישט געדאַרפט פאַרלייקענען. לאָמיר צוגעבן, אַז מיר, יידן, זענען געווען פון די ערשטע און אפשר אויך פון די ווייניקע פעלקער, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון דעם קאָמפּלעקס. נאָכן בפירושן אָנזאָג בכבוד צו האַלטן טאַטע־מאַמע, איז שוין מעגלעך געווען דער ווייטערדיקער

אַנזאָג „והדרת פני זקן" און „מפני שיבה תקום". אויך אין די צייטן פון תלמוד האָט מען פאַרגעזעצט די טראַדיציע פון קאָמפּענסירן די עלטער און מען האָט געזאָגט, אַז דער בנין פון דער יוגנט איז צע־שטערונג און די צעשטערונג פון די זקנים איז בויאונג. פאַראַן נאָך אַנדערע מאמרים וואָס באַווייזן, אַז ביי אונדז האָט מען געפּרוווט שאַפן אַן עלטער־קולט, להיפּוך צו דעם פּרימיטיוון און אַטאַוויסטישן יוגנט־קולט. שפּעטער איז שוין נישט בלויז ביי אונדז, נאָר אויך אין גאַנצן אָריענט דער באַגריף „זקן" פאַרבונדן געוואָרן מיט דעם באַגריף „חכם". סבי דבי אתונה, זענען נישט בלויז די אַלטע לייט פון אַטען, נאָר טאַקע די חכמים פון אַלטן גריכנלאַנד.

אויך אין אונדזער גאַנץ גלות־לעבן, האָבן מיר פאַרמירט און געשטאַלטיקט אַן אַנדערע באַציאונג צו דער עלטער, ווי די אומות העולם צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט. ביי די רוסן האָט אַן אַלטער מאַן געזאָגט אויף זיך „טשוזשאָי וויעק זאַיעדאַיו"; — דער מיין דער־פון איז: איך לעב שוין אויף פרעמדן חשבון... דאָס איז געווען דאָס געפיל, אַז דער אַלטער מאַן לעבט אויפן חשבון פון דעם יוגנטלעכן, וואָרעם ער, דער יוגנטלעכער, פּראָדוצירט, בעת דער זקן איז שוין נישט מער ווי אַ קאָנסומענט.

יידן האָבן זיך אין זייער עטיק, ווי דערמאָנט, באַפרייט פון אָט דעם וווּלגאַרן מאַטעריאַליזם. זיי האָבן דעם זקן געגעבן דעם העכסטן סטאַטוס אין לעבן. אים זענען געקומען אַלע כיבודים און ער איז געווען דער גרעסטער בעל דעה אין דער געזעלשאַפט. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל יידן האָבן גלאָריפיצירט נישט דעם כוח, נאָר דעם גייסט און גייסט מוז האָבן דעם באָדן פון דערפאַרונג, וואָס נאָר דער אַלטער און געפּרווטער מענטש קען זי אָנזאַמלען.

כל זמן יידן זענען געגאַנגען מיט דעם דאָזיקן וועג, האָט זיי נישט געדראָט קיין שום געפאַר פון בטל ווערן, אין גייסטיקן זין, פאַר אַנדערע פעלקער. אויב אַלטקייט איז אַ מעלה און אַ מדרגה, טאָ, ווער איז נאָך אַזוי חשוב ווי דאָס יידישע פאָלק, — איינס פון די עלטסטע צווישן די פעלקער?

היינט צו טאָג זענען מיר, יידן, נישט אַנדערש פון אַלע פעלקער

אדן אויך ביי אונדז זענען די „צעירים" אַ קאַטעגאָריע מיט וועלכע מען נעמט זיך איבער, הגם פּאָליטיש ווילן די אַלטע זיי נאָך נישט איבערגעבן די מאַכט אין די הענט אַריין.

דאָס סאַמע אַנזעעוודיקסטע אין אונדזער לעבן איז די געביטענע באַציִונג צו דער עלטער. אויף דעם פּונקט איז כמעט שוין נישטאָ פאַראַן קיין אָרט אין דער וועלט, וווּ אָט די געביטנקייט זאָל זיך נישט מאַני־פעסטירן. אויך אין דער סאַמע עקסטרעמער אָרטאָדאָקסישער וועלט מערקט זיך שוין די דאָזיקע ענדערונג, הגם דערווייל נישט אויף אַזאַ דראַסטישן אופן.

כ'מיין, אַז ס'איז דאָ נישט נייטיק צו זאָגן, אַז אין אַלע צייטן האָט מען ביי יידן זיך שטאַרק געזאָרגט וועגן די יונגע דורות און מען האָט אָוועקגעגעבן די גרעסטע מי, כדי זיי צו דערציִען. ווען אַ סך היינטיקע פעלקער פון דער וועלט זענען נאָך געווען פולשטענדיקע אַנאַלפאַבעטן, האָט שוין ביי יידן עקזיסטירט אַ מין אַלגעמיינע יידישע בילדונג פאַר אַלעמען. אָבער אין אַלע צייטן האָט מען ביי יידן דער עיקר געזאָרגט דערפאַר, אַז די דערציִונג זאָל אויסהאָדעווען גוטע יידן. היינט זאָרגט מען זיך בעיקר וועגן אויסהאָדעווען גוטע יוגנטלעכע. דער טראָפּ ווערט געלייגט אויף יוגנטלעכע. דער עלטערער מענטש האָט אויפגעהערט צו האָבן זיין אָרט אין אונדזער וועלט־בילד. ער, דער עלטערער מענטש, וועט שוין דערלעבן, ווי עס איז, זיין ביסל יאָרן. מיט אים דאַרף מען זיך שוין נישט צאַצקען, וועגן אים איז נישטאָ וואָס צו דאגהן. דער עיקר איז דער יוגנטלעכער. אַן אינסטיטוציע אַן יוגנטלעכע איז ביי אונדז ווי אַ חתונה אַן קלעזמער. באַלד וועט מען זיך שוין ביי אונדז אָנהייבן שעמען מיט די מושב זקנימס, ווייל אין זיי זענען נישט פאַראַן קיין יוגנטלעכע.

מכלומרשט הייסט עס, אַז מיר זענען געפאַנגען געוואָרן פון דעם יוגנט־פּסיכאָז דערפאַר ווייל מיר דאגהן אַזוי שטאַרק וועגן אונדזער צוקונפט און וועגן דעם המשך פון פאָלק. אין דער אמתן איז עס נישט מער ווי אַן אָפּנאַרעריי. מיר מאַכן מיט דאָס שפּיל פון דער היינטיקער וועלט און מיר חנדלען זיך, פּונקט ווי זי, מיט יונגשאַפט. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס מיר זענען מיד פון זיך אַליין און פון אונדזער פאָלקס־

אַלטקייט? אפשר איז עס דערפאַר ווייל מיר האָבן אויפגעהערט גלייבן אין כוח פון גייסט און מיר גלייבן נאָר אין דעם כוח פון די מוסקולן: ס׳איז שווער צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן. איין זאַך איז אָבער זיכער: דאָס וואָס ביי אנדערע פעלקער איז גוט צי שלעכט, נאַטיר־לעך, און ביי אונדז אומנאַטירלעך און יעדע אומנאַטירלעכקייט איז פון איין זייט טראַגיש און פון דער צווייטער זייט לעכערלעך און קאָמיש.

1965

די תאווה צו רעטאָריק...

אין לעבן זענען פאַראַן פּראָזן וואָס זענען פּונקט אַזוי ווי די פאַרביקע באַלאָנען. זיי זענען שיין און פליען הויך כל זמן מען רירט זיך צו זיי נישט צו מיט קיין שפּילקעלע פון לאָגיק. קוים אָבער גיט איר זיי דעם מינדסטן שטאָך מיט דער דינער נאָדל פון קריטישן געדאַנק, אַזוי פּלאַצן זיי מיט אַ רעש און בלייבן ליגן פאַר אייערע אויגן ווי אַ קויטיקע שמאַטע.

איינער פון די דאָזיקע פאַרביקע באַלאָן־פּראָזן איז דער אָפּגעקייטלעכדיקער זאָג, אַז אין גלות האָט זיך די יידישע געשיכטע געמאַכט דורך אַנדערע הענט, בעת ערשט אין מדינת ישראל ווערט די יידישע געשיכטע געמאַכט דורך יידן גופא. די פראַזע איז זייער אַ שיינע און באַפליגלטע און ווער ס'האָט נישט קיין באַדאַרף צו וועגן און צו מעסטן די ווערטער אויף דער וואָג פון לאָגישן געדאַנק, דער קען פון אָט דער פראַזע טאַקע באַרוישט ווערן. ס'איז אָבער גענוג די דאָזיקע פאַרביקע מימרא אַ נעם צו טאָן צום קריטישן ליכט, כדי זי זאָל תיכף פּלאַצן און פון איר גאַנצער אַנגעבלאָזנקייט זאָל בלייבן נישט מער ווי אַ קאַלירטע שמאַטע.

קודם כל וואָס הייסט אַזוינס מאַכן די פאָלקס־געשיכטע מיט די אייגענע הענט? וועלכעס פאָלק מאַכט עס איר געשיכטע מיט די אייגענע הענט? איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ אומה, וואָס אירע גרעסטע געשיכטלעכע איבערלעבונגען זאָלן האָבן געקומען אָן דער אַקטיווער ווירקונג פון אַנדערע פעלקער? די געשיכטע פון פעלקער איז, ליידער, ביז היינט אַ געשיכטע פון מלחמות, נצחונות און מפּלות. ס'איז אַ געשיכטע פון אַרונטערפאַלן אונטער עמעצנס יאָך און פון קאַמף כדי זיך צו באַפרייען פון דעם דאָזיקן יאָך. ווען די גרעסטע

מערהייט פון די פעלקער אויפן כדור הארץ וואָלט געמאַכט זייער געשיכטע מיט די אייגענע הענט, וואָלטן זיי מסתם אין דער דאָזיקער „מאַכונג" אויסגעמיטן מלחמות און זיי וואָלטן אויסגעמיטן נצחונות און מפלות. זיי וואָלטן נישט געוואָרן פאַרשקלאַפט און וואָלטן נישט גע־דאַרפט קעמפן פאַר זייער באַפרייונג. די צרה פאַר דער מערהייט פעל־קער אין דער וועלט איז אָבער דאָס וואָס תמיד שטייט ערגעץ אויף אַ קריגעריש פאָלק וואָס צווינגט זיי צו מלחמה און דורך דער מלחמה — צו אַ נצחון, אָדער אַ מפלה. אַפילו די פעלקער וואָס צווינגען צו מלחמה, מאַכן אויך קיין מאָל נישט זייער געשיכטע אויפן גאַנצן היסטאָרישן שטח פון זייער זיין, וואָרעם היינט זענען זיי די באַפאַלער און אין אַ צייט אַרום זענען זיי די באַפאַלענע דורך אַנדערע. קיין שום פאָלק קען דעריבער אויף זיך נישט זאָגן, אַז ס'האָט אַליין געמאַכט איר געשיכטע. ווייל דאָס וואָס מיר רופן אָן די געשיכטע פון אַ פאָלק איז אַ פּראָדוקט פון צוזאַמענשטויסן מיט אַנדערע פעלקער און איבער די דאָזיקע צוזאַ־מענשטויסן איז קיינער נישט קיין בעל דעה. מעג אַ פאָלק ווי שטאַרק נישט וועלן קיין מלחמה, העלפט עס גאָרנישט, אויב דאָס אַנדערע שכנהשע פאָלק וויל יאָ מלחמה. אַלע האַנדלונגען פון מענטשן און פון פעלקער ווערן באַדינגט דורך די האַנדלונגען פון אַנדערע מענטשן, וועלכע צווינגען אונדז צו רעאַגירן אַזוי, אָדער אַנדערש. דעריבער קען קיין מענטש אויף זיך נישט זאָגן, אַז ער איז דער אַבסאָלוטער האַר איבער אַלע זיינע מעשים און קיין שום פאָלק קען נישט זאָגן, אַז עס איז דער אַבסאָלוטער האַר איבער זיין געשיכטע.

לאָמיר נישט פאַרגיין צו ווייט. האָבן די פּאָליאַקן געוואָלט די צווייטע וועלט־מלחמה. ניין, זיי האָבן זי נישט געוואָלט. אָבער די דייטשן האָבן זי געוואָלט און דער ווילן פון די דייטשן האָט געמאַכט די ווייטערדיקע פּוילישע פאָלקס געשיכטע. האָבן די דייטשן געוואָלט די מפלה און די צעטיילונג פון זייער לאַנד אין אַ מזרח־און מערב־זאָנע? ניין, אויך זיי האָבן דאָס נישט געוואָלט. דער כוח פון די פאַר־בינדעטע איז אָבער געווען שטאַרקער פון זייער כוח און די פאַרבינ־דעטע האָבן געמאַכט זייער איצטיקע געשיכטע. ווי לעכערלעך איז דעריבער צו דענקען אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ אומה וואָס איז אומאָפּ־

הענגיק פון אַלעמען און מאַכט זיך איר געשיכטע, נישט רעכענענ־דיק זיך מיט קיינעם.

ס'זענען פאַראַן פעלקער וואָס ווילן פרידן און זיי ווילן, אַז זייער געשיכטע זאָל פליסן אין דער טייך־קאַריטע פון שלום און ווױלשטאַנד. נו, איז דער דאָזיקער ווילן אַליין גענוג, כדי צו פאַרזיכערן אַ פריד־לעכע געשיכטע? מער שלום ווי די טשעכן האָבן געוואָלט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה דאַרף מען שוין נישט. אָבער וואָס האָבן זיי אויסגעפירט מיט זייער שלום־ווילן? זייער געשיכטע האָט געמאַכט טשעמבערלען און דאַלאַדיע אין מינכען; זייער געשיכטע האָט שפּעטער געשריבן מיט בלוט און מיט פייער דער מטורף היטלער און זייער געשיכטע שרייבט איצט דער קאָמוניזם, נישט ווי זיי ווילן, נאָר ווי אַנדערע ווילן.

איר קאָנט שטייגן נאָך העכער. די פאַראייניקטע שטאַטן זענען געוויס אַ מעכטיק לאַנד און ס'איז נישטאָ קיין ספק דערין, אַז זי מאַכט וועלט־געשיכטע. אָבער צי מאַכן אויך די פאַראייניקטע שטאַטן, אין גאַנצן אַליין, זייער אייגענע געשיכטע? אַן אויבן־אויפיקע באַקאַנט־שאַפט מיט די עקזיסטירנדיקע פאַקטן וועט באַווייזן, אַז אויך די מעכטיקע פאַראייניקטע שטאַטן זענען אין דעם מאַכן זייער געשיכטע נישט אָפּהענגיק פון זיך אַליין. די געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט געשריבן דורך סאָוויעט־רוסלאַנד, דורך כינע, דורך פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַ גאַנצע ריי פיל קלענערע מדינות. דאָס „ווייסע הויז" צווינגט אויף און ווערט באַצוווּנגען; עס דיקטירט און ווערט דיקטירט, אַפילו אַ מלוכה די גרייס פון אַ גענעץ, ערגעץ אין דעם אַפריקאַנער שוואַרץ־יאַר, קען צווינגען די אַמעריקאַנער צו באַ־שטימטע שריט, וועלכע זענען נישט פאַרויסגעזען געוואָרן און די דאָזיקע שריט קאָנען האָבן אַ באַשטימטן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון איר געשיכטע. און דאָס זעלביקע געשעט ווען עס האַנדלט זיך וועגן וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד, וועגן כינע, וועגן פראַנקרייך און בכלל וועגן יעדער, יעדער מלוכה אויף דער וועלט.

דערפון זעען מיר ווי לעכערלעך און אָנגעבלאָזן עס איז די פראַזע, אַז ווי נאָר מיר האָבן באַקומען די מדינה זענען מיר שוין געוואָרן די

מאַכערס פון אונדזער געשיכטע. ווען מיר וואָלטן אפילו געווען אַזוי גרויס ווי די פאַראייניקטע שטאַטן צוזאַמען מיט סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָלטן מיר דאָס נישט געקענט זאָגן, הײנט־זשע ווער שמועסט נאָך, אַז צו דער דאָזיקער גרויסקייט פעלט אונדז נאָך גאַנץ היפש.

חוץ לזה וויסן מיר דאָך, אַז ייִדן האָבן שוין געהאַט זייער מדינה אין אַ וועלט וואָס איז געווען אַ סך ווייניקער קאָמפּליצירט אין אירע באַציונגען ווי די הײנטיקע וועלט. נו, האָבן די ייִדן פון יענער מדינה טאַקע געמאַכט זייער אייגענע געשיכטע? ווען דאָס וואָלט אַזוי געווען וואָלטן מיר דאָך גאָר קיין מאָל צו קיין גלות נישט געקומען. דאָס פאַרלירן די מדינה און דאָס אַוועקגיין אין גלות אַרײַן איז דאָך זיכער נישט געווען קיין אַקט פון אונדזער אייגענעם ווילן. טאָ ווי קומט עס וואָס יענע מדינה־ייִדן האָבן נישט געמאַכט אַליין זייער געשיכטע, כאָטש זיי זענען געזעסן אויף זייער ערד און האָבן נאָך נישט געלעבט אין די באַדינגונגען פון גלות?

ווען עמעצער זאָגט, אַז אין די באַדינגונגען פון אייגענער מדינה־שאַפט האָט אַ פאָלק בעסערע שאַנסן צו שאַפן זײַן אייגענע קולטור, וואָלט איך מיט אים זיך נישט מתווכח געווען. אָבער ווען ער זאָגט, אַז אין די באַדינגונגען פון מדינהשאַפט איז פאַרזיכערט זײַן הונדערט־פּראָצענטיקע אויטאַרשאַפט פון זײַן געשיכטלעכער ביאָגראַפיע, איז עס אַ שטות פון אומבאַרעכנטער גאווה. פעלקער וואָס זאָלן פּראָדוצירן זייער געשיכטע אין גאַנצן אַליין זענען, ווי געזאָגט, נישט געווען און זענען נישטאָ, און כ׳גלייב, אַז מיר, ייִדן, זענען אין דעם פּרט נישט קיין אויסנאָם. דער בעסטער באַווײַז, אַז מיר זענען נישט קיין אויסנאָם אויף דעם געביט איז דאָך טאַקע אונדזער נישט־אַליין־געמאַכטע גע־שיכטע.

ובכן, די געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז נישט געמאַכט געוואָרן דורך אונדז אַליין, נישט אין גלות און אויך נישט אין ארץ־ישראל. תמיד און אומעטום זענען מיר אין אונדזער פאָלקס־לעבן אָפּהענגיק געווען פון אַנדערע. אַנדערע האָבן אונדז אויפגעצוווּנגען מלחמות און נצחונות, מלחמות און מפּלות. אַנדערע האָבן אונדז אונטערדריקט און די אונטערדריקונג פון אַנדערע האָט אונדז געבראַכט צו קעמפן פאַר

דער באַפרייונג, צו פאַרטיידיקן אונדזער לעבן. די פאָרמען פון קאַמף פאַר דער אייגענער פאַרטיידיקונג און די מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן אונדזערע פּאָזיציעס, האָבן זיך מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה געענ־דערט, אָבער דער קאַמף גופא און דאָס אַנגעוויזן זיין אויף די פרעמדע כוחות וואָס רופן אים אַרויס, האָט זיך נישט געביטן. מיר טוען נאָך אַלץ נישט וואָס מיר ווילן טאָן, נאָר וואָס מיר מוזן טאָן, וואָס מיר ווערן געצוווּנגען צו טאָן דורך אַנדערע וועלכע רייסן זיך אַריין אין אונדזער געשיכטע און באַשטימען ווי אַזוי זי זאָל געמאַכט ווערן.

דער דאָזיקער פּשוטער אמת דאַרף אַפילו קיין ראיות נישט. וואָרעם מיר וויסן גאַנץ גוט, אַז אַנדערש וואָלט זיך אַנטוויקלט דאָס לעבן אין דער מדינה אָן דער אַראַבישער אַרומרינגלונג און אַנדערש אַנטוויקלט עס זיך אין די באַדינגונגען פון דער דאָזיקער אַרומרינג־לונג. ווען נישט די אַראַבישע שונאים און ווען נישט דאָס וואָס מיר מוזן זיך באַוואָפענען און קריגן וואָפן פון אומעטום, וואָלטן מיר דען שלום געמאַכט מיט די דייטשן און וואָלטן אַריינגעלאָזט די דייטשע פאָן אין יידישן לאַנד אַריין? דאָס געבן די דייטשן אַן אָפיציעלן דריסת הרגל אין דער יידישער מדינה איז זיכער אַ היסטאָרישער מאָמענט, מיט גאַנץ באַשטימטע מאָראַלישע קאָנסעקווענצן פאַר אונדזער זיך שאַפנדיקער געשיכטע. אָבער האָבן מיר דען דעם דאָזיקן אַקט דורכגע־פירט פון דעם אייגענעם פרייען ווילן? זענען מיר דען צו אים נישט געצוווּנגען געוואָרן דורך אַ לאַגע וועלכע אַנדערע האָבן געשאַפן?

אין תוך גענומען, קען זיך אויסדאַכטן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ גאַוואַהדיקער פראַזע וואָס איז אומשולדיק ווי יענער פאַרביקער באַלאָן. מה רעש אויב דער באַלאָן איז נישט שטאַנדהאַפטיק און ער פּלאַצט ביים באַריר פון דער מינדסטער לאַגישער נאָדל? דער אמת איז אָבער אַן אַנדערער. די דאָזיקע פראַזע איז גאָרנישט אַזוי אומ־שולדיק און זי קען ווערן פאַרפירעריש און שעדלעך אויב מיר וועלן זיך אויף איר באמת פאַרלאָזן, וואָרעם שוין נישט איין פאַלק האָט ביטער אָפּגעשניטן ווען עס האָט זיך סומך געווען אויף פאַלשע אָפּשאַ־צונגען פון זיין לאַגע, דיקטירט פון איינרעדעניש און פון לוסט זיך צו שפּילן מיט שיינער רעטאָריק...

1967

ווען שניים אוחזין ב׳אילוזיע...

שמחה שוואַרצן ז״ל.

ווען צוויי מענטשן קריגן זיך וועגן אַ קאָנקרעטן ענין קען מען געפינען אַן אופן זיי אויסצוגלייכן. וואָרעם ראשית זענען וועגן קאָנקרעטע ענינים פאַראַן געזעצן וואָס גיבן גערעכט איינעם, אָדער דעם צווייטן, פלוניען, אָדער אַלמוניען. און טרעפט. אַז דער ענין איז שוין גאָר פאַרוויקלט און קאָמפּליצירט, איז אויך דאָ אַן אויסוועג — דער אויסוועג פון דער יידישלעכער פשרה: יחלוקו, אַ העלפט דיר און די אַנדערע העלפט מיר. ביידע בלייבן נישט אין גאַנצן גערעכט, אָבער אויך נישט אין גאַנצן אומגערעכט.

דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרן ווען צוויי מענטשן קריגן זיך וועגן אַ קאָנקרעטן ענין. ווי איז אָבער דער דין אויב צוויי מענטשן קריגן זיך וועגן אַן אילוזיע? וואָס טוט מען, אַז דער שטרייט גייט וועגן אַ דבר שלא היה ולא נברא, נאָר וועגן אַן אויסדאַכטעניש. אַן איינרעדעניש, אַ גלייבעניש, וואָס נישט מען קען עס וועגן און נישט מען קען עס מעסטן, נישט מען קען עס באַשטעטיקן און נישט מען קען עס אָפּלייקענען?

וואָס טוט מען, רבותי, ביי אַזאַ מחלוקת, ביי אַזאַ שטרייט?

אָט למשל איז מיר לעצטנס אויסגעקומען זיך צו צוהערן צו אַ דיסקורסיע וואָס צוויי יידן האָבן געפירט וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. קאָנקרעט האָט עס זיך געהאַנדלט אין דעם, צי אין דער צוקונפטיקער מענטשהייט וועט זיין אַן אָרט פאַר באַזונדערע פעלקערשאַפטן, אָדער נישט. בין איך געזעסן, געשוויגן און געהערט זייערע אַרגומענטן און זיך נישט אַריינגעמישט אינעם שמועס. אַז כ׳בין אַוועקגעגאַנגען פון די דאָזיקע צוויי דיסקוטירנדיקע יידן, האָב איך זיך, אין זיך, אומגעקערט צו זייערע רייד און געפרעגט: ווער פון זיי איז פאָרט גערעכט. ווי וועט טאַקע אויסזען דאָס פנים פון דער צוקונפטיקער מענטשהייט? וועלן

טאַקע לעולם ועד פאַרבלייבן פעלקער אויף דער וועלט, אָדער וועט קומען אַזאַ צייט, ווען אַלע פעלקער וועלן פאַרשווינדן און ס'וועט ווערן איין גרויס וועלט־פאָלק וואָס הייסט: מענטשהייט?

אמת, איך האָב טראַכטנדיק וועגן דער דאָזיקער דיסקוסיע געוווּסט, אַז די דאָזיקע פראַגע איז נישט קיין נייע. מען האָט זי שוין הונדערטער מאָל געפרעגט און הונדערטער מאָל פאַרענטפערט. און לאָמיר שוין צו־געבן, אַז איך האָב אויך געוווּסט, אַז דאָס איז נישט קיין פּראָבלעם פון היינט אויף מאָרגן, נאָר אַן ענין פון לאַנגע, לאַנגע צייטן. מען קען זאָגן, אַז אין בעסטן פאַל איז דאָס פּראָבלעם פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער צו־קונפט וועלכע מיר זענען געוווינט אַנצורופן „באחרית הימים". אָבער פאַר דער דיסקוסיע גופא האָט דאָס קיין שום באַדייטונג נישט. וואָרעם דאָרט ווו ענינים ווערן באַהאַנדלט, אַזוי צו זאָגן, אין פּרינציפּ, שפּילט צייט קיין שום ראָל נישט. פּונקט אַזוי האָט אויך פאַר דער דיסקוסיע נישט קיין באַדייטונג דאָס וואָס זי איז אַלט, וואָרעם פּרינציפּיעלע פראַגן זענען נישט קיין דאַמען־הוטן וואָס רופן אַרויס אויפמערקזאַמקייט נאָר דעמאָלט ווען זיי אַנטשפּרעכן די לעצטע מאָדע. אין תוך גענומען זענען גאָרנישט פאַראַן קיין עיקר־פּראָבלעמען וואָס זאָלן זיין ניי. ווען מתושלח זאָל אויפשטיין פון קבר און הערן וועגן וואָס די פילאָזאָפן און דענקער אין דער היינטיקער וועלט אַמפּערן זיך, וואָלט ער אוודאי געמיינט אַז ער איז ערשט נעכטן געשטאָרבן. אפשר וואָלט ער נישט אַזוי גיך געכאַפּט דעם באַדייט פון די נייע טערמינען וואָס די פילאָזאָפן האָבן ליב צו באַ־נוצן און אפשר וואָלט אים אין דער ערשטער רגע אָנגעקומען אַ ביסל שווערלעך די אין קוצץ־עברי פון די היינטיקע דענקער. אָבער אַז ער וואָלט זיך צוגעוווינט צו דעם נייעם לשון, וואָלט ער גיך איינגעפינען, אַז דאָס איז די אַלטע יענטע אין אַ ניי געשלייער.

הכלל: איך האָב טראַכטנדיק וועגן דער דיסקוסיע צווישן די צוויי ייִדן זיך אַליין געפרעגט: ווער פון זיי איז טאַקע גערעכט? וואָס וועט טאַקע זיין מיט דער מענטשהייט אין די ימים הבאים? זועלן אין איר זיך ווייטער ווידמענען און פּרוכפּערן די פאַרשידענע פעלקערשאַפטן, אַזוי ווי ביז איצט, אָדער וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען אַ סוף צו

דער קללה פון בבל־טורעם און ס׳וועט זיין ווי אין דער תפילה שטייט: ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם?

יאָ, איך ווייס אַז דער דאָזיקער ייד וואָס האָט מיט אַזאַ היץ געוואָלט איבערצייגן זיין צד שכנגד. אַז אין דער צוקונפט וועלן קיין פעלקער נישט זיין, נאָר ס׳וועט זיין איין מענטשהייט. אָט דער דאָזיקער ייד רעדט נישט סתם אין דער וועלט אַריין. דאָס זעלביקע וואָס ער זאָגט האָבן שוין געזאָגט טויזנטער פאַר אים און אַז מען וועט דאַרפן וועט מען געפינען די דאָזיקע אויך ביי אונדזערע נביאים. מען זאָל גיין אויסרעכענען ווער פון די גדולים עס האָט אַלץ געגלייבט אין דער דאָזיקער אילוזיע, וואָלט געווען אַ מעשׂה אָן אַ סוף. אָבער וואָס איז דאָס אַלץ משמע? וואָס איז פון דעם אַלעמען געדרונגען? באשר גדולים האָבן געזאָגט, געוואָלט און געגלייבט איז דאָס דען טאָקע אַ ראיה, אַז ס׳וועט אַזוי זיין?

אוודאי, די נביאים האָבן געגלייבט, אַז אַלע מענטשן וועלן אַמאָל זיין איין מענטשן־פאָלק. אויף וואָס האָבן זיי געשטיצט זייער גלויבן? אויף דעם, אַז ס׳וועט ענדלעך קומען דער טאָג ווען אַלע מענטשן וועלן דערקענען דעם איינאיינציקן גאָט און זיך באַקערן צו דער איינאיינציקער אמונה און ווי באַלד איין גאָט און איין גלויבן וועלן שוין נישט זיין קיין באַזונדערע פעלקער, נאָר איין וועלט־פאָלק. איז דאָס אוודאי זייער שיין און זייער פיין. ס׳קלינגט זייער פּאַטעטיש. זייער דערהויבן און ס׳איז גוט וועגן דעם צו דעקלאַמירן אין אַ רעדע, אָדער אין אַ מאמר לכבוד יום טוב. אָבער ערשטנס, ווו איז די זיכערקייט, אַז דער דאָזיקער גלויבן, אַז דער דאָזיקער זייער שיינער ווילן וועט טאָקע מקוים ווערן? טאָמער פאַרקערט? טאָמער וועלן די מענטשן קיינמאָל נישט קומען צו איין איינציקער אמונה און צו איין איינציקער דעה, אָדער אידעאַל, דווקא דערפאַר ווייל ס׳זענען פאַראַן פאַרשידענע פעלקער און עס וועלן זיין פאַרשידענע פעלקער און יעדעס פאָלק וועט זיך מאַכן איר אמונה, איר גלויבן, איר אידעאַל? טאָמער איז אַ סברא, אַז דווקא די מענטשלעכע נאַטור זיך אייביק צו צעפאַלן אין פעלקערשאַפטן וועט תמיד ברענגען דערצו, אַז ס׳זאָלן זיין פאַרשידענע געטער, פאַרשידענע אמונות פאַרשידענע אידעאַלן? דאָס מיינט צו זאָגן: נישט דער אחד־

געדאַנק וועט באַהערשן די צעשפּליטערטקייט. נאָר די צעשפּליטערט־קייט וועט ווייטער נישט דערלאָזן מקוים ווערן דעם אויסגעבענקטן און אויסגעטרוימטן אחד.

און חוץ דער: צי איז טאַקע איין אמונה, איין דעה און איין אידעאַל די גאַראַנטיע, אַז פעלקער וועלן פאַרשווינדן? נו, און וואָס איז מיט דער קריסטלעכער רעליגיע? האָט זי געבראַכט צו דעם, אַז פעלקער זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין פאָלק? ווייס איך, אַז מען קען מיר דערויף ענטפערן, אַז דאָס איז טאַקע די אַכילעס־פּיאַטע פון דער נוצרי־אמונה. צוליב דעם הייסט עס, איז זי נישט קיין ריכטיקע אמונה. אָבער אפשר איז דאָ נייטיק צו דרשענען דעם פּסוק אַנדערש? אפשר קאָן מען דאָ זאָגן, אַז ווייל די דאָזיקע אמונה האָט געשטעלט אויף דער באַהעפטונג פון אַלע פעלקער אין איין מענטשן פאָלק און ווייל דאָס איז צוליב דער מענטשלעכער טבע נישט מעגלעך, איז די דאָזיקע רעליגיע דערשינען ווי אַן אַנזעצער, ווי אַ דורש וואָס קען נישט מקיים זיין?

איך וויל דאָ נישט ברענגען קיין ביישפּיל פון מאָדערנעם קאָמו־ניזם וואָס האָט אויך צוגעזאָגט צו פאַרברידערן אַלע פעלקער און זיי צונויפצושמעלצן אין איין אחד, ווייל מען קען מיר זאָגן אַז אין מביאין ראיה מן הרשעים (עס שטייט „מן השוטים" אָבער מיר מאַכן דאָ אַ קליינע פּאַראַפראַזע). און אויסער דעם איז די קאָמוניסטישע קירכע נישט אַלט מער ווי 50 יאָר, פונדעסטוועגן קען מען דאָך אפילו פון דער פּופּציק־יעריקייט פון קאָמוניזם עפּעס אָראָפּלערנען. עפּעס קען אונדז באַווייזן דער פאַקט וואָס פון איין זייט האָט דער היינטיקער קאָמוניזם מורא צו רעדן וועגן דער פאַרשווינדונג פון פעלקער אפילו ביי זיך אין רוסלאַנד און פון דער צווייטער זייט מוז ער אָנווענדן אַלע רשעותדיקע מעטאָדן כדי ווי ס'איז נישט פאַרט אַ ביסל צונויפברענגען נעענטער די פעל־קער אין איין נחלה. לאָמיר אפשר מאַכן אַן אַנדערן אויספיר: לאָמיר אַ קלער טאָן, צי זענען די רשעותן פון קאָמוניזם אויפן געביט פון דער פעלקער־צונויפשמעלצונג, וואָס ער באַגערט אַזוי שטאַרק צוליב זיינע אייגענע מאַכט אינטערעסן, נישט אַמאָל אַ פּראָדוקט דערפון וואָס ער וויל טאָן אַ זאַך וואָס איז קעגן דער טבע פון בן אדם און ער מוז עס

דערצו טאָן אין געהיים, נישט אויסזאָגנדיק, אַז ער איז דאָס אויסן צו טאָן?

ווייס איך, אַז מיט דעם זענען נאָך נישט אויסגעשעפּט אַלע אַרגו־מענטן פון דעם צד וואָס האַלט אַז עס וועט יאָ קומען צו אַ פעלקער־לאָזער מענטשהייט אין דער צוקונפט. פאַראַן אַן אַרגומענט וואָס טע־נהט: אמונה, אידעאַל, ווילן — דאָס אַלץ איז ווייס איך וואָס? דאָס זענען אַלץ קינדערישע זאַכן. ס'זענען מעשות צו פאַרוויגן פאַנטאַזיאָ־רישע קעפּ, אַז עס זאָלן זיך זיי חלומען זיסע חלומות. בעת מען רעדט וועגן דער פאַרשווינדונג פון פעלקער אין דער צוקונפט דאַרף מען זיך אָבער שטיצן אויף מער רעאַלע, מער ממשותדיקע פאַקטאָרן. היינו? די ציוויליזאַציע, די טעכניק, דער וויסנשאַפטלעכער פּראָגרעס וואָס איז דאָס משמע? גאָר פשוט: אַמאָליקע צייטן זענען מעגלעך געווען באַזונדערע פעלקער מחמת דער געאָגראַפישער שטח האָט צעטיילט די מענטשן אין באַזונדערע שבטים. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ציווי־ליזאַציע זענען פון די שבטים געוואָרן באַזונדערע פעלקער. וואָס מער די ציוויליזאַציע גייט פאָרויס, וואָס מער די טעכניק פּראָגרעסירט אַלץ מער דערנענטערט זיך פאָלק צו פאָלק און וואָס דער עיקר איז — אַלץ מער נעמען אַלע פעלקער לעבן מיט איין און דעם זעלביקן לעבנס־שטייגער, קריגן איין און די זעלביקע געוווינהייטן און הייבן אָן טראַכטן די זעלביקע געדאַנקען. אַזוי אַרום וועט נישט די אמונה, נישט דער שיינער אידעאַל, נאָר די טעכניק, דער דזשעט און דער ראַקעט דער־נענטערן די פעלקער פון דער וועלט און זיי ברענגען דערצו, אַז זיי זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין גרויסוועלטיש מענטשהייט־פאָלק.

עס איז נישט צו לייקענען, אַז די דאָזיקע רייד האָבן אַ געוויסן ממשות. פאַקטיש האָט די וויסנשאַפט און די טעכניק באַוויזן אָפּצו־ווישן אַ סך עיקרדיקע באַזונדערקייטן פון די פעלקער. היינט טראָגט מען ביי די ברעגן פון לאַ פּלאַטאַ די זעלביקע מלבושים ווי ביי די ברעגן פון האָדסאָן. די איינוווינער ביי דער סען זינגען די לידער פון די איינוווינער ביים שוואַרצן ים. אין אויסטראַליע טאַנצט מען די זעל־ביקע טענץ וואָס אין אַפריקע, דער ראַדיאָ בינדט צענויף קאָנטינענטן און דער אַוויאָן ווישט אָפּ דעם מרחק פון אָקעאַנען. מענטשן נוצן היינט

אומעטום די זעלביקע פּרירקאַסטנס: פרויען שערן זיך אין אַלע עקן וועלט לויט דער זעלביקער מאָדע; אַפילו קינדער פאַרזויגט היינט אַ לאָנדאָנער מאַמע מיט די סעזאָן־לידער וואָס מען זינגט אין מעקסיקאָ.

וואָס איז דער עיקר סימן פון פאָלקישקייט, פון פאָלקישער באַזונדער־קייט? דער פאָלקלאָר. נו, האַלטן מיר טאַקע היינט דערביי, אַז קיין נייער פאָלקלאָר ווערט כמעט אין ערגעץ נישט געשאַפן. די ציוויליזירטע לענדער האָבן זיך איצט צוגעכאַפּט צו דעם פאָלקלאָר פון די פּרימיטיווע פעלקער, אָבער אַז די פּרימיטיווע פעלקער וועלן זיך אַנטוויקלען, וועלן זיי אויך אויפהערן צו שאַפן פאָלקלאָר. באַלד וועט מען אין גאַנצן הערן אין ראַדיאָ די מעלאָדיע פון די פּאַריזער מוזיק־בעל מלאכות און באַלד וועט מען אין תימן זען די זעלביקע פילם געשיכטעס וואָס אין פּאַראַגוויי. ווי קען דאָ זיין אַ רייד וועגן אַ נייעם פאָלקלאָר? ס׳קען נאָך מעגלעך זיין אַ געוויסע סטיליזאַציע פון שוין פאַראַנענעם אַלטן פאָלקלאָר, וואָס וועט דאַן אָפּטיילן איין פאָלק פון אַנדערן? דער שטייגער־לעבן וועט זיין דער זעלביקער. דער געשמאַק דער זעלביקער, די פאַרלאַנגען די זעלביקע. פאַרוואָס זאָל טאַקע מיט דער צייט נישט קומען דערצו, אַז די מענטשן פון די זעלביקע שטייגערס, געשמאַקן און געוווינהייטן זאָלן זיך אויף אַזויפיל דערנענטערן ביז צו ווערן איין פאָלק?

איז אָבער די מעשה וואָס די דאָזיקע דערנענטערונג דורך דער טעכניק איז לגמרי קיין שום באַווייז נישט. פאַקטיש געפינען זיך אין מערב אייראָפּע אַ ריי שכנותדיקע פעלקער וואָס אין טעכנישער הינזיכט זענען זיי שוין לאַנג היינו הך און פונדעסטוועגן האָט די אויסערלעכע טעכנישע ניוועלירונג נישט געבראַכט זיי אויף קיין איין שריט צו צוזאַמענגיסונג. נאָך מער: אַפילו אין איין און דעם זעלביקן לאַנד זענען מיר אָפּט גרופּעס וואָס זענען שוין הונדערטער יאָרן אין פּאָליטישן מלוכהשן שותפות, אָבער אין עטנישן זין זענען זיי נאָך אַלץ געבליבן ביי זייער אָפּגעזונדערטקייט. דאָס קענט איר זען אין איטאַליע, אין פראַנקרייך, אין דער שווייץ, אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד וכדומה. דאָס גאַנצע לאַנד האָט איין טעכניק. אַפילו איין קולטור, וואָס איז שוין אַ סך מער ווי טעכניק און פונדעסטוועגן איז אַ דרומדיקער פראַנצויז, אַ צפונדיקער איטאַליענער, אַ טעקסאַסער אַמעריקאַנער גאַנץ ווייט אין זיין כאַראַקטער, אין

זיין מענטאַליטעט, און זיין טעמפּעראַמענט. ווי דער פון אַנדערע געגנטן אין דעם זעלביקן לאַנד. דאָס הייסט אַז די אַלע פאַקטאָרן וואָס מיר האָבן פריער אויסגערעכנט האָבן נישט אָפּגעווישט די מחיצות צווישן עטנישע גרופּן און ס׳איז אוודאי נישטאָ, קיין שום זיכערקייט, אַז זיי וועלן אָפּ־ווישן די מחיצות צווישן פאָלק און פאָלק.

זאָג איך נישט, אַז די דאָזיקע אַרגומענטן וואָס איך האָב דאָ אַרויס־געבראַכט האָבן שוין אויסגעשעפּט די גאַנצע דיסקוסיע און אויף זייער סמך קען מען שוין פעסטשטעלן עפּעס באַשטימטס. איך זאָג נאָר אַז די גאַנצע דיסקוסיע איז אַ מחלוקה וועגן אַן אילוזיע, וועגן אַ האָפענונג, אָדער אַן איינרעדעניש וואָס מיר קענען וועגן איר נישט זאָגן יאָ און מיר קענען וועגן איר נישט זאָגן ניין. איך פּערזענלעך בין געניגט מסכים צו זיין מיט דעם צד וואָס האַלט, אַז כל זמן די וועלט וועט זיין אַ וועלט וועלן פעלקער זיין פעלקער. אָבער כאָטש כ׳האַלט אַזוי בין איך דאָך נישט זיכער צי דאָס איז נישט קיין אילוזיע פּונקט ווי דער שכנגד איז נישט זיכער צי זיין שטאַנדפּונקט איז נישט קיין אילוזיע.

אַזוי אַרום קום איך צוריק צום אָנהייב. ווען ס׳מאַכט זיך אַ סיטואַציע פון שניים אוחזין בטלית, ווייסט מען נאָך ווי אַזוי צו פּסקענען און אין ערגסטן פאַל מאַכט מען צווישן זיי אַ פּשרה. וואָס טוט מען אָבער ווען שניים אוחזין באילוזיע? ווי אַזוי פּסקנט מען דעמאָלט? וואָס פאַר אַ פּשרה איז דאָ מעגלעך?

1972

דאָס פֿאַנטאַזירן אויף פֿאָרויס און אויף צוריק...

אין דער לערע וועגן דעם מענטשנס פּסיכיק זאָגט זיך, אַז זכרון איז אַ באַגריף, וואָס ווערט אָנגעווענדט נאָר צו אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט. דאַקעגן פֿאַנטאַזיע האָט צו טאָן בעיקר מיט אונדזער צוקונפֿט. וואָס הייסט עס? — עס הייסט, אַז אַ מענטש קען זיך נישט דערמאָנען עפּעס אַזוינס וואָס ער אַליין האָט נישט געזען, געהערט, געליטן אָדער איבערגעלעבט אין זיין עבר. ער קען אָבער יאָ פֿאַנטאַזירן און זיך אויס־מאָלן בילדער און געשעענישן, סיי פֿון זיין אייגענעם, סיי פֿון אַ פֿרעמדן עתיד (ער קען פֿאַנטאַזירן וועגן דעם, וואָס ס׳וועט געשען מיט אים אַליין און אויך מיט זיין חבר, צי בכלל פֿרעמדן מענטש אָדער פֿרעמדע מענטשן). זכרון איז דעריבער דאָס, וואָס לאָזט נישט פֿאַרשווינדן דאָס געוועזענע, פֿאַנטאַזיע אָבער ברענגט אונדז די פֿאָרשטעלונג וועגן דאָס קומענדיקע, אָדער דאָס וואָס מיר ווילן צי מיר האָבן מורא, אַז ס׳זאָל קומען.

וואָס נוגע דעם אַז זכרון איז פֿאַרבונדן נאָר מיט דעם נעכטן און נאָר מיט דעם שוין־פֿאַרשווונדענעם, — זענען קיין צווײ מיינונגען נישטאָ. מיר וואָלטן געהאַלטן פֿאַר אַ חסר דעחדיקן פּלוידערער אַזאַ איינעם וואָס וואָלט אונדז געפּרוווט זאָגן, אַז ער געדענקט דאָס וואָס עס וועט זיין מאָרגן, וואָרעם דאָס, וואָס איז נישט געווען — ווי אַזוי קען מען עס גע־דענקען? וואָס שייך אָבער פֿאַנטאַזיע, איז שוין נישט אַזוי זיכער, אַז זי האָט צו טאָן נאָר מיט דער צוקונפֿט און נאָר מיט דעם וואָס דאַרף ערשט געשען. וואָרעם עס קען גאַנץ גוט געמאָלט זיין אַז אַ מענטש זאָל זיך אויספֿאַנטאַזירן אַ פֿאַרגאַנגענהייט און דאָס הייסט אַז ער זאָל מיט דער הילף פֿון זיין פֿאָרשטעלונג־קראַפֿט זיך אויסמאָלן זאַכן נישט אַזוי ווי זיי זענען געשען, נאָר אַזוי ווי ער וואָלט וועלן אַז זיי זאָלן האָבן געשען.

געווײנלעך זאָגן מיר אויף אַזאַ איינעם, וואָס דערציילט וועגן זאַכן לויט זיין פאַרשטעלונג אַז ער איז אַ ליגנער. די דאָזיקע באַצייכענונג איז אָבער נישט תמיד אַדעקוואַט. אַ ליגנער איז דער וואָס ווייסט איינס און זאָגט מיט געוויסן כיוון — צוויי. פאַראַן אָבער מענטשן וואָס זאָגן און דערציילן נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע מעשות נישט ווייל זיי ווילן אייך אָפּנאַרן, נאָר ווייל זייער פאַנטאַזיע נאַרט זיי אַליין אָפּ. דאָס פאָלק זאָגט טאַקע אויף אַזעלכע געשיכטעס אַז זיי זענען פאַנטאַזיעס און דאָס הייסט, אַז דאָס פאָלק גופא אַנערקענט אַז מען קען אויך פאַנטאַזירן נישט וועגן דעם וואָס עס דאַרף זיין, נאָר וועגן דעם וואָס עס האָט געדאַרפט זיין.

כדאי דערביי צו געדענקען אַז דער ווילן איז דער הויפט־מאָטאָר וואָס באַוועגט די רעדער פון אונדזער פאַנטאַזיע. (אויך די מורא — דער אומווילן — קענען אַרויסרופן אין דער פאָרשטעלונג פאַנטאַסטישע בילדער. דאָס איז אָבער אַ זאַך פאַר זיך און וועגן די דאָזיקע שוואַרצע פאַנטאַזיעס אָדער ביטערע נביאותן ריידן מיר נישט). בדרך כלל געשעט עס אַזוי: איך וואָלט וועלן עפּעס אַ פאַרבעסערונג אין זיין לעבן, טרוים איך מיר אויס אַ קאָמבינאַציע פון געשעענישן וואָס וועלן כלומרשט פאַר־קומען אַזוי ווי איך מאָל זיי מיר אויס. עס קען אָבער אויך געשען אַז מחמת דעם זעלביקן ווילן צו אַ פאַרבעסערונג אין מיין לעבן. מאָל איך מיר אויס אַ גאַנצע ריי געשעענישן, נישט אַזוי ווי זיי זענען פאַרגעקו־מען, נאָר אַזוי, ווי איך וואָלט וועלן אַז זיי זאָלן האָבן פאַרגעקומען. למשל: עס איז מיר אומעטיק — פאַנטאַזיר איך מיר אויס אַ רייזע אין די מרחקים, וואָס וועט, לאָמיר זאָגן, פאָרקומען איבעראַיאָר. פונקט אַזוי קען טרעפן, אַז מחמת עלנטקייט פאַנטאַזיר איך זיך אויס אַ קייט פון גע־שעענישן, וואָס זענען שוין געווען, אָבער אין מיין פאַנטאַזיע האָבן זיי אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערע ווענדונג. דהיינו: איך פאַנטאַזיר מיר אויס, אַז איך בין נאָך גאָרנישט אַרויסגעפאָרן פון מיין שטעטל און איך געפין זיך נאָך כסדר אין דעם היימישן קרייז פון מיין משפחה, פון מיין טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. בײדע פאַנטאַזיעס — סיי וועגן דער צו־קונפטיקער נסיעה, סיי וועגן דעם אַז איך האָב אין מיין פאַרגאַנגענהייט נאָך קיין שום נסיעה נישט געמאַכט — זענען אַ פּראָדוקט פון מיין ווילן

און ביידע באַפרידיקן זיי דעם דראַנג, כאָטש אילוזאָריש, צום ענדערן מיין לעבן מיט וועלכן איך בין פאַקטיש נישט צופרידן.

זעען מיר דעריבער אַז פאַנטאַזירן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט קען מען יאָ. נאָך מער: אַפילו אין אונדזער זכרון וועגן דער פאַרגאַנגענהייט קען זיך אַריינמישן די פאַנטאַזיע און דאָרט צעדרייען די יוצרות. אַ סך, אַ סך זכרונות פון מענטשן זענען נישט פריי פון די דאָזיקע פאַנטאַזיע־דעפאָרמאַציעס און זיי האָבן זיך אַזוי אַריינגעקריצט אינעם געדעכעניש, אַז אַזעלכע מענטשן וואָלטן זיך אָפט מאָל געלאָזט קוילען ווען מען זאָגט זיי אַז דאָס וואָס זיי געדענקען איז נישט געשען אַזוי ווי זיי געדענקען, ווייל זייער זכרון איז צעפלאָנטערט געוואָרן דורך דעם אַנוווקס פון זייער פאַנטאַזיע.

לאָמיר וועגן דעם נישט מאַריך זיין. די פאַקטן, וואָס מיר קענען פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן אונדז שוין אויסגעלערנט אַז אויב מענטשן דערציילן אַז צו זייער זיידן האָט געהערט אַ האַלבע שטאָט אין אַ געוויסער געגנט פון פוילן בעת אין דער אמתן איז זייער זיידע געווען אַ ייד, וואָס האָט זיך שווער געמוטשעט מיט דער פרנסה, איז עס נישט קיין ליגן און אויך נישט קיין שלעכט געדעכעניש. עס איז זכרון צוגע־פאַרבט פון פאַנטאַזיע. די פאַנטאַזיע האָט דאָ געאַרבעט אויף צוריקוועגס און זי האָט פון אַ ייד אַ ניצרך געמאַכט אַן עושר. פונקט אַזוי קען די זעלביקע פאַנטאַסטישקייט איבערדרייען אַ גאַנצע קייט פון געשעענישן און זי קען ברענגען דערצו אַז אין מענטשנס זכרון זאָל בלייבן אַ מעשה נישט אַזוי ווי זי איז געווען, נאָר אַזוי ווי זיי האָבן זי אויספאַנטאַזירט.

דאָס דאָזיקע איז אָבער נישט שייך בלויז צו איינציקע מענטשן, נאָר אויך צו גרופּעס, קאָלעקטיוון און גאַנצע פעלקער. אויך פעלקער זענען נישט פריי אין זייער זכרון פון געוויסע פאַנטאַסטישע צומישן וואָס בייטן דעם פאַקטישן פאַרלויף פון זייער געשיכטע. אין געוויסע צייטן פון זייער לעבן פאַנטאַזירן פעלקער וועגן זייער צוקונפט. אָבער נישט ווייניקער פאַנטאַזירן זיי אויך אויף דער טעמע פון זייער פאַרגאַנגענהייט. מיר ווייסן טאָקע פון דער געשיכטע ווי אַזוי מפּלות האָבן זיך ביי געוויסע פעלקער פאַרוואַנדלט (אינעם היסטאָרישן זכרון) אין נצחונות, און ס'איז דערביי נישט שייך צו זאָגן, אַז די דאָזיקע פעלקער זאָגן באַוווסטזיניק

ליגן. זיי זאָגן טאַקע נישט דעם אמת, אָבער אין זייער פאָרשטעלונג זענען די זאַכן געשען אַזוי ווי זיי האָבן זיי אויסגעפאַנטאַזירט און דער זכרון האָט דאָס מאָל אויפגעלאָדן אויף זיינע פליגל, נישט די פאַקטן נאָר די פאַנטאַזיעס וועגן זיי.

דאָס פאַנטאַזירן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, אָדער, ווי מען רופט עס אָן: „דאָס פאַנטאַזירן אויף צוריק", איז פאַר איינצלנע מענטשן, ווי פאַר פעלקער־קאָלעקטיוון, פונקט אַזוי אָרגאַניש און נייטיק, ווי דאָס פאַנטאַזירן וועגן דער צוקונפט, אָדער: „דאָס פאַנטאַזירן אויף פאָרויס" אַ מענטש אָדער אַ פאָלק וואָלט נישט געקענט לעבן, דערהויפּט אין אַ קעגנוואַרטיקן נישט צופרידנשטעלנדיקן מצב. ווען עס זאָל נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו טראַכטן מיט בילדער וועגן דעם בעסערן און שענערן מאָרגן. אָבער פונקט אַזוי איז פאַר אַ מענטשן, אָדער פאַר אַ פאָלק שווער צו לעבן, אַפילו מיט אַ צופרידנשטעלנדיקער קעגנוואַרט, ווען דער זכרון זאָל עס באַלאַסטן מיט שלעכטע און מיאוסע זכרונות־פאַקטן פונעם נעכטן. אַ מענטש, וואָס האָט געטאָן להכעיס זיינע עלטערן און זיי פאַרשאַפט גרויסע ליידנדיקע איבערלעבענישן, מוז אָפּט אַנטלאַסטן זיין געוויסן דורך דעם וואָס ער פאַנטאַזירט וועגן פאַרשידענע הנאות וואָס ער האָט זיי אָנגעטאָן דעמאָלט ווען זיי האָבן נאָך געלעבט. מיר אַלע האָבן, — ווער מער און ווער ווייניקער — פאַרשאַפט צרות אונדזערע פרומע עלטערן, ווען מיר זענען אַוועק אויף יענע וועגן. דער זכרון וויל אָבער נישט טראָגן דעם באַוווסטזיין פון דער דאָזיקער שולדיקייט און אים צו הילף קומט די פאַנטאַזיע, וועלכע קאָרעגירט, אילוזיאָנער, אונדזער געדעכעניש מיט קיין מאָל נישט פאָרגעקומענע פאַקטן, וואָס דאַרפן אויסדריקן אונדזער געטריישאַפט צו זיי און דעם נחת רוח, וואָס מיר האָבן זיי כלומרשט פאַרשאַפט. פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלץ קומט פאָר נישט אַזוי פשוט, ווייל דאָס געוועבר פון פאַנטאַזיע אוןווירקלעכקייט ווערט נישט געבייט מיט קיין צו גראָבע און צו־ווייסע שטעך. אָבער, אַז עפּעס — אין אונדזער זכרון — ווערט צונויפגעבייט דורך אונדזער ווילן צו קאָרעגירן די ווירקלעכקייט מיט דער הילף פון דער פאַנטאַזיע — וועגן דעם איז קיין ספק נישט און וואָס מער מיר וועלן אַריינקוקן אין זיך, אָדער, ווי אַנדערע זאָגן: זיך אַליין פסיכאָאַנאַליזירן, — אַלץ מער וועלן מיר

זען ווי אמת דאָס איז און וויפל שייכות דאָס האָט צו אונדזער אייגן לעבן, צו אונדזער אייגענעם „איך".

דאָס וואָס געשעט מיט אַ יחיד, געשעט, ווי געזאָגט, אויך מיט אַ פאָלק און אפשר נאָך אין אַ פיל גרעסערער מאָס, ווי מיט אַ יחיד. יחידים געדענקען פאָרט די זאַכן אַזוי ווי זיי זענען געשען און עס מוז שוין זייער לאַנג דויערן ביז זייער אומווילן צום געשעענעם שטויסט אַדויס פונעם זכרון דאָס אומאַנגענעמענע און ברענגט אַריין דאָס אַנגענעמענע. פעל־קער נעמען זיך אויף דעם געביט אַ גרעסערן רשות, אַ היתר, אַזוי צו זאָגן, און זיי צערעמאָניען זיך נישט צו פיל, ווען זיי דאַרפן מיט דער פאַנטאַזיע קאָרעגירן די ווירקלעכקייט פאַרן שפעטערדיקן זכרון. נאָך אַלעמען ווערט עס דאָך געטאָן לטובת הכלל, לטובת דעם גאַנצן פאָלק און זיין געשיכטע. וואָס זשע איז זיך דאָ צו קרעמפּירן? וואָס זשע דאַרף מען דאָ אַזוי מורא האָבן פוגע בכבוד צו זיין דעם געשיכטלעכן אמת?

מאַכן טאַקע פעלקער אַ סך גיכער דורך אָט די אָפּעראַציעס איבער זייער זכרון, ווי יחידים און זיי פאַרשענערן די פאַקטן פון זייער פאַר־גאַנגענהייט אויך אַ סך גיכער ווי איינצלנע מענטשן. די סקרופּולן זענען דאָ קלענערע, ווייל עס ווערט דאָך, ווי דערמאָנט, געטאָן אין נאָמען פון די כלל־אינטערעסן און אויב אַ יחיד שעמט זיך אויסצופאַנטאַזירן אויף אַ קול אַ שיינע פאַרגאַנגענהייט, שעמען פעלקער זיך גראָד נישט דאָס צו טאָן. ווען איינצלנער מענטש מאַכט זיך שיין און פיין איז דאָס אייטל־קייט. ווען אָבער אַ פאָלק מאַכט זיך שיין און פיין איז עס נאַציאָנאַלער שטאָלץ, פאָלקס־באַוווסטזיין וכדומה.

דער חילוק צווישן אַן איינצלנעם מענטש און אַ גאַנץ פאָלק איז אָבער דאָס, וואָס ביי אַן איינצלנעם מענטש קענען נאָר געציילטע וויסן וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט און די מערהייט קען נישט האָבן קיין אַנונג אויף וויפל זיין זכרון וועגן זיך איז צוגעפּאַרבט געוואָרן דורך דער פאַנטאַזיע. ביי אַ פאָלק אָבער איז דאָס שוין ווייט נישט אַזוי. פעלקער האָבן שכנים, גאַנץ אָפּט אויך — שונאים און די דאָזיקע שונאים געדענקען גראָד גאַנץ גוט, וואָס מיט דעם פאָלק איז דעמאָלט און דעמאָלט פאָרגעקומען. זיי, די דאָזיקע שכנים אָדער שונאים, האָבן אויך זייער געשיכטע און זייערע געשיכטע ־ שרייבערס. די פאַנטאַסטישע אויסבעסערונגען פון, לאָמיר

זאגן, די דייטשן, קענען זיין אַ קאַנטראַסט צו דעם זכרון פון די פראַנ־צויזן, אָדער פאַרקערט. וואָס נוגע פעלקער, עקזיסטירט אויך עפּעס אַ־זוינס, וואָס ווערט אָנגערופן „אַלגעמיינע געשיכטע" און אין דער דאָזי־קער אַלגעמיינער געשיכטע ווערן פאַרפיקסירט פאַקטן און עס אַרבעט זיך אויס אַ זכרון, וואָס נישט יעדער קען שוין איבער אים הערשן און נישט יעדער קען אים איבערפאַרבן לויט זיין עסטעטישן איינזען, אָדער פאַטריאָטישן ווילן.

און דאָך, כאָטש ס'איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען געשיכטלעכער זכרון וועגן די פעלקער אויף דער ערד, קומט דאָך ביי יעדן פאָלק פאָר אַ כסדרדיקער פּראָצעס פון איבערפאַנטאַזירן די אייגענע פאַרגאַנגענהייט און קענען פעלקער שוין נישט אַרויסנעמען פונעם מענטשלעכן היסטאָרישן זכרון געוויסע אַלגעמיין־באַקאַנטע פאַקטן, פאַנטאַזירן זיי כאָטש איבער זייערע סיבות און זייערע פאָלגן. מיט איין וואָרט: יעדעס פאָלק טוט אַלץ דאָס מעגלעכע אויסצוזען שע־נער און אויב דאָס געלינגט נישט מיט דער הילף פון פאַקט, טוט מען עס מיט דער הילף פון דער פאַנטאַזיע. אויב עס געלינגט נישט צו ענדערן קיין געשעענישן, ענדערט מען כאָטש זייער באַלייכטונג, זייער אינהאַלט אאַז״וו א״וו.

דאָס פאַנטאַזירן אויף צוריק, איז — ווי מיר זעען — אַ זאַך, וואָס ווערט פּראַקטיצירט, סיי דורך יחידים, סיי דורך קאָלעקטיוון. עס ווערט פּראַקטיצירט שוין טויזנטער יאָרן און... גאָרנישט: די וועלט איז אַ וועלט און מענטשן זענען מענטשן. דאָס לעבן איז אַ לעבן און פעלקער זענען פעלקער... זעלטן, ווען עמעצער זאָל זיך צערייסן דעם ספּאָדיק צוליב דעם, וואָס מען העלפט זיך אַרויס אין לעבן מיט דער הילף פון דער פאַנ־טאַזיע.

אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אַנטקעגן דעם, וואָס נאָר ביי אונדז, יידן, קענט איר פון דעסטוועגן יאָ געפינען מענטשן, וואָס שרייען, אַז מען קוילעט זיי די קאַפּאָטע טאָמער וויל דאָס פאָלק אַ מאָל אַ פאַנטאַזיר טאָן אויף צוריק. ווו איז דער היסטאָרישער אמת? — שרייען זיי גע־וואַלד. און עס איז זיי ליבער, אַז אונדזער נאַציאָנאַלער זכרון זאָל טאַפּטשען אין דער בלאָטע, איידער ער זאָל אַ פלי טאָן אויף די פליגל פון דער פאַנ־

טאַזיע. פאַר וואָס גראָד ביי אונדז מוז אין דעם פּרט זיין אַנדערש ווי ביי אַלע — ווייסט איין גאָט. אַ פּנים דערפאַר ווייל מיר זענען אַ גע־שטראָפט פאָלק...

1972

יידיש ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר

עס איז אָנגעגומען צו טראַכטן, אַז ביז צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט אויף דער יידישער גאַס נישט עקזיסטירט קיין ריב הלשונות און אַז ביז דעמאָלט האָבן שרייבער ביי יידן זיך אויסגעלעבט שלום ושלווהדיק אין זייער צוויי־שפּראַכיקייט. ערשט די טשערנאָווי־צער קאָנפערענץ, זאָגט מען, האָט פּראָוואָצירט דעם שפּראַכן־קאַמף און האָט צעטיילט די מחנות אויף יידישיסטן און העברעיסטן. די דאָזיקע מיינונג איז אָבער דורכאויס פאַלש, ווייל פאַקטן ווייזן, אַז אַ שפּראַכן־קאַמף האָט זיך געפירט אויף דער יידישער גאַס זייט דעם אויפקום פון דער השכלה. אמת, דאָס איז געווען אַן איינזייטיקער קאַמף, אַ קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען בלויז קעגן זשאַרגאָן, ווי מען האָט דעמאָלט גע־רופן יידיש. יידיש, פון איר זייט, האָט דאָן נאָך קיין קאַמף נישט געפירט, פּשוט דערפאַר ווייל זי האָט נאָך נישט געהאַט קיין אויסגע־שפּראָכענע קעמפער און האָט בלויז פאַרמאָגט אומדרייסטע פאַרטיידי־קער, ווי מענדל סאַטאַנאָווער, אליעזר הכהן, צווייפל און אַנדערע. ערשט אין די לעצטע 10 ־ 15 יאָר פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפע־רענץ, האָט זיך אין דעם דאָזיקן קאַמף באַוויזן אָרגאַניזירטע און באַוווסטזיניקע צווייזייטיקייט. דאָס הייסט : מען האָט קעגן די אַקטיווע באַקעמפער פון זשאַרגאָן אַרויסגעשטעלט אַקטיווע פאַרטיידיקער פון יידיש, און ווי דער שטייגער איז פון אַ מלחמה, זענען טייל פאַרטיידי־קער פון יידיש געגאַנגען עטוואָס ווייטער פון פאַרטיידיקונג און האָבן אָנגעגריפן העברעיש ווי אַן ענטפער דערויף וואָס אין נאָמען פון העברעיש איז ביז איצט אַזוי שאַרף אָנגעגריפן געוואָרן יידיש.

אַ פאַקט איז אָבער, אַז די הערשנדיקע טענדענץ אין טשערנאָוויץ איז, ווי מיר ווייסן, נישט געווען די עקסטרעמיסטישע, וועלכע האָט

געוואָלט פּסלען העברעיש אַלס די נאַציאָנאַלע און אייביקע שפּראַך פון ייִדישן פאָלק, כדי צו קרוינען מיט אויסשליסלעכער נאַציאָנאַלקייט דאָס ייִדישע לשון. וואָרעם פּאַקטיש האָט אויף דער קאָנפערענץ געזיגט דער שטאַנדפּונקט, אַז ייִדיש איז בלויז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך און זי פּרעטענדירט נישט צו פאַרנעמען דאָס אָרט וואָס עס פאַרנעמט העב־רעיש. זי פּרעטענדירט בלויז די אָנערקענונג, אַז זי איז, אַלס שפּראַך, אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר, מיט אַלע קען־צייכנס און פאַרדינסטן וואָס אַזאַ פאַקטאָר פאַרמאָגט פאַר דעם נאַציאָנאַלן לעבן פון דער אומה.

ווי מיר זעען האָט טשערנאָוויץ בעיקר געקעמפט פאַר דער הנחה, אַז ייִדיש איז נישט בלויז קיין מיטל, כדי פּטור צו ווערן פון ייִדיש, אַזוי ווי עס האָבן געהאַלטן די משכילים, וועלכע האָבן געזען אין זשאַר־גאָן אַ כלי אויף צו הייבן דעם בילדונגס־ניוואָ פון די מאַסן, ביז צו דער מדרגה, ווען זיי זאָלן קענען אָוועקוואַרפן דאָס מאַמע־לשון און איבער־גיין צו די לאַנד־שפּראַכן און צו העברעיש. ניין, די דאָזיקע הנחה האָט אָנגענומען, אַז ייִדיש האָט גרעסערע זכותים און זי איז נישט בלויז קיין אינסטרומענט מיט אַ באַגרענעצטער פונקציע, נאָר זי איז אַ שפּראַך מיט דויערנדיקע קולטור־שעפערישע ווערטן וועלכע שפּילן אַ פּאָזי־טיווע ראָל אין דעם פאָלקישן לעבן, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, אַז ייִדיש איז אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר און דאָס הייסט, אַז אומאָפּהענגיק פון דעם וואָס אַזוינס מען רעדט און מען שרייבט אין ייִדיש, איז דאָס בלויזע רעדן און שרייבן ייִדיש אַ זאַך וואָס ווירקט אויף דער נאַציאָ־נאַלער דערהאַלטונג פון ייִדישן פאָלקס־קאָלעקטיוו.

פון דעמאָלט ביז היינט זענען נישט בלויז פיל וואַסערן פאַרפלאָסן, נאָר עס איז אויך פיל ייִדיש בלוט געוואָרן פאַרגאָסן. און דווקא היינט, נאָך דער פאַרגיסונג פון אַזוי פיל ייִדיש בלוט, וואָס האָט געבראַכט צו דער אָפּשוואַכונג פון ייִדיש, שטייען מיר פאַר אַ מאָדנער לאַגע און מיר מוזן אויף ס׳ניי רעדן וועגן ייִדיש ווי וועגן אַ נאַציאָנאַלן פאַקטאָר.

ייִדיש לשון האָט הינטער זיך אַ יחוס, וואָס ציט זיך שוין טויזנט יאָר און אַפילו ווען עמעצער וויל אָפּדינגען עטלעכע הונדערט יאָר פון דעם דאָזיקן שלשלת היוחסין איז אָבער אַלץ איינס זיכער, אַז אין משך פון די לעצטע דריי־פיר הונדערט יאָר איז ייִדיש, נעבן דער

רעליגיע, געווען דער בולטסטער קען־צייכן פון אונדזער פאָלקס־באַזונדערקייט. דריי סמנים זענען געווען, וואָס לויט זיי האָט מען געקענט דערקענען די יידיש־פאָלקישע אידענטיטעט. יידן אין מזרח און אין צענטראַל אייראָפּע האָבן זיך אונטערשיידט פון אַנדערע פעלקער מיט זייער רעליגיע, מיט זייער לעבנס־שטייגער און מיט זייער שפּראַך. געוויס זענען געווען נאָך אַנדערע רעכטלעכע און סאָציאַלע סמנים, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט דעם ייד פון דעם ניט־ייד, אָבער די אַנדערע סמנים זענען אונדז, יידן אַנגעוואָרפן געוואָרן דורך די גוים צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט, ווייל זיי האָבן אונדז געוואָלט דיסקרימינירן. בלויז מיט די דריי סמנים, רעליגיע, שטייגער און שפּראַך, האָבן מיר אַליין, אויף אַ פרייוויליקן אופן, זיך אויסגעטיילט פון דעם אַרום און מיר האָבן געהאַלטן פאַר אַ פּריווילעגיע וואָס מיר זענען נישט גלייך צום אַרום, נאָר אַנדערש פון אים. פרעג איך דעריבער: איז עס אַ צופעליקייט וואָס אין אָט דעם היסטאָרישן אַקט פון פּערמאַנענטן וואָלונטאַריזם, וועלכער איז זיכער אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם העכסטן גראַד פון נאַציאָנאַלער באַוווסטזיניקייט, האָט יידיש פאַרנומען אַזאַ בכבודיק אָרט? איז יידיש ווי דער דריטער סימן פון אונדזער פאָלקישער באַזונדערקייט, פון אונדזער פאָלקישער אַנדערשקייט, נישט קיין סימן, אַז זי איז, נעבן די צוויי ערשטע נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן, אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר?

ווען עמעצער וויל אָפּפרעגן די חשיבות פון יידיש קומט ער אָן צום אַרגומענט, אַז יידיש איז נישט געווען די קולטור־שפּראַך פון פאָלק, נאָר די שפּראַך פון המון. אַ סימן — אַלע וויכטיקע רעליגיעזע און קולטור־געשיכטלעכע ווערק האָט מען געשריבן אין לשון קודש און אין יידיש האָט מען בלויז געמאַכט איבערזעצונגען און קאָמפּילאַציעס פאַר עמי הארצים און ווייבער. דער דאָזיקער אַרגומענט איז אָבער נישט קיין ריכטיקער, ווייל דער אמת איז אַז די איבערזעצונגען און קאָמפּילאַציעס וואָס מען האָט געמאַכט אין יידיש, זענען נישט געווען קיין סתם איבערזעצונגען און נישט קיין סתם פּאָפּולאַריזאַציעס. דאָס זענען אין אַ געוויסן זין געווען באַאַרבעטונגען אין וועלכע עס האָט זיך געפילט דער ספּעציפישער גייסט, די ספּעציפישע אַטמאָספער, דאָס ספּע־

ציפישע געמיט פון דעם מענטש וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין יידיש. דער דאָזיקער פּראָצעס איז, אגב, ניכר אינעם בראשית פון אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן און פון אַלע אייראָפּעישע ליטעראַטורן. מען איבערזעצט טאַקע פון לאַטיין און גריכיש, אָבער אין דער איבערזעצונג ברענגט מען שוין אַריין דאָס נייע, דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דער פאָלקס־שפּראַך וואָס איז אין אָריגינאַל נישט פאַראַן. אויך די יידישע איבערזעצונגען פון לשון קודש זענען נישט קיין סתם וואולגאַריזאַציעס, נאָר זיי זענען באַאַרבעטונגען אויף דער קאַנווע פון דעם אָריגינאַל, באַאַרבעטונגען וועלכע זאָגן אָן די פאָרמאַציע פון אַן אייגענער יידישער קולטור וואָס קומט אויף ווי אַ נייער רינג אין דער קייט פון דער דורות אַלטער פאָלקס־קולטור.

אַן אַנאַלאָגיע צווישן צוויי טעקסטן, דעם אָריגינעלן און דעם איבערזעצטן אויף יידיש־טייטש, וועט גאַנץ אָפט באַווייזן, אַז אין דער איבערזעצונג זענען פאַראַן וואָלאָרן, וועלכע זענען אין אָריגינאַל נישט פאַראַן. די יידישע איבערזעצונג רעדט מיט דער בילדלעכקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט. אין דער יידישער איבערזעצונג איז שוין פאַראַן אַ געוויסער פאָלקלאָריסטישער עלעמענט וואָס איז נישט פאַראַן אין דעם אָריגינעלן ווערק. אין דעם איבערזעצטן ווערק מאַניפעסטירט זיך שוין דער ספּעציפישער הומאָר, וואָס ווערט שפּעטער די אייגנטימלעכקייט פון יידישן לשון. עס איז שוין פאַראַן דער גרויסער חילוק צווישן דעם טייטש פון „וידבר" און דעם אויסדרוק: „ער האָט געדבערט". מיט איין וואָרט: די איבערזעצונג אין יידיש דערציילט שוין נישט סתם אַזוי איבער דעם לשון קודשדיקן אינהאַלט פון ווערק, נאָר זי דערציילט שוין איבער דעם דאָזיקן אינהאַלט מיט אייגענע מיטלען וועלכע קענען מער ווירקן אויף דעם לייענער אין דער געגעבענער צייט ווי די רעטאָרישע מיטלען פון דעם אָריגינאַל. דאָס הייסט, אַז יידיש דערפילט שוין אַ געוויסע קולטור־פונקציע נעבן העברעיש און אַראַמיש און די דאָזיקע קולטור־פונקציע שטעלט מיט זיך שוין פאָר אַ דורכויס נאַציאָנאַליזירנדיקן פאַקטאָר.

מיר קענען גיין נאָך ווייטער און זאָגן, אַז אַ גענויער שטודיום פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן די לעצטע

דריי־פיר הונדערט יאָר אין פוילן און אין דייטשלאַנד, וועט אונדז באַוויזן אַ מערקווירדיקע דערשיינונג. ער וועט אונדז באַווייזן, אַז כאָטש די רעליגיעזע ווערק זענען געשריבן געוואָרן אין לשון קודש און אין אַראַמיש, זענען זיי אָבער אין געדאַנק, דורך די מחברים איבערגעזעצט געוואָרן פון יידיש. וואָרעם אַפילו אויב די מחברים האָבן נישט געשריבן קיין יידיש, האָבן זיי אָבער שוין גערעדט, און געטראַכט אויף יידיש און דערפאַר האָט טאַקע די שפּעטערדיקע השכלה־ליטעראַטור געהאַט טענות צו די רבנישע און חסידישע מחברים, באשר זיי זינדיקן קעגן טהרת הלשון און זשאַרגאַניזירן די העברעישע שפּראַך. אַ גאַנצע ריי לועזים און יידיש־טייטשן אין די רעליגיעזע ספרים און אין די שאלות ותשובות זאָגן, חוץ דעם, בולט עדות, אַז געדענקט אויף יידיש און גערעדט יידיש האָט נישט נאָר דער עם הארץ און די פּרוי, נאָר אויך דער למדן, דער כלי קודש און דער קולטור־שעפערישער עלעמענט. אוודאי איז אמת, אַז אַ קולטור־שפּראַך, בכתב, איז יידיש געוואָרן ערשט שפּעטער, אָבער אַ קולטור־שפּראַך, בעל פּה, איז יידיש שוין געוועזן זייט לאַנג און אין אַ געוויסן זין איז יידיש געוועזן די אויטענטישע דענק־שפּראַך פון דעם קולטור־מענטש, בעת זיין לשון קודשדיקע און אַראַמישע שרייב־שפּראַך איז שוין טיילווייז געוועזן אַן איבערגעזעצטע פון יידיש.

וואָס נעענטער מיר קומען צו אונדזער צייט, אַלץ בולטער ווערט די ראָל פון יידישן לשון אין דעם נאַציאָנאַלן אויפהאַלט פון פאָלק. יידיש מאַכט נישט מיט דעם דענאַציאָנאַליזאַציע־שטראָם פון דער השכלה און דער עמאַנציפּאַציע אין דייטשלאַנד, ווייל דער דאָזיקער שטראָם גייט אויך קעגן יידיש. יידיש מיידט אויך אויס צו ווערן דאָס אַסימילאַציע־געצייג פון די רעפאָרמער און זי בלייבט געטריי די נאַציאָנאַלע און טראַדיציאָנעלע לעבנס־פאָרמען פון פאָלק. אַפילו שפּעטער ווען די רוסישע משכילים נעמען זיך באַנוצן מיט יידיש, כדי צו פּרעדיקן זייערע אידעען, קענען זיי אָבער אין דער דאָזיקער שפּראַך בשום אופן נישט גיין אַזוי ווייט ווי זיי גייען אין דער העברעישער שפּראַך און אין דער רוסישער שפּראַך ביים אָפּזאָגן זיך פון די נאַציאָנאַלע פאָלקס־באַוועס, כדי צו דערגרייכן די עמאַנציפּאַציע.

ס׳איז אמת, אַז די דאָזיקע לאַגע װערט אַגדערש מיטן אויפקום פון סאָציאַליסטישן קאָסמאָפּאָליטיזם, אָבער אַפילו דעמאָלט אַנטשטייט גאָר גיך אַ ידיש־סאָציאַליסטישע באַװעגונג װאָס שטעלט זיך קעגן דװקא אין ידיש, דעם קאָסמאָפּאָליטישן שטראָם. װאָרעם װאָס איז דען דער „בונד״ אויב נישט קיין אויסדרוק פון װילן אויפצוהאַלטן אין סאָציאַ־ליזם די ידישע פאָלקס־באַװוּנדערקייט, די ידישע קולטור און די ידי־שע שפּראַך? לעניין, װאָס האָט אין זיין שינאה צום ידישן נאַציאָנאַליזם געשטעלט דעם „בונד״ אין איין ריי מיטן ציוניזם, איז אין דעם פּרט נישט געװען אומגערעכט. דער „בונד״ איז דורך ידיש װירקלעך געװען אַ גרויסער נאַציאָנאַלער טאַרמאָז קעגן דעם אַנפליץ פון דענאַציאָ־נאַליזירנדיקן, סאָציאַליסטישן קאָסמאָפּאָליטיזם. דער שנאת ציון פון „בונד״, פונקט װי דער שינאת ציון פון די אָרטאָדאָקסן, מינערט נישט זייער נאַציאָנאַלע ראָל אין ידישן לעבן און די דאָזיקע ראָל איז אויס־געפירט געװאָרן דורך ידיש.

אפילו װען עס קומט צו דער חיבת ציון־באַװעגונג פון װעלכער עס װאַקסט שפּעטער אַרויס דער פּאָליטישער ציוניזם, זעען מיר װי ידיש נעמט אַנטייל אין דער דאָזיקער באַװעגונג און שפּאַנט זיך איין אין אירע צילן. נישט נאָר דער ידישער פאָלקלאָר, נאָר אויך ידישע פאָלקס־שרייבער װי אליקום צונזער, װי אברהם גאָלדפאַדען און שפּע־טער מאָריס ראָזענפעלד, שמעון פרוג, זינגען אין ידיש װעגן ציון און רופן צו פאַרװירקלעכן דעם צוריקגאַנג אין אייגענעם לאַנד אַריין. און װער עס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיט דער פּאָליטישער ליטעראַטור פון יענער צייט, דער װייסט אויך, אַז װאָס שייך קעגנערשאַפט צו דער חיבת ציון־באַװעגונג איז זי אין ידיש נישט געקומען צום אויסדרוק אַפילו אויף קיין 10 פּראָצענט װי דאָס איז געשען אין רוסיש און אין העברעיש.

װאָר איז, אַז אין 20־סטן יאָרהונדערט האָט זיך אין ידיש באַװיזן אַ שאַרפע פּובליציסטיק קעגן ציוניזם און דאָך איז דורכויס פאַלש די מיינונג, אַז גאַנץ ידיש איז געװען אויף יענער זייט באַריקאַדע פון ציוניסטישן קאַמף. עס איז גענוג אַריינצוקוקן אין מרדכי יפהס אַנטאָ־לאָגיע „ארץ ישראל אין דער ידישער דיכטונג״, כדי איבערגעראַשט

צו ווערן פון דעם פֿאַקט, אַז ס׳איז נישט פֿאַראַן כמעט קיין איין וויכ־טיקער יידישער פּאָעט וואָס האָט נישט געזאָלט זינגען וועגן ארץ־ישראל אין גייסט פון שיבת ציון. און אויב אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט די יעווסעקציע גערודפט ציוניסטן און גערודפט העברעיש, איז יידיש דערין אַזוי פיל שולדיק וויפל יידן בכלל זענען שולדיק אין דעם וואָס אין אַ טראָגישער צייט האָבן זיך צווישן זיי באַוויזן יודנראַטלער. נישט די יודנראַטלער זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יידן און נישט די יעווסעקציע איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יידיש.

יידיש האָט אָנגעהויבן ווי אַ רייד־שפּראַך און איז געוואָרן אַ שריפט־שפּראַך. זי האָט, נעבן העברעיש און נעבן אַראַמיש, פֿאַרמירט אַן אייגנאַרטיקע קולטור, וואָס איז ניי און דאָך אַנגעבונדן אין דעם אייביקן יידיש־נאַציאָנאַלן שורש. זי האָט אויפגעהיטן די נאַציאָנאַלע קולטור און גייסט־קאָנטינואיטעט פון פֿאָלק און אין אַ געוויסן זין האָט זי אויך אויפגעהיטן העברעיש און דערמעגלעכט איר באַנייונג. עס איז נישט מעגלעך קיין פֿאָלקישער קולטור־המשך, אויב מען זאָל אין דער קייט פון אונדזער גייסטיקייט אַרויסלאָזן דעם יידיש־רינג. און דריבער זאָגן מיר, אַז אויב אַפילו נישט אַלס מאַסנדיקע רייד־שפּראַך, איז אָבער יידיש, אַלס שריפט־שפּראַך, אַלס לערן־שפּראַך, אַלס קולטור־שפּראַך, אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פֿאַקטאָר און וואָס ערנסטער און חשיבותדיקער מיר וועלן זיך באַציען צו דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן פֿאַקטאָר, אַלץ גע־לונגענער און מזל־ברכהדיקער וועט זיין אונדזער געראַנגל קעגן עם־הארצות און קעגן אַסימילאַציע, וועלכע זענען די גרעסטע סכנה פֿאַר אונדזער ווייטערדיקן נאַציאָנאַלן קיום.

III

דער מענטש כמו שהוא...

משוגענע פּירות אויף אַ לאָגישן בוים

דער געדאַנק, אַז אין די טיפֿע מיסטעריעזע פֿאַרהוילנקייטן פֿון דער מענטשלעכער נשמה טוט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ קאָלאָסאַלע השפּעה אויף די אָפֿענע מעשׂים פֿונעם בן־אָדם, סײַ אין זײַן יחידישן, סײַ אין זײַן קאָלעקטיוון לעבן, האָט די וועלט געוווּסט נאָך אַ סך פֿריִער אײדער דער ווינער ייִדישער דאָקטער, זיגמונד פֿרויד, האָט געשאַפֿן די פּסיכאָאַנאַליטישע לערע. דאָס האָבן געוווּסט די טעאָלאָגן און די געזעצגעבער פֿון אַלע צײַטן און דאָס האָבן נאָך מער געוווּסט די קינסטלער און פֿילאָזאָפֿן פֿון אַלע פֿריִערדיקע יאָרהונדערטער. זיגמונד פֿרויד האָט נישט מחדש געווען קיין נײַעס, ווען ער האָט אונדז אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דעם אונטערבאַוווּסטזײַן, ווי אויף אַ פֿאַקטאָר, וואָס מישט זיך אַרײַן אין אונדזער באַוווּסטזיניקן זײַן, ווײַל אויך פֿאַר אים איז מען שוין געהאַט געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז הינטער די קוליסן פֿון אונדזערע האַנדלונגען געפֿינט זיך אַן אומגעזעענער רעזשיסער אָדער סופֿלער, וואָס צווינגט אונדז אויסצופֿירן די דאָזיקע ראָל, וועלכע מיר שפּילן אויף דער לעבנס־בינע. פֿרויד האָט אונדז אָבער געגעבן געוויסע מעטאָדן, כּדי זיך אַ ביסל צו אָריענטירן אין דער פֿינצטערניש פֿון נשמה־לאַבירינט, און אין דעם באַשטייט דער אינטערעס וואָס זײַן לערע האָט אַרויסגערופֿן אין זײַן צײַט און האַלט אָן אויך אין אונדזערע הײַנטיקע צײַטן.

די טבֿע פֿונעם מענטש איז צו באַצייכענען דאָס אַלץ וואָס ער קען שׂכלדיק נישט באַגרײַפֿן, ווי אַן אומשׂכלדיקן כאַאָס אין וועלכן עס ווירקן נישט קיין פֿעסטגעשטעלטע געזעצן, נאָר אומדערקלערטע קאַפּריזן. פֿרויד האָט אונדז אָבער געוויזן, אַז אין דעם כאַאָס פֿון דער מענטשלעכער נשמה איז פֿאַראַן אַ גאַנץ באַשטימטע געזעצמעסיקייט.

יעדער אומזין האָט זיך דאָרט זיין זין און אַפילו זיין סיסטעם. די גע־ניאַליטעט פון פרוידן איז דעריבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט דערזען די סמנים פון זין אין דער אומזיניקייט פון די מענטשלעכע האַנדלונגען און ער האָט אַפילו אין דעם פרייען שפיל פון כאַאָטישן חלום געפינען אַ שיפר פאַר דער שפּראַך פון די פאַרשטומטע איבער־לעבונגען און געפילןביים מענטשן, וואָס קענען אויף קיין אַנדער אופן נישט קומען „צום וואָרט", ווייל זיי ווערן צענזורירט דורך דעם באַ־ווּסטזיין, אָדער דורך דעם אַפּאַראַט פון עטיש־סאָציאַלן צוואַנג, וואָס פונקציאָנירט אין די העכערע שטאָקן פון דער מענטשלעכער בריאה.

ווי אַ דאָקטער האָט פרויד געזוכט דעם באַשייד פאַר אַלע מענטש־לעכע חולאתן און נשמה־ווייטיקן, נישט מחוץ דעם מענטש, נאָר אין דעם מענטש גופא. די לאָזונג פון די מוסרניקעס ביי ידין: „דע את עצמך" (דערקען זיך אַליין) איז פאַר אים געוואָרן דער „אלף" און די „תאוו" אין דער אָנשטרענגונג צו באַזייטיקן די פסיכישע קרומקייטן און טראַומאַטישע אומגעריכטקייטן, וואָס מיר באַגעגענען זיך אָן אויף טריט און שריט אין אונדזער ווירקלעכקייט. פונעם ווילן צו היילן דעם קראַנקן איז פרויד געקומען צו דער קראַנקייט און דאָס וויכטיקסטע, וואָס ער האָט אויף דעם געביט מחדש געווען איז די פעסטשטעלונג, אַז פון דער דאָזיקער קראַנקייט לײדן אַלע, אויך געזונטע. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס אַז פרויד האָט אייגנטלעך כמעט ווי דערוויזן, אַז דאָס וואָס מיר רופן אָן „קראַנקייט" איז נישט קיין פראַגע פון קוואַ־ליטעט, נאָר פון קוואַנטיטעט, און אַז ביי באַשטימטע באַדינגונגען קען יעדער פון אונדז דורך אַ קוואַנטיטאַטיווער מאַניפעסטירונג פון דער פאַראַנענער קוואַליטעט אַריינפאַלן אין דער קאַטעגאָריע פון פאַציענטן. בילדלעך קען מען דאָס אויסדריקן אַזוי: יעדער מענטש איז אַ וואַר־שטאַט וואָס פראָדוצירט משוגעת. נישט אַלע פראָדוצירן אָבער דעם משוגענעם שטאָף אויף אַזאַ מאַסשטאַב און מיט אַזאַ פאָרנעם, אַז מען זאָל זיי קענען אָנרופן: משוגעת־פאַבריקאַנטן.

ביז העט — העט אין מיטלאַלטער האָט מען געהאַלטן, אַז משוגעת איז אַ פּועל יוצא פון בייזע גייסטער, וואָס כאַפּן זיך אַריין אינעווייניק אינעם מענטש. (אויף יעדן פאַל ווייסן מיר, אַז אויך אין אונדזערע

צייטן האָט מען געגלויבט אין אַ דיבוק). כ׳געדענק נישט דעם נאָמען פון דעם ערשטן ייִדישן דאָקטער, וואָס האָט זיך דערוועגט אין יענע צייטן צו זאָגן, אַז משוגעת האָט נישט צו טאָן מיט קיין שדים און רוחות. פרויד איז אָבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אונדז גע־לערנט, אַז אייגנטלעך זיצט אין יעדן מענטשן דער דיבוק, אינעם גע־זונטן, ווי אינעם קראַנקן, אינעם נאָרמאַלן, ווי אינעם אומנאָרמאַלן. און וואָס נאָך וויכטיקער: יעדער מענטש ראַנגלט זיך אַ גאַנצן לעבן. אַז זיין „דיבוק" זאָל פון אים נישט „אַרויסגיין", ד"ה, מען זאָל נישט דער־זען און זיך נישט דערוויסן פון זיין פאַראַנענקייט. מען קען דעריבער זאָגן, אַז על פּי פרויד זענען מיר אַלע פּאַציענטן, נישט מער — אייניקע וויסן נאָך נישט, אַז זיי דאַרפן זיך היילן און אַנדערע זענען שוין גע־קומען צו דער לאַגע, ווען זיי מוזן שוין גיין צום דאָקטער.

ס׳קען זיין, אַז דאָס וואָס פרויד האָט אָנגעגעבן אַלס סיבה, אָדער סיבות פון דעם, וואָס מאַכט יעדן מענטשן קראַנק, (נישט וויכטיק צי ער איז שוין געקומען צו דער מדרגה פון גיין צום דאָקטער, אָדער נאָך נישט), איז נישט קיין הלכה למשה מסיני. אַ פאַקט איז, אַז וועגן דעם טאַקע אַמפּערן זיך די שיטות אין דער לערע פון פּסיכאָאַנאַליז. אָבער וואָס עס זאָל נישט זיין די סיבה, דעם מענטשנס ווילן געליבט צו ווערן, אָדער זיין באַגער „געהייכט" און „געקריינקט" צו ווערן, אַלצ־איינס איז דער מענטש אין אַ שטענדיקן קאָנפליקט מיט זיך אַליין און ער איז אין אַ קאָנפליקט מיט זיך אַליין, ווייל ער איז נישט איינער, נאָר גאַנצע דריי מענטשן און אַ יש אומרים, אַז אַפילו גאַנצע פיר מענטשן וואָס ראַנגלען זיך אין אים און יעדער איינער ציט אין זיין זייט און אין זיין ווינקל און וויל האָבן די גאַנצע דעה איבער דעם חומר און דעם נפש וואָס פון זייער צוזאַמענדיקייט שטעלט זיך צונויף דער בחיר כל היצירה — דער מענטש.

אַז די מענטשלעכע ברוסט איז אַ שלאַכטפעלד, וווּ עס ראַנגלען זיך גאָט מיטן טייוול, האָט שוין געוווּסט דאָסטאָיעווסקי און ער האָט דאָס דאָזיקע וויסן זיינס גענומען פון אונדזער ייִדישן יצר־טוב און יצר־הרע. פרויד האָט אָבער גענומען דעם ווערטיקאַלן דואַליזם פון מענטש און אים אַוועקגעשטעלט אין אַ האָריזאָנטאַלער פּאָזיציע. צווישן

יצר הרע און יצר טוב געפינט זיך דער מענטש אין אַ מין קיינעמס לאַנד איבער וועלכן עס גייט אָן די שלאַכט צווישן גוטס און שלעכטס. אָדער ער איז אַ מין טאַבולאַ־ראַסאַ וווּ יעדער שרייבט — איינער מיט שוואַרץ און אַ צווייטער מיט ווייס — די ביאָגראַפיע פון דער קרעַ־אַטור. פאַר פרוידן איז אָבער קיין נייטראַלער צד אין דעם מענטשלעכן אינעווייניק נישט פאַראַן. עס זענען יאָ פאַראַן דריי עטאַזשן אין דער געביידע פון מענטש און די דאָזיקע דריי עטאַזשן זיצן איינע אויף די אַנדערע און באַווירקן זיך איינע דער אַנדערע. ווער ס'איז שטאַרקער אין אָט דער באַווירקונג — אָט דאָס איז דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון געזונט און קראַנק, אָדער פון נאָרמאַל און אומנאָרמאַל.

אַז מען זאָל וועלן גראַפיש אויסמשלען פרוידס מענטש־בנין, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן אַ געביידע מיט דריי שטאָק. דער פונדאַמענטאַ־לער טייל פון אָט דער געביידע איז דער ריזיקער אונטערשטער שטאָק, מיט זיינע פאַרמויערטע טירן און פענצטער. גאָט זאָל אונדז אויסהיטן פון דעם וואָס עס טוט זיך אין אָט דעם אונטערשטן פינצטערן עטאַזש. דאָרט בושעווען פאַרשפאַרטע דזשונגל־אינסטינקטן; דאָרט הערשט הפקר און גזילה; דאָרט געוועלטיקט דער מוראדיקסטער חיהשער ווילן צו לעבן און צו געניסן פון לעבן. נישטאָ דאָרט קיין שום „מען טאָר נישט". חטוף ואכול — איז אַ לעבנס־געזעץ אין יענער ווילדעניש. בלוט־שאַנד איז דאָרט נישט קיין חרפּה. דאָרט איז דער זון נאָך אַלץ גרייט דורס צו זיין דעם טאַטן כדי ביי אים צוצונעמען פאַר אַ ווייב — די אייגענע מאַמע. און פאַרקערט, דאָרט איז יעדע טאָכטער אַ שונא איר מאַמען, ווייל זי פאַרגינט איר נישט דעם טאַטן. דאָרט טוען זיך, אין פאַטענץ אָפּ אַזעלכע זאַכן, וואָס איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין און אונדז פון זיי באַשיצן און באַשירעמען.

איז אָבער די מעשה וואָס דער אונטערשטער פינצטערער שטאָק איז אין דער אמתן אַ תפיסה פאַר אַלע אונדזערע דזשונגל־פאַרלאַנגען און דזשונגל־אינסטינקטן. ווער אָבער היט די דאָזיקע תפיסה? די תפיסה ווערט געהיט דורך אַ העכערן, צווייטן עטאַזש, אַ פיל קלענערן און אויך פיל יונגערן פון דעם ערשטן עטאַזש. אין דעם העכערן, צווייטן עטאַזש זיצט די פּאָליציי און זי גיט אַכטונג, אַז די פינצטערע חברה

פון ערשטן עטאַזש זאָל נישט אַרויס אין דרויסן און מיט זייער הפקרות נישט חרוב מאַכן די וועלט. ווער זענען עס די פּאָליציי־לייט? דאָס זענען די „אָנגעשטעלטע" פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, די היטער פונעם סאָציאַלן קאָנטראַקט. עס איז אַזוי: ווי באַלד דער מענטש האָט זיך פון זיין דזשונגל־לאַגע אַנטוויקלט צו אַ געזעלשאַפטלעכן בעל־חי, האָט ער געמוזט צוימען די אינסטינקטן און געמוזט איינשטעלן אַ באַשטימטן סדר פון „מען מעג" און „מען טאָר נישט", ווייל אַנדערש וואָלט נישט מעגלעך געווען צו לעבן בחברותא. מיט דער צייט האָט זיך אין יעדן מענטש גופא אַנטוויקלט אַן אייגענע שמירה־אינסטיטוציע וואָס גיט אַכטונג, אַז די הפקר־אינסטינקטן זאָלן נישט עובר זיין אויף די סאָציאַלע געזעצן, ווייל אויב מען וועט אויף זיי עובר זיין וועט מען ווערן באַשטראָפט. היות דער צווייטער עטאַזש וויל נישט ליידן פאַר די זינד פונעם ערשטן, און היות ער, דער צווייטער עטאַזש, האָט שוין שכל און זכרון צו וויסן, אַז פאַר עברות ווערט מען באַשטראָפט, גיט ער אַכטונג, אַז די לייט פון פינצטערן עטאַזש זאָלן זיך נישט צופיל צעהוליען.

דער צווייטער עטאַזש איז אָבער אַ צדיק נישט מאהבה, נאָר מיראה. ער אַליין וואָלט אויך חשק געהאַט צו טאָן אַלדאָס ביזז. נאָר וואָרעם? ער ווייסט שוין אַז פאַר זינד ווערט מען באַשטראָפט און היות ער וויל אויסמיידן די שטראָף היט ער זיך די ביינער. דאָס ברענגט דערצו, אַז צווישן דעם צווייטן עטאַזש, דעם מורא־האָבער און דעם ערשטן עטאַזש, וואָס איז צו ווילד און פינצטער צו וועלן וויסן פון אַ חשבון וועלכן מען וועט אים שפּעטער צושטעלן, גייט אָן אַ שטענדיקער קאַמף. דאָס איז דער קאַמף פון דער ווילדער נאַטור קעגן דעם סאָציאַלן צוואַנג, קעגן דער קולטור, קעגן דער ציוויליזאַציע. כל זמן דער צווייטער עטאַזש פירט אויס זיין שמירה בשלימות איז מיטן מענטש נאָך אַלץ אין אָרדענונג. אָבער אַז די פון צווייטן עטאַזש קוקן אַמאָל אַוועק, גיבן זיך אַ כאַפּ אַרויס די באַוווינער פון פינצטערן עטאַזש און עס הייבט זיך אָן אַן אָפענע מלחמה. ביי דער דאָזיקער מלחמה זיגט טאַקע מערסטנטייל דער אויבערשטער עטאַזש און די אינסטינקטן ווערן צוריק אַראָפּגעשליידערט, אַז מען זאָל מער זייער

פנים נישט אָנקוקן. אָבער בעתן קאַמף האָבן די לייט פון קעלער דאָך באַוויזן צו דעמאַלירן דעם אויבערשטן עטאַזש און צעמזיקן די היטער וואָס געפינען זיך אין אים. נאָך אַ גרעסערע צרה איז דאָס וואָס די היטער פאַרגעסן ווער עס האָט זיי צעמזיקט, ווייל ס'איז זיי נעבעך אַ בושה וואָס זיי האָבן געליטן אַ מפלה. און דאָ הייבן זיך אָן אָט די אַלע חולאת־דערשיינונגען וואָס פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין אַ פאַציענט פון דאָקטערס קאַבינעט.

אייגנטלעך, וואָס טוט דער דאָקטער? דער דאָקטער רופט אַרויס די איינוווינער פון דעם אונטערשטן עטאַזש און די איינוווינער פון דעם צווייטן עטאַזש צו דעם העכסטן דריטן עטאַזש אינעם מענטש — צו דעם עטאַזש, ווו עס זיצט דער „סופּער־איך". דער דאָזיקער סופּער־איכישער עטאַזש איז שוין גאָר אַ יונגער איבערבוי איבער דעם מענטש־בנין. אָבער אין אים איז פאַראַן אַזאַ כישוף־לאַבאָראַטאָריע, וואָס פאַרוואַנדלט שוואַרץ אין ווייס און שלעכטס אין גוטס. דער מעטאָד פון דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג איז זייער אַ קאָמפּליצירטער, אָבער דער פּסיכאָאַנאַליז דערקלערט, אַז ער איז אַ ווירקזאַמער. דער מעטאָד פון דער פאַרוואַנדלונג, וואָס מיר רופן אָן: סובלימאַציע, ווערט פּראַקטיצירט דורך יעדן מענטש אָן דער הילף פון דאָקטער, אָבער אויב ס'איז שוין נויטיק די אינטערווענץ פון דאָקטער, באַנוצט זיך דער לעצטער מיטן מיטל פון „יהי אור", פון אַריינטראָגן דאָס ליכט פון באַוווסטזיין אין דעם פינצטערן אונטערשטן עטאַזש אָדער פון אַרויסברענגען די שטיקער ווילדקייטן פון אונטערשטן עטאַזש פון אונטערבאַוווסטזיין צו דעם ליכט פון באַוווסטזיין, דאָרט. אין דער ליכטיקייט ווערן די הפקר־אינסטינקטן ביסלעכווייז מילד ווי די לעמעלעך און זיי שפּאַנען איין זייער כוח אין דעם שווערן וואָגן פון מצווה און מעשים טובים און דער מענטש ווערט גענעזן.

מכח דעם לעצטן, דאָס הייסט: מכח דעם צי דער מענטש ווערט טאַקע גענעזן נאָך דעם ווי ער דערקענט שוין דאָס חשכות אין זיך — איז נאָך פאַראַן אַ גרויסע פּלוגתא. פאַראַנען טויזנטער ראיות, אַז מענטשן זענען אויף אַזאַ אופן געהיילט געוואָרן און פאַראַן טויזנטער פאַלן ווען עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. פאַר די לעצטע האָט

דער פּסיכאָאַנאַליז צוגעגרייט אַ תּירוץ, אַז דער פּאַציענט האָט נישט געוואָלט געזונט ווערן און האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם דאָקטער.

וואָס עס זאָל אָבער נישט זיין, דער פּראַקטישער רעזולטאַט פון דער פּסיכאָאַנאַליטישער לערע, איז דערווייל זיכער, אַז טעאָרעטיש איז זי אין גאַר אַ גרויסער מאָס אמת און אַז איר שילדערונג פון מענטשן שטימט מיט דערווירקלעכקייט, פּרויד האָט זיין לערע וועגן מענטש געבויט אויפן סמך פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. און ער איז גערעכט ווען ער זאָגט, אַז יעדער מענטש חזרט איבער מיט זיך די אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן מין. דער היסטאָריש־לאַנגער פּעריאָד פון דער קינדהייט פון מענטשן מין, רעוואָלטירט קעגן די קורצערע פּעריאָדן פון דער מענטשלעכער דערוואַקסנקייט, פון דעם מענטשנס קולטור און ציוויליזאַציע. דערפאַר דאַרף מען, ווען עס פּאַרטשעפּעט זיך עפּעס ביים מענטשן, זיך דערגראָבן צו די פינצטערע ווינקלען פון זיין קינדהייט, ווייל אין דער קינדהייט פון יעדן מענטשן געפינט זיך די ערב־מענטש־עפּאָכע, וואָס וויל נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיט די איינגעשטעלטע געזעצן פון דעם האָמאָ סאַפּיענס, דעם באַוווסטזיניקן מענטש.

עד כאן, די געוואונטע פּרינציפּן־באַזע פון דער פּסיכאָאַנאַליטישער לערע. די צרה איז אָבער וואָס אויף אָט דער דאָזיקער ריכטיקער באַזע איז, ברוך השם, אויסגעוואַקסן אַזאַ באַרג מיט סאָפּיסטישן גראָבן־פינגער־געדריי, אַזאַ ים מיט סכאָלאַסטישער פּשטלדיקייט און אפילו אַזאַ דזשונגל פון פּשוטע שווינדל־טעאָריעס, אַז ס'הייבט שוין אויף אַן אמת אַן ווערן אַ פראַגע צי די וויסנשאַפט וואָס דאַרף אונדז היילן פון משוגעת איז נישט אַמאָל דער גורם פון דעם גרויסן וואַנזין וואָס האָט מיט זיינע כוואַליעס זיך צעגאָסן איבער אונדזער צייט און געבראַכט דערצו, אַז דאָס משוגעת זאָל ווערן דער קען־צייכן פון אונדזער היינטיקער וועלט...

1960

די וואָר אין אונדזערע חלומות

איינע פון די סאַמע ערשטע רעטענישן וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַרן מענטש און האָבן פון אים פאַרלאַנגט אַ באַשייד, איז דער חלום. מען קאָן זאָגן נאָך מער: מיטן מאָמענט ווען אונדזער אורפאָטער פון ווילדן וואַלד, אָדער פון דער טיפער אונטערערד־הייל האָט אָנגעהויבן אונטערצושיידן צווישן חלום און וואָר, האָט זיך אָנגעהויבן זיין געשיכטע אַלס דער „האָמאָ סאַפּיענס". וואָרעם וויסן דאַרף מען, אַז חלומען חלומט אויך די חיה. די לעצטע ווייסט אָבער נישט דעם אונטערשייד צווישן דעם וואָס זי חלומט און דעם וואָס זי לעבט איבער אויף דער וואָר. דאָס ערשטע באַגריפן, אַז ס'איז פאַראַן אַ גרענעץ צווישן דעם חלום און דערווירקלעכקייט, איז שוין אַן אָנזאָג פון איינטעלעקט מיט וועלכן דער אורמענטש דערהייבט זיך איבער דער חיה און דערגייט צו זיין איצטיקער מדרגה.

דאָס וויסן, אַז חלום איז נישט ווירקלעכקייט האָט געקענט קומען ערשט נאָך דעם ווי דער מענטש האָט שוין פאַרמאָגט אַזויפיל אינטעליגענץ, כדי צו דערקענען די וויכטיקסטע גרענעצן פון דער ווירקלעכקייט. ווען דער מענטש האָט שוין געוווּסט, אַז לויט די געזעצן פון דער וואָר קאָן ער זיך נישט געפינען איינצייטיק דאָ און דאָרט, דאָס הייסט: אויף צוויי ערטער מיטאַמאָל; ווען ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ס'איז דאָ אַ באַשטימטער סדר אין דער צייט און אַז נעכטן איז נישט מאָרגן און מאָרגן איז נישט נעכטן — ערשט דעמאָלט האָט ער געקענט מאַכן דעם אויספיר, אַז די פּאַסירונגען אין חלום וואָס גייען קעגן דער געזעצמעסיקייט פון דער וואָר, זענען מעגלעך נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען נישט קיין וואָר, נאָר אַ חלום און דאָס האָט אים געמוזט ברענגען צו אַ ווייטערדיקן אויספיר, אַז דער חלום איז נישט

אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון דער ווירקלעכקייט מסתמא דערפאַר, ווייל ער פאַרמאָגט זיינע אייגענע, פאַר אים דערווייל נאָך פאַרהוי־לענע, געזעצן.

דאָס האָט דעם מענטש טאַקע אַוועקגעשטעלט פאַר דעם ערשטן גרויסן רעטעניש: וועלכע זענען די געזעצן פון חלום? פאַרוואָס חלומט דער מענטש און וואָס באַדייט אָט דאָס אַלץ וואָס אים חלומט זיך?

נאַטירלעך דאַרף מען געדענקען, אַז דער אורמענטש האָט די דאָזיקע פראַגן נישט געפרעגט, אַזוי פאָרמולירט ווי מיר האָבן עס באַר־וואָס געטאָן. וועגן די געזעצן פון חלום און וועגן די סיבות פון חלום האָט ער, אין זיין פּרימיטיוון צושטאַנד, נאָך נישט געקענט טראַכטן, אָבער וועגן דעם וואָס ס׳איז דער באַדייט פון דעם וואָס אים חלומט זיך, האָט ער שוין יאָ געטראַכט און אין דעם דאָזיקן טראַכטן האָבן זיך שוין אויך געפונען די אַנדערע פראַגן וועלכע מיר האָבן דערמאָנט, הגם זיי זענען נישט דעפינירט ווי מיר טוען עס היינט.

טראַכטנדיק וועגן דעם באַדייט פון זיינע חלומות, האָט דער מענטש אַנטוויקלט אַ גאַנצן סיסטעם פון חלום־באַשיידן. אין אַלטערטום האָט מען חלומות באַטראַכט אַלס די פאָרויסזאָגער פון דער צוקונפט און עס זענען געווען גאַנצע מחנות ספּעציאַליסטן פון חלום־באַשיידער, וועלכע האָבן דעם חלום דערקלערט און פון אים פאָרויסגעזאָגט דאָס וואָס עס דאַרף געשען. מיר געדענקען פון חומש יוספס חלומות און פרעהס חלום. ביידע חלומות האָבן פאָרויסגעזאָגט די צוקונפט. יוספן האָבן זיי פאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט ווערן דערהויבן איבער זיינע ברידער און פרעהן האָבן זיי פאָרויסגעזאָגט די זיבן זאַטע יאָרן און די זיבן הונ־געריקע יאָרן. די קונסט צו באַשיידן חלומות און פון זיי פאָרויסצוזאָגן די צוקונפט איז אין אַלטערטום געווען זייער חשוב און ס׳זענען געווען גאַנצע קאַסטעס מיט ספּעציעלע גייסטלעכע, וועלכע האָבן געפאָרשט און געוווסט די סודות פון חלום־באַשייד.

דער גלויבן, אַז דער חלום איז מרמז אויף דער צוקונפט איז פאַר־שפּרייט ביז צום היינטיקן טאָג צווישן די פאָלקס־מאַסן און נישט נאָר צווישן זיי. מיר געפינען אין ספר „דניאל" חלומות וואָס אויף זיי איז געבויט אַ גאַנצע פאַנטאַסטישע אַפּאָקאַליפּסיע, וועלכע איז געטייטשט

און דעשיפרירט געוואָרן אויף פאַרשידענע אופנים אין אַלע שפּעטער־דיקע דורות און הגם אין תלמוד געפינען זיך שוין שטימען וואָס האַלטן, אַז דער חלום האָט נישט קיין שום האַפּט, געפינען מיר אָבער אויך אַנדערע שטימען וואָס האַלטן, אַז אויב דער חלום איז אַפילו נישט קיין גאַנצער נביא, איז אָבער אַן אחד משישים לנבואה אין אים פאַרט פאַראַן.

גאָר, גאָר שפּעט האָט מען אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דער חלום האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער צוקונפט, נאָר ער האָט אַ שייכות מיט דער פאַרגאַנגענהייט. ס'הייסט, אַז דעם מענטש חלומט זיך דאָס וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אָבער פאַראַן פיל חלומות וואָס דערציילן גאָרנישט און זאָגן גאָרנישט, טאָ וואָס זשע באַדייטן די דאָזיקע חלומות? גאָרנישט? חלומות סתם אַזוי? ניין, פרויד האַלט, אַז קיין סתם אַזוי חלומות זענען נישט פאַראַן. יעדער חלום מיינט עפּעס און באַדייט עפּעס. סתם אַזוי וואָלט דאָס אונטערבאַוווסטזיין זיך נישט דורכגעריסן די באַריערן פון באַוווסטזיין. אויב ער טוט עס, איז עס צוליב עפּעס. פרויד האַלט אַפילו, אַז אַ מענטש חלומט כסדר, שלאָפנדיקערהייט און אויך וואַכעדיקערהייט. נישט מער די חלומות פון דער וואָך דערלאָזט דאָס באַוווסטזיין נישט... צום באַוווסטזיין. ערשט אין שלאָף ווען דער באַוווסטזיין שטייט נישט אויף דער וואָך קאָן דער חלום פונעם אונטערבאַוווסטזיין קומען, אַזוי צו זאָגן, צו זיין אַנטפּלעקונג.

יעדער חלום באַדייט עפּעס און דערציילט עפּעס. מען דאַרף דעם „עפּעס" נאָר קענען דעשיפרירן. לויט פרוידן איז די מעשה אַזאַ: דער מענטשלעכער באַוווסטזיין וואָס שטייט ווי אַ זשאַנדאַרם איבערן אונ־טערבאַוווסטזיין וואַרפט אויף דעם לעצטן אַן אַזאַ פחד און טעראָריזירט אים אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו אין שלאָף האָט דער דאָזיקער אונטערבאַ־וווסטזיין מורא אַרויסצוקומען, מיט אַלע זיינע וועלענישן און תאוות, לחלוטין קלאָר און אָפן. דער אונטערבאַוווסטזיין רעדט דעריבער אַפילו אין חלום מיט שטאַמלדיקע רייד, מיט פאַרנעפּלטע און צעפּלאָנטערטע בילדער. ער זאָגט אָפט מאָל „הוידעם" און מיינט „בוידעם". דאָס הייסט, אַז מען מוז זיך גוט לערנען פאַרשטיין זיין צעפּלאָנטערטע

שפּראַך און זיינע שטאַמלדיקע סימבאָלן. מיט איין וואָרט: פּרויד האַלט, אַז דער אונטערבאַוווסטזיין איז נעבעך אַזוי אָנגעשראָקן פונעם באַ־ווּסטזיין, אַז אַפילו אין שלאָף רעדט ער מיט חלומות וואָס זענען משלים, מחמת רעדן אָפן און דירעקט האָט ער מורא. דערפאַר מוז דער פּסיכאָאַנאַליטיקער פאַרשטיין די משלים־שפּראַך פון חלום, ער מוז זיך קענען אויף זיינע סימבאָלן און וויסן אַז ווען אַ מיידל חלומט זיך אַן אומשולדיקער בלייער, איז דאָס אַ משל אויף אַ גאָר זינדיקן פאַרלאַנג צו עפּעס וואָס איז ערגעץ ווו ענלעך צו אַ בלייער...

דאָס זעט אויס ווי אַ גאַנץ קאָמפּליצירט פּשטל, אָבער אויף אָט דעם פּשטל איז געבויט די גאַנצע פּסיכאָאַנאַליטישע לערע. לויט דעם דאָזיקן פּשטל קומט אויס, אַז דער אונטערבאַוווסטזיין איז אַזוי באַ־ווּסטזיניק און ממזריש קלוג, אַז ער פּירט דעם באַוווסטזיין אין באָד אַריין. וואָרעם כדי דער באַוווסטזיין זאָל זיך נישט כאַפּן, רעדט דער אונטערבאַוווסטזיין מיט אַ סימבאָלן־שפּראַך און מיט משלים־רמזים, וואָס מען דאַרף זיין אַ גרויסער געלערנטער זי צו פאַרשטיין. פון וואַנען עס דערנעמט זיך צו דעם נאַרישן אונטערבאַוווסטזיין אַזוי פיל ממזרישע חכמה, איז שווער צו זאָגן.

דאָך מוז מען צוגעבן, אַז וועגן דער סימבאָלן־שפּראַך פון חלום געפינט מען שוין אין תלמוד און דווקא פאַרבונדן מיטן פּסיכאָאַנאַלי־טישן עיקר — דעם סעקס. ס׳ווערט דערציילט וועגן איינעם וואָס איז געקומען צו אַ געלערנטן מאַן און אים דערציילט זיינע חלומות. און כאָטש די חלומות האָבן זיך געדרייט אַרום אומשולדיקע זאַכן, האָט דער געלערנטער דערפון אַרויסגעדרונגען, אַז יענער האָט אָפּגעטאָן פּערווערזע סעקס־מעשים. (דעם מענטש האָט זיך געחלומט, אַז ער האָט געגאָסן אייל אויף איילבירטן און דער געלערנטער האָט דער פון אַרויס־געדרונגען, אַז ער האָט געהאַט אַ סעקס־פאַרהעלטעניש מיט דער איי־גענער מוטער, אאז״וו א״וו). צי פּרויד האָט טאַקע געקענט תלמוד ווייס איך נישט, אָבער אַז אַ סך פון זיינע טעאָריעס געפינען זיך אין תלמוד און אין די מוסר־ספרים — דאָס איז גאַנץ זיכער.

די לעצטע יאָרן האָט מען זיך גענומען פאַרשן דעם חלום אויף אַ מער קאָנקרעטן און עמפּירישן אופן. אַ דאַנק דעם עלעקטראָ־ענציפאַ־

לאגראף (אַ מכשיר וואָס מעסט די עלעקטרישע כוואַליעס פון מוח) האָט מען אָנגעהויבן פאָרשן ווי אַזוי אַ מענטש פירט זיך אויף בעת ער חלומט. עס איז קודם פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז לויט דער באַוועגונג פון די אויגן און פון די אויגן־לעפלעך קאָן מען וויסן צי דער מענטש חלומט אַקוראַט. דערפון איז שוין אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַפילו זויג־קינדער חלומען. אַ צווייטע זאַך האָט מען פעסטגעשטעלט: אויב מען שטערט אַ מענטש צו חלומען אַ לענגערע צייט, פאַרלירט ער דאָס פסיכישע גלייכגעוויכט און עס באַווייזן זיך ביי אים קראַנקהאַפטע דערשיינונגען, וועלכע פאַרשווינדן ווען מען לאָזט דעם מענטשן זיך אָפּנעמען זיין פאַרציע חלום. כדאי אָנצווייזן, אַז אין תלמוד איז פאַראַן אַ וואָרט, אַז איינער וואָס האָט עטלעכע נעכט נישט קיין חלומות, איז אַ רשע. לויט אָט דעם זאָג קאָן מען מיינען, אַז חלום האָט עפּעס צו טאָן מיטן מענטשלעכן געוויסן, ווייל אויב אַ מענטש חלומט נישט איז אַ סימן, אַז ער האָט נישט קיין געוויסן. עס קאָן אָבער אויך זיין, אַז דער מאַן דאמר פון תלמוד האָט שוין געוווּסט, אַז אויב איינער חלומט נישט אַ לאַנגע צייט פאַרלירט ער דאָס פסיכישע גלייכגעוויכט און אין אַזאַ צושטאַנד קאָן ער אָפּטאָן רשעותדיקע מעשים. ווי מיר זעען, בכן, רופן זיך אַ סך נייע טעאָריעס איבער מיט דער אַלט־אַלטער יידישער תלמודישער דערפאַרונג.

אָבער וואָס אַזוינס איז פאָרט דער חלום? וואָס איז זיין פונקציע און פון וואַנען דערנעמט ער זיך? אַ פראַנצויזישער געלערנטער איז לעצטנס אַרויסגעקומען מיט דער טעאָריע, אַז דער חלום איז אַן איבערבלייבעניש פון גאָר אַלטע און ווייטע צייטן. דער דאָזיקער געלערנטער האַלט, אַז מיט אַ וואָסערע 50 טויזנט יאָר צוריק, אָדער נאָך מער, האָט דער מענטש נישט געקענט זיך דערלויבן צו שלאָפן אַזוי ווי היינט, ווייל וואָלט ער איינגעשלאָפן אַזוי ווי מען שלאָפט היינט, וואָלט ער באַפאַלן געוואָרן פון חיות, פון שבטים־שונאים און דאָס גלייכן. דער מענטש האָט דעריבער געמוזט רעקופערירן זיינע כוחות אין אַ צושטאַנד וואָס איז נישט געווען קיין וואַך און נישט קיין שלאָף. ס'איז געווען אַ מין לייכטער דרימל אין וועלכן מען בלייבט וואַך און אָט דער דאָזיקער דריטער צושטאַנד פון נישט וואַך און נישט שלאָף איז

ביי אונדז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג אין דער פּאַרעם פון חלום־צושטאַנד.

עס זענען פאַראַן מיינונגען פון געלערנטע אַז אויך דאָס שנאָרכן איז אַן איבערבלייב פון יענער צייט ווען דער אור־מענטש האָט אין זיין האַלב־וואַכן און האַלב־דרימלענדיקן צושטאַנד געמוזט אַרויסגעבן קלאַנגען, כדי דער שונא זאָל זיין געוואָרנט אַז ער שלאָפט נישט... מיט דער צייט, ס׳הייסט: מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן מין, זענען די דאָזיקע זאַכן, דאָס חלומען און דאָס שנאָרכן, געוואָרן איבעריק, אָבער כאָטש איבעריק, באַגלייטן זיי דעם מענטשן אויך אין זיין היינטיקן לעבן ווי אַ ירושה פון דעם ווייטן עבר.

צי דאָס איז מער ווי נאָך איין טעאָריע איז שווער צו זאָגן. אויף יעדן פאַל זעען מיר, אַז ווען עס קומט צום מענטש און צו זיין נאַטור איז אַפילו די נאַרישסטע זאַך נאָך אַלץ אַ סוד און מער ווי צו סברות און השערות זענען מיר נישט פעיִק.

דער ציניקער און דער פֿאַנאַטיקער

פֿון פֿאַנאַטיקער האָט די וועלט אַלעמאָל געליטן גרויסע צרות. גלחים, פֿאַנאַטיקער, האָבן געשלעפּט מענטשן אויף שייטערהויפֿנס, זיי געפּייניקט אין די אינקוויזיציע־קעלערן. זיי האָבן געברענט און גע־בראָטן די אַנדערש גלויביקע און די הערעטיקער. פּאָליטישע און אי־דעיִשע פֿאַנאַטיקער האָבן געשיקט זייערע נעכטיקע חברים אונטער דעם מעסער פֿון דער גילאָטינע. זיי האָבן זיי ליקווידירט אין די פֿינצטערע אויספֿאָרשונגס־קעלערן און זיי האָבן אָרגאַניזירט לאַגערן הינטער די הרי חושך, וווּ די אַנדערש־דענקענדיקע זענען פֿאַרפּייניקט געוואָרן ביז צום אומקום.

יאָ, די וועלט, די מענטשהייט איז שוין אויסגעשטאַנען קאָלטס און וואַרעמס פֿון די כלערליי פֿאַנאַטיקער, וואָס האָבן אין נאָמען פֿון זייער גלויבן, אין נאָמען פֿון זייער אידעאַל פֿאַרוויסט און געמאָרדעט, גע־ברענט און פֿאַרלענדט. פֿון די מחמד־רייטער, די קרייץ־טרעגער, די אינקוויזיציע־נוגשים ביז צו די לייט פֿון ראָבעספּיערן און די שפּעטער־דיקע טשעקיסטן פֿון פֿעליקס דזשערזשינסקי, האָט זיך גענוג בלוט גע־גאָסן דורך די בייזע הענט פֿון די פֿאַנאַטיקער און גענוג לעבנס זענען אויסגעלאָשן געוואָרן דורך דער האַרטהערציקייט פֿון די דאָזיקע וואָס האָבן אין זייער כאַראַקטער נישט פֿאַרמאָגט קיין טאָלעראַנץ פֿאַר אַנדערע מיינונגען, אַנדערע אידעאַלן און אַנדערע גלויבנס.

דער סימן מובהק פֿונעם פֿאַנאַטיקער איז זיין אומטאָלעראַנץ צום חברס געדאַנק, צום חברס איבערצייגונג, צום חברס לעבנס־באַנעם. דער פֿאַנאַטיקער איז איבערצייגט, אַז נאָר ער איינער האָט דעם ריכטיקן באַגריף וועגן אמת און אַז דערביי איז זיין אמת אַבסאָלוט און פֿאַר אַלעמען פֿאַרפּליכטנדיק. ער דערלאָזט אויף קיין איין מינוט נישט

דעם געדאַנק, אַז ער קען האָבן אַ טעות און דער צווייטער זאָל מיט זיין קעגנערישע מיינונג זיין אין אַ געוויסן פּונקט גערעכט. דער פאַנאַ־טיקער האַלט, אַז קיין צוויי מיינונגען קענען נישט עקזיסטירן און אויב עס מוז עקזיסטירן נאָר איין מיינונג, מוז דאָס זיין זיינע, ווייל זיינע איז די אמתע, די גערעכטע.

דער פאַנאַטיקער איז אַ מענטש וואָס איז באַזעסן פון אַ שגעון. זיין שגעון איז דער אמת. פאַרן אמת איז ער גרייט צו קעמפן און צו פאַלן. פאַרן אמת איז ער גרייט אויסצושעכטן אַ גאַנצע וועלט. לעגין האָט אַמאָל געזאָגט: אויב אונדזער שטאַנדפּונקט זאָל אַפילו נישט האָבן קיין אַנהענגער און זאָל האָבן קעגן זיך די גאַנצע וועלט, וועט די וועלט זיין אומגערעכט און אונדזער שטאַנדפּונקט וועט זיין דער דער גערעכטער. דער פאַנאַטיקער איז אַפילו גרייט צו איגנאָרירן די פאַקטן, אויב זיי, די פאַקטן, זענען קעגן זיין אמת און קעגן זיינע אי־בערצייגונגען.

ביי דעם אַלעם איז דער פאַנאַטיקער אַ מענטש וואָס איז נישט בלויז איבערצייגט ביז בלינדקייט אין זיין אידעאַל, נאָר ער איז אויך איבערצייגט, אַז זיין אידעאַל איז אין פולסטער האַרמאָניע מיט די אינ־טערעסן פון אַנדערע מענטשן. יעדער פאַנאַטיקער איז, ערגעץ ווו, אין זיין איינשטעל אויסן די טובה פון כלל. אויב דער כלל וויל נישט אָננעמען די דאָזיקע טובה דאַרף מען אים דערצו צווינגען מיט גוואַלד, מיט קראַפט און מיט טעראָר. דער פאַנאַטיקער איז גרייט צו ברענגען אומגליק, ווייל דאָס איז ביי אים דער איינציקער אופן צו ברענגען גליק.

אַזוי, למשל, זענען די אינקוויזיציע־גלחים געגאַנגען מיט פייער און מאָרד ברענגען די דערלייזונג פאַר די נישט גלויביקע נשמות. אייגנטלעך האָבן זיי דאָך נאָר געוואָלט דאָס גליק פון די אומגלויביקע. זיי האָבן אים, דעם אומגלויביקן, אָדער דעם אפיקורס, געוואָלט ברענ־גען דערלייזונג אויף יענער וועלט. זיי האָבן אים געוואָלט עפענען די אויגן, אַז ער זאָל דערזען דאָס ריכטיקע הימלישע ליכט. אָבער ווען דער אומגלויביקער איז געווען איינגעעקשנט, ווען ער האָט נישט גע־וואָלט עפענען זיינע אויגן, האָבן זיי אים דערצו געצווּנגען מיט עינוים

קשים, מיט פייניקונגען, מיט פייער און פלאַם. וואָר איז אַז ער, דער נישט גלויביקער, האָט דערביי פאַרלוירן דאָס לעבן אויף דער וועלט, אָבער דערפאַר איז זיין לעבן אויף יענער וועלט געראַטעוועט געוואָרן און דאָס האָט פאַר אים געזאָלט זיין אַ גרויסע טובה.

דאָס זעלביקע וואָס עס האָבן געטאָן די רעליגיעזע פאַנאַטיקער האָבן אויך געטאָן די וועלטלעכע קנאים. אמת, זיי האָבן שוין נישט אין זין געהאַט די טובה פונעם יחיד, נאָר פונעם כלל, וואָס איז לויט זיי, דורך דעם געגעבענעם יחיד געשטערט געוואָרן. ראָבעספיער האָט גע־וואָלט ראַטעווען די רעוואָלוציע, ווייל די רעוואָלוציע איז אין זיין באַ־גריף געווען לטובת דער געזעלשאַפט. נו האָט ער טאַקע געשיקט אונטערן גילאָטינע־מעסער די רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן, לויט זיין פאַנאַטישן איינזען, געשטערט דער רעוואָלוציע. שפעטער האָט זיך דאָס אייגענע איבערגעחזרט אין דער רוסישער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע־פאַנאַטי־קער האָבן אין נאָמען פון אַבסטראַקטן ווויל פון אַן אַבסטראַקטער גע־זעלשאַפט, געקוילעט, געמאָרדעט קאָנקרעטע מענטשן. זיי וואָלטן זיך נישט אָפּגעשטעלט, ווען עס זאָל זיי אויסזען נויטיק, צו שיסן דריי פערטל פונעם מענטשן־מין, אַבי זיי זאָלן פאַרזאָרגן די מענטשהייט. וואָרעם אויב די מענטשהייט לאָזט זיך נישט ראַטעווען דאַרף מען זי דערטרינקען.

יעדער פאַנאַטיקער איז ערגעץ ווו אַ משוגענער, אַ מאַניאַק, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז ער איז משיח, געשיקט פון גאָט. ער איז איבערצייגט, אַז ער פירט אויס אַ מיסיע, וואָס די העכערע כוחות זענען פאַראינטערעסירט אין איר דורכפירונג. עס איז נישט קיין חילוק ווי איינער רופט אָן די דאָזיקע מיסיע. איינער האַלט, אַז דאָס איז די שליחות פון גאָט, אַ צווייטער — אַז דאָס איז דאָס געזעץ פון דער גע־שיכטע. אַ דריטער, ווי דער מטורף היטלער, אַז דאָס איז אין די העכערע אינטערעסן פון זיין פאָלק. דער פאַנאַטיקער גלויבט הייס, אַז ער איז דער באַרופענער אָנצווייזן די מענטשן דעם וועג צו זייער גליק און די מענטשן מוזן אים פאָלגן און גיין אויף דעם וועג וואָס ער ווייזט זיי אָן. פאָלגן נישט די מענטשן — דאַרף מען זיי דערצו צווינגען און אַפילו אומברענגען. וואָרעם דער פאַנאַטיקער, פונקט ווי דער רוב מערדער, דענקט וועגן אַלעם אין אַבסטראַקטע טערמינען. דאָס גוטס איז פאַר אים

אַבסטראַקט, די מענטשהייט איז אַן אַבסטראַקטער באַגריף און די לעבע־דיקע קאָנקרעטע מענטשן זענען אויך אַבסטראַקטע איינסן. אינעם נאָמען פון זיין אַבסטראַקטער שליחות פאַר דער מענטשהייט פאַרזעט ער די קאָנקרעטע לעבעדיקע מענטשן. וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט איין מענטש, הונדערט מענטשן, טויזנט מענטשן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער אַב־סטראַקטער אידעע פון גוטס פאַר דער מענטשהייט? דעריבער הערט איר טאַקע ווי יעדער פאַנאַטיקער רעדט וועגן מאָרגן, וועגן די קומענדיקע דורות, וועגן דער געזעלשאַפט, וועגן פאָלק, ער איז תמיד גרייט מקריב צו זיין דעם היינט פאַרן מאָרגן, די קעגנוואַרטיקע דורות פאַר די קומענ־דיקע, די מענטשן פאַר דער מענטשהייט און די יחידים פאַר דער געזעל־שאַפט.

*

צרות צרורות, געברענטע לייד איז די מענטשהייט זיך שוין אויס־געשטאַנען פון די פאַנאַטיקער, פון די קנאים וואָס האָבן די וועלט גע־וואָלט באַגליקן מיט זייער איינציקן און אַבסאָלוטן אמת. די בלעטער פון דער מענטשלעכער געשיכטע זענען פול מיט די נעמען פון אַזעלכע משוגעים, וואָס האָבן אין נאָמען פון זייער מאָרגנדיק, צוגעזאָגט ליכט, געבראַכט חושך און אומגליק אין זייערע צייטן.

די פאַנאַטיקער זענען אייביק און אומעטום אומגליק־ברענגער און מען האָסט זיי מיט אַ פאַרשטענדלעכער שנאה. אָבער ווי גרויליק עס זאָל נישט זיין דאָס שלעכטס פונעם פאַנאַטיקער איז נאָך טויזנט מאָל ערגער דאָס רשעות פונעם ציניקער, פון דעם דאָזיקן פאַרשוין פון וועלכן די מענטשהייט האָט זיך אויך גאָרנישט ווייניק אָנגעליטן.

דער ציניקער איז פונקט דער היפוך פונעם פאַנאַטיקער. דער פאַנאַ־טיקער גלויבט מיט זיין גאַנצער בלינדקייט אין אַן אמת. דער ציניקער ווייסט, אַז ס'איז קיין שום אמת נישטאָ. ער אַליין גלייבט נישט און ער גלייבט אויך נישט אַז אַנדערע גלייבן. דער פאַנאַטיקער זעט אַלץ אַב־סטראַקט. דער ציניקער זעט אָבער אַלץ בלויז קאָנקרעט און אין זיין קאָנקרעטיזם דערגייט ער אַזוי וויט, אַז ער זעט נאָר דאָס וואָס איז פאַר אים צום קאָנקרעטסטן — זיך אַליין.

וויפל צרות די וועלט זאָל נישט האָבן געליטן פונעם פאַנאַטיקער,

ווערט אָבער זיין פאַנאַטיזם ערגעץ ווו מיט עפּעס אויסגעקויפט. דער פאַנאַטיקער איז אַ מענטש וואָס איז גרייט אַ סך מאָל אויך זיך אַליין מקריב צו זיין אויפן מזבח פון זיין גאָט, פון זיין אידעאַל. דער ציניקער האָט אָבער נישט קיין שום גאָט און קיין שום אידעאַל. ער אַליין איז זיין גאָט און זיין אידעאַל. ער איז דעריבער קיין מאָל נישט גרייט זיך אַליין צו ברענגען פאַר אַ קרבן, וואָרעם גאָט אַליין איז זיך נישט מקריב. אויב קרבנות — דאַרפן עס זיין אַנדערע און נישט ער. ער — דער אידעאַל, מעג קאָסטן דער וועלט קרבנות. אים אַליין דאַרף די וועלט גאָרנישט קאָסטן.

דער פאַנאַטיקער ברענגט שלעכטס, אָבער פאַראַן פאַלן ווען ער איז אויך גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. פאַראַן צייטן ווען די גרויזאַמקייט פון דעם פאַנאַטיקער דינט בפירוש די אינטערעסן פון זיין פאָלק און פון זיין צייט. יענער פאַנאַטיקער וואָס האָט דערשטאָכן דאָס זינדיקע פּאָרל אין דער מדבר האָט געהאַנדלט גרויזאַם, אָבער זיין טאַט איז געווען אַן אויפטו פאַרן פאָלקס־קיום. דער נביא וואָס האָט געשאָכטן די פאַלשע נביאים ביים נחל קישון, האָט דערפילט אַ היסטאָרישע מיסיע. דער וואָס האָט איבער געוואָלד צעשיידט די געמישטע פּאָרלעך נאָכן ערשטן שיבת ציון, האָט אויך געטאָן אַ זאַך פון פאָלקס בויטוועני־דיקייט. גרויזאַמקייט איז, פון אַ העכערער פּערספּעקטיוו, נישט תמיד אומגערעכטיקייט. דער פאַנאַטיקער האָט כאָטש מיט וואָס זיך אויסצו־קויפן ביים בית־דין פון דער געשיכטע.

דער ציניקער איז אָבער קיינמאָל און אין ערגעץ נישט גערעכט. ער איז דער עושה מעשה זמרי און דער מבקש שכר כפנחס. דער פאַנאַטיקער איז אַליין גענאַרט, דער ציניקער נאַרט אַלעמאָל בלויז יענעם. ער אַליין ווייסט, אַז ער פירט אַ שקר־שפּיל, ער וויל אָבער, אַז אַנדערע זאָלן דעם דאָזיקן שקר אָננעמען פאַר אַן אמת. חוץ דעם: דער פאַנאַטיקער האָט כאָטש איין סטאַבילן אמת. דער ציניקער אָבער האָט אַלעמאָל אַנדערע „אמתן" וואָס זענען נישט מער ווי שקרים.

אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט האָבן טאָקע די ציניקער, וועלכע האָבן דערגרייכט די מדרגה פון הערשאַפט און מאַכט, אָנגעטאָן דער וועלט נאָך גרעסערע צרות ווי די פאַנאַטיקער, אויב די לעצטע האָבן,

אָביעקטיוו גענומען, נאָך געטאָן אויך עפּעס גוטס, האָבן די ציניקער קיינמאָל קיין שום גוטס געטאָן און זיי האָבן דעם נאָמען מענטש פֿאַר־שוועכט אויף אַן אומווירדיקן און אָפּשיילעכן אופֿן.

*

די וועלט פֿרעגט זיך: וואָס איז סטאַלין געווען, אַ פֿאַנאַטיקער אָדער אַ ציניקער? אויף דער פֿראַגע איז שווער צו ענטפֿערן. פֿאַראַן מאָמענטן אין זיין לעבן, וואָס ווייזן אים ווי אַ ציניקער. אַנדערע — ווי אַ פֿאַנאַ־טיקער. מיר האָבן דאָ אפֿשר צו טאָן מיט אַ שוואַרצן פֿענאָמען וואָס איז געווען אַ געמיש פֿון ביידע צוזאַמען. ווער קען דערקלערן וואָס ער איז געווען מער?

עמיל לודוויג דערציילט אין זיין בוך וועגן סטאַלינען, אַז דער לעצטער האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט דעם גרעסטן נחת, ווען ער ליקווידירט אַ קעגנער. דעמאָלט טרינקט ער אויס אַ פֿלאַש וויין און לייגט זיך אַ רויִקער שלאָפֿן. דאָ האָבן מיר די פֿולע עקלהאַפֿטע כאַ־ראַקטעריסטיק פֿון אַ ציניקער.

אויפֿן 20־טן קאָנגרעס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מאָס־קווע, האָט כרושטשאָוו, ווי מיר געדענקען, אויפֿגעדעקט אַ ריי סודות וועגן סטאַלינען וואָס ווייזן אים אויך ווי אַ ציניקער. דער באַרימטער עפּיזאָד ווי סטאַלין האָט געהייסן כרושטשאָוון טאַנצן אַ קאָמאַרעסקע, זאָגט אויך עדות וועגן זיין סאַדיסטישע און ציניש נייגונגען. דאָך מוז מען מודה זיין, אַז אין אַ סך פּרטים האָט זיך סטאַלין געפֿירט ווי אַן אמתער פֿאַנאַטיקער און ער איז גרייט געווען זיך איינצושטעלן פֿאַר זיין פֿאַנאַטישער אמונה.

דאָס וואָס ס'איז אַ ספֿק וועגן סטאַלינען איז אָבער מחוץ יעדן ספֿק ווען עס קומט צו זיינע יורשים. עס איז נישטאָ קיין שום צווייפֿל, אַז די שפּעטער־געקומענע הערשער פֿון קרעמל זענען בלויז און דורכאויס ציניקער. אַנטקעגן זיי איז סטאַלין טאַקע געווען אַ צדיק. אַז אַך און אַז וויי, אַז מען דאַרף שוין אויף דזשוגאַשווילין נאָכזאָגן דעם דאָזיקן שבח.

1970

אַ מערכה, מען שעמט זיך...

די ביבלישע לעגענדע דערציילט, אַז ווי נאָר אדם און חוה האָבן געזינדיקט קעגן געטלעכן פאַרבאָט, האָבן זיי מיט אַ מאָל דערזען זייער נאַקעטקייט און זיך מיט איר אָנגעהויבן צו שעמען. צוויי זאַכן לערנען מיר פון דעם דאָזיקן עפּיזאָד: ערשטנס, אַז דאָס געפיל פון זינדיקייט שאַפט דאָס געפיל פון בושה, צווייטנס, אַז כביכול אַליין האָט איינגעזען, אַז אָפּהאַלטן דעם מענטש פון זינד, דאָס איז בשום אופן נישט מעגלעך. כדי אָבער דער מענטש זאָל נישט פאַרזינקען אין דעם תהום פון מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט צו וועלכן עס ציט אים זיין נאַטור, האָט גאָט אים אַריינגעגעבן אין האַרצן דאָס געפיל פון שאַנדע, ווייל שאַנדע טאָרמאָזירט כאָטש, אויף וויפל ס׳איז מעגלעך, דעם מענטשן און האַלט אים אָפּ פון נאָכגעבן די גלוסטענישן פון זיין האַרץ וואָס זענען תמיד צום שלעכטן. מען קען דעריבער זאָגן, אַז גאָט האָט געטאָן אַ חסד מיט דעם בשר ודם דערמיט וואָס ער האָט אין אים אַריינגעגעבן דאָס געפיל פון בושה.

די וועלט וועלכע מיר קענען, זייט דער מענטש איז מענטש, איז אַלע מאָל געווען און איז — אַ וועלט פון זינד. ס׳איז אַ וועלט פון שלעכטס, פון פאַלשקייט, פון גיריקייט, פון רויבעריי און פון תאווה. דאָך — כל־זמן אין דער דאָזיקער וועלט האָט געהערשט דאָס געפיל פון בושה, האָט מען נאָך אַלץ געהאַט אַ מיטל זיך קעגנצושטעלן דעם שלעכטס און דער פאַרדאָרבנקייט: האָט נאָך די מאָראַל געהאַט אַ שטיקל אחיזה און איר ווירקונג האָט זיך נאָך אַלץ געשפּירט אין דעם מענטשלעכן לעבן און צוזאַמענלעבן.

בושות זענען פאַראַן, נאַטירלעך, צווייערלייִקע: עס איז פאַראַן אַ בושה ווען מען שעמט זיך פאַר זיך אַליין און עס איז פאַראַן אַ בושה,

ווען מען שעמט זיך פאַר אַנדערע. דאַרף מען דאָך געוויס נישט זאָגן, אַז די בושה וואָס אַ מענטש פילט טיף אין זיך גופא, דאָס הייסט די שאַנדע פאַר זיך אַליין און פאַרן אייגענעם געוויסן, איז אַ הויך־מאָראַלישער פאַקטאָר און קען אַפילו דער זינדיקסטער נאַטור דערפירן צו הויכע עטישע מדרגות. וואָס מיר ווילן דאָ אָבער באַטאָנען איז, אַז אויך די בושה וואָס מען פילט פאַר אַנדערע מענטשן, דאַרף מען כלל נישט אָפּוועקמאַכן מיט דער האַנט און מען דאַרף אַנערקענען איר גוטס־טוענדיקע קראַפט אין סאָציאַלן צוזאַמענטרעף פון מענטש מיט מענטש.

מיר שטרייכן אונטער די גוטע ווירקונג פון דעם צווייטן מין בושה, דווקא דערפאַר, ווייל בעוונותינו הרבים, האָבן מיר אין אונדזערע יונגע יאָרן געמיינט, אַז אָט דער מין בושה איז נישט קיין מאָראַלישער פאַקטאָר, נאָר ער געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון מענטשלעכער צביעות. דעמאָלט, אין אונדזערע יונגע יאָרן, האָבן מיר אונטערן איינפלוס פון כל־ערליי נאַרישע עקסטראַוואַגאַנטע טעאָריעס געהאַלטן, אַז דער באַגריף „עס פאַסט נישט”, דאַרף לחלוטין אַרויסגעשליידערט ווערן פון דעם לעקסיקאָן פון אַן ערלעכן מענטש, ווייל וואָס הייסט „עס פאַסט נישט”? דאָס הייסט דאָך, אַז איך אַליין האַלט די זאַך נישט פאַר קיין עבירה, אלא, וואָס דען? איך קוק אויף איר מיט די אויגן פון אַנדערע און טו זי נישט דערפאַר ווייל אַנדערע האַלטן, אַז זי איז שלעכט. נאַטירלעך, אַז אין אונדזערע יוגנט יאָרן, ווען מיר האָבן רעוואָלטירט קעגן אויטאָריטעטן און געפּרעדיקט די ווייטגייענדיקסטע פרייהייט פון דער אייגענער פערזענלעכקייט, האָבן מיר אַזאַ קאַפּיטולאַציע פאַר דער עפנטלעכער מאָראַל נישט געקענט אָננעמען און מיר האָבן געהאַלטן, אַז ווער עס נעמט אָן די דאָזיקע קאַפּיטולאַציע באַגייט אַ פאַרברעך קעגן זיין אייגענעם „איך” און באַגייט אויך אַ פאַרברעך קעגן דער פרייהייט פון דער פערזענלעכקייט. נישט טאָן אַ זאַך בלויז צוליב דעם, ווייל זי איז נישט אָנגענומען אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט, ווייל די עפנטלעכע מיינונג האָט זי געשטעמפּלט מיט אַן עבירה־שטעמפּל, האָט אין אונדזער פאַרשטאַנד אויסגעזען ווי פאַלשקייט וואָס איר נאָמען איז געווען: היפּאָקריזיע.

יעדער פון אונדז געדענקט, אַז אויף דעם באָדן זענען אָפט פאָר־

געקומען קאָנפליקטן צווישן אונדז און אונדזערע עלטערן. ווען אונדזערע עלטערן האָבן נישט געקענט געפינען קיין אַרגומענטן אָפּצורעדן אונדז פון טאָן אַ געוויסע זאַך וואָס איז אין זייערע אויגן געווען אַ זינד (ווייל דער וויכטיקסטער אַרגומענט: גאָט וועט שטראָפן פאַר דער דאָזיקער עבירה, האָט שוין אויף אונדז נישט געווירקט), דעמאָלט האָבן זיי צו אונדז אַפּעלירט מיט דעם איינציקן אַרגומענט וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט אין זייער באַזיץ. דער דאָזיקער אַרגומענט איז געווען: טו עס נישט, ווייל ס'איז אַ חרפה פאַר מענטשן... אָדער: טו עס נישט, ווייל וואָס וועלן מענטשן זאָגן? מיר, אָבער, האָבן דווקא די דאָזיקע טענה אויפן קאַטעגאָרישסטן אופן אָפּגעוואָרפן. וואָס הייסט: מיר וועלן זיך רעכענען מיט אַנדערע מענטשן? וואָס הייסט: מיר וועלן נישט האַנדלען לויט אונדזער ווילן, נאָר דערפאַר ווייל עס פּאַסט נישט? דאָס איז דאָך די גרעסטע צביעות...

זענען מיר עלטער געוואָרן און ליידער קומט אונדז אָפּט אויס צו דיסקוטירן מיט אונדזערע קינדער און אָנצווּוענדן דעם זעלביקן „עס פּאַסט נישט״־אַרגומענט. און נאַטירלעך ענטפערן אונדז אונדזערע קינדער אַקוראַט אַזוי ווי מיר האָבן געענטפערט אונדזערע עלטערן, אפשר בלויז מיט אַ ביסל מער שאַרפקייט און מיט אַ ביסל ווייניקער דרך־ארץ... און אפשר טאַקע אויך מיט אַ רייכער און געבילדעטער לשון פון דעם מיט וועלכן מיר, די אויטאָדידאַקטן, האָבן זיך באַנוצט. איצט אָבער, ווען מיר זענען די אַפּעלירער און אונדזערע קינדער זענען די בונטאַרן, פילן מיר שוין, אַז אונדזערע טאַטע־מאַמע אין זייער צייט, זענען גאָר נישט געווען אַזוי אומגערעכט, כאָטש אויך היינט ווייסן מיר אפשר נישט ווי אַזוי די דאָזיקע גערעכטיקייט אויסצודריקן און ווי אַזוי זי צו באַקרעפטיקן.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז דער גרעסטער פּעסימיסט וואָס שייך דער מעגלעכקייט צו איבערצייגן יענעמען אין דיין אמת. אין 99 פאַלן פון הונדערט קען מען קיינעם נישט איבערצייגן, אויב עס זענען נישט פאַראַן קיין באַדינגונגען וואָס זאָלן יענעם ברענגען צו דער איבערצייגטקייט. אויב די באַדינגונגען זענען קעגן דער איבערצייי־גונג וועלן נישט העלפן קיין שום לאָגישע אַרגומענטן. דערביי מוז גע־

זאָגט ווערן, אַז ווען מיר רעדן וועגן באַדינגונגען מיינען מיר נישט בלויז קיין מאַטעריעלע. מיר מיינען אויך יענע מאָמענטן וואָס מאַכן אַ מענטש געניייגט אָנצונעמען אַ שטעלונג צו זאַכן. דערצו קען מען די דאָזיקע מאָמענטן נישט אָנרופן מיט קיין נאָמען, ווייל זיי האָבן טויזנטער נעמען און זיי זענען דערביי אַזוי דין און אַזוי טיף באַגראָבן אין דעם מענטשנס האַרץ, אַז ס'איז אַפילו שווער אָנצושטויסן וועגן זייער עקזיסטענץ.

ווען עס גייט וועגן דער יוגנט איז אוודאי שווער צו זיין אָפּטימיסטיש און צו גלויבן, אַז זי וועט זיך לאָזן איבערצייגן פונעם עלטערן דור. אַ באַקאַנטער פסיכאָלאָג האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַלע אָנשויונגען זענען אַ רעזולטאַט פון געוויסע פסיכישע אייגנשאַפטן, אָדער פון געוויסע קאָמבינירטע פסיכישע פּראָצעסן ביים מענטשן. דער דאָזיקער פסיכאָלאָג האָט באַטירלעך, הינטער אַלע אייגנשאַפטן און פּראָצעסן געזען דעם יסוד פונעם „ליבידאָ", דאָס הייסט: פונעם עראָטישן טריב, וויל איך נישט גיין אַזוי ווייט און זאָגן, אַז דאָס איז ריכטיק אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, ווייל איך געדענק אַ צווייטע טעאָריע וואָס האָט אַלע אָנשויאונגען דערפירט צום וווּלגאַרן ביאָלאָגישן מאַטעריאַליזם פון... בויך, דאָס הייסט: פון דעם ווי עס אַרבעט ביים מענטשן דער מאָגן. (אָדער ווי די דייטשן זאָגן: „דער מענש איזט וואָס ער איסט"), פון דעסט וועגן איז פאַראַן אַ טיילווייזער אמת אין די אַלע טעאָריעס און דער אמת איז, אַז ביים איבערצייגן יענעם אין דיין אידעע, אין דיין אָנשויאונג, בפרט נאָך ביי אַזאַ איבערצייגונג וואָס זאָל יענעם ברענגען דערצו, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין אידעע, זיין אָנשויאונג און פון זיין אמת, שפּילט דער לאָגישער מאָמענט די קלענסטע ראָל. ביי יוגנט איז דאָס אַ כלל גדול און יעדער איינער פון אונדז דאַרף געדענקען ווי אַזוי מיר זענען אַראָפּגעפירט געוואָרן פונעם פרומען וועג נישט דורך קיין לאָגישע אַרגומענטן, נאָר דורך עפּעס אַ פּאַסירונג, דורך עפּעס אַ געשעעניש, לאַוו דווקא אַ גרויסע, וואָס האָט צעוואַקלט אונדזער גלויבן און אונדז פאַרפירט אויף נייע דרכים.

מיר זענען אפשר אַ ביסל אַוועק אין אַ זייט פון אונדזער טעמע. אָבער מיר האָבן עס געטאָן דערפאַר ווייל מיר האָבן גענומען רעדן וועגן

דער מעגלעכקייט איבערצוציִיגן אונדזערע קינדער אין דעם, אַז דער מאָטיוו „עס פּאַסט נישט" איז לגמרי נישט אַזאַ נאַרישער. איז גלייבן, אַז מיר קענען אונדזערע קינדער איבערציִיגן אין דעם דאָזיקן אמת צו וועלכן מיר זענען דערגאַנגען אויף די עלטערע יאָרן, וואָלט געווען אַן אילוזיע, אָבער פאַר זיך אַליין שאַדט פון דעסט וועגן נישט דעם דאָזיקן אמת אויסצוקלאָרן, כדי צו וויסן מיט וואָס און פאַר וואָס איז ער אַן אמת.

דער אמת איז אַז דער בן אדם איז קיין מאָל נישט געווען קיין צדיק און ער וועט קיין מאָל קיין צדיק נישט זיין. דעם מענטש ציט צו זינד און צו שלעכטס. אויסוואָרצלען אין זיך דאָס שלעכטס לגמרי, דאָס וועט אפשר מעגלעך זיין נאָר ווען משיח וועט קומען. ביז דעמאָלט אָבער, ווען משיח וועט קומען קען דער מענטש נאָר האַמעווען אין זיך דאָס שלעכטס: ער קען עס און מוז עס באַקעמפן: ער טאָר נישט פריילאָזן די אינסטינקטן. ברשה איז אַ מענטש געוואָר צו צוימען די אינסטינקטן און צו באַקעמפן אין זיך דעם שלעכטן ווילן. הונדערטער טעאָריעס וועגן דער פרייער פערזענלעכקייט וועלן נישט אויסוואָרצלען אינעם מענטש דאָס געפיל פון רעכענען זיך מיט דעם צווייטן; וועלן נישט אויסוואָרצלען אין אים דעם ווילן זיך צו ווייזן פאַר אַ צווייטן מענטשן שיין און גוט. און אָט דאָס געפיל און אָט דער ווילן זענען אַ חסד פאַרן בן אדם, וואָרעם נאָר אַ דאַנק דעם וואָס מען רעכנט זיך מיט דעם אַנדערן, נאָר אַ דאַנק דעם וואָס מען וויל פאַר יענעם דערשיינען אין אַ גוט ליכט, קומט מען צו דעם, אַז מען זאָל זיך שעמען און דאָס שעמען זיך איז אַן אָפּהאַלט, אַ באַריערע אויפן וועג צו טאָן שלעכטס און צו באַגיין עבירות. נישט אומזיסט האָט מען אַמאָל געזאָגט וועגן איינעם, אַז ער האָט שוין „אויסגעטאָן דעם שעם־היטל" און געמיינט האָט מען דערמיט פעסטצושטעלן, אַז יענער איז שוין אַ פאַרפאַלענער און ער וועט זיך שוין דערקייקלען ביז צום אָפּגרונט.

אָפּגעהיטן זאָל ווערן די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויב מען זאָל זיך אויפהערן שעמען: אויב מען זאָל זיך אויפהערן רעכענען איינער איינער מיטן אַנדערן. דעמאָלט ווען ס'ווערט שוין „הפקר פּיעטרושקע",

דעמאָלט הויבט זיך אָן דער מאָראַלישער סדום אין מענטשלעכן צוזאַ־מענלעבן, און פאַמיליען־לעבן, אין דער פּאָליטיק, אאַ״וו א״וו.

מען זאָגט, אַז אַן איידל־דערצויגענער מענטש איז דער וואָס אַפילו, אַז ער איז איינער אַליין אין שטוב לייגט ער אַריין דעם צוקער אין דער טיי מיט אַ לעפעלע... נו, דאָס איז זיכער אַ הויכע מדרגה פון דערצויגנקייט און גוטע זיטן. אָבער מיר מעגן זיין זיכער, אַז דער רוב מענטשן, ווען ס׳וואָלט זיי נישט געווען קיין בושה פאַר אַנדערע, וואָלטן זיי פאַרגעסן צו וואָס מען דאַרף אַ גאָפּל. איך ווייס... אפשר וואָלטן זיך אין אַ שטאָט געפונען 10 צדיקים וואָס וואָלטן בייגעשטאַ־נען דעם נסיון צוליב אינערלעכן געוויסן. אָבער אַפילו מיט 10 צדיקים וואָלט סדום געבליבן סדום און די הפקרות, די צעלאָזנקייט, די פאַר־דאָרבנקייט וואָלט נישט געלאָזט דורכגיין די גאַסן פון דער דאָזיקער שטאָט.

שעמען זיך פאַר אַנדערע איז אַ גרויסע, וויכטיקע און מאָראַלישע קראַפט. אויב אין דעם שטעקט צביעות איז עס אָבער אַזאַ צביעות וואָס אָן איר איז נישט געמאָלט קיין געזעלשאַפטלעך לעבן אין די פאַר־שיידנסטע פאָרמען.

און נאָך אַ זאַך: שעמען שעמט זיך אייגנטלעך אויך דער, וואָס זאָגט אַז ער שעמט זיך נישט. אַ גנב שעמט זיך מיט אָרנטלעכקייט, פונקט ווי אַ היפּי שעמט זיך מיט נישט קיין צעקאָלטנטן קאָפּ...

אַ תנא האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען נישט די מורא פאַר מלכות, וואָלט איין מענטש איינגעשלונגען דעם צווייטן. יאָ, ווען נישט דאָס געפיל פון בושה — גיבן מיר צו — וואָלטן אַפילו די תפיסות געווען ענג און די האַרבסטע שטראָפן צו קליין אויף אָפּצוהאַלטן מענטשן פון טאָן שלעכטס און אומווירדיקייט. אַ מערכה, מען שעמט זיך נאָך אַ ביסל, אַ מערכה, עס פּאַסט נישט... ווען נישט דאָס, וואָלט דער דזשונגל פון לעבן געווען אַ מיליאָן מאָל שרעקלעכער ווי ער איז.

דערפאַר קענט איר טאָקע זען, אַז יעדעס מאָל אין דער געשיכטע, ווען אַ געוויס לאַנד האָט פאַרלוירן די עפנטלעכע בושה, ווען די בירגער אין אַ געוויסער אָרדענונג האָבן זיך אויפגעהערט צו שעמען, איז

באַלד נאָך דעם געקומען דער אונטערגאַנג פון יענעם לאַנד, אָדער יענער אָרדענונג. די בושה איז געבוירן געוואָרן אין גן־עדן און זי איז געשענקט געוואָרן דעם מענטש ער זאָל, כאָטש אויף וויפל ס׳איז מעג־לעך, אויסמיידן דעם גיהנום...

1971

די תאווה צו כבוד...

פאַראַן אַ ווערטל: אַ לעבן לערנט מען — אַ נאַר בלייבט מען. בנוגע דעם דאָזיקע רעטעניש, וואָס הייסט: מענטש, איז דאָס דאָזיקע ווערטל זייער ריכטיק, וואָרעם וויפל מען זאָל דעם מין מענטש נישט שטודירן, פאָרשן, פרווון דערגרונטעווען — העלפט עס אַלץ נישט. אָט דאַכט זיך אויס, אַז מען איז שוין דערגאַנגען צו אַ שטיקל טאָלק אין דעם ענין פון מענטש־קענטשאַפט, נאָר פלוצים גיט מען זיך אַ קוק אַרום און מען דערזעט, אַז מען האַלט נאָך פון פאַרנט און מען ווייסט נישט מער ווי דאָס, אַז מען ווייסט גאָרנישט.

כ'וויל נישטריידן וועגן אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, ליידנ־שאַפטן און כאַראַקטער־שטריכן. זיי זענען פאַראַן אַזויפיל, אַז מען שרייבט שוין טויזנטער יאָרן וועגן זיי הונדערטער, טויזנטער, מיליאָנען ביכער און מען קען זיי אַלץ נישט באַשרייבן און אוודאי נישט דער־גרונטעווען און דערקענען.

וועל איך דעריבער נאָר ריידן וועגן איין מענטשלעכער תאווה — וועגן דער תאווה צו כבוד, וועגן דער ליידנשאַפט צו זיין פאַרערט דורך אַנדערע מענטשן און דורך זיי געגרויסט און געפרייזט צו ווערן.

אַז מען וויל קען מען זאָגן, אַז די תאווה צו כבוד נעמט זיך ביי מענטשן פון דעם דראַנג זיך אַרויסצוהייבן איבער אַנדערע. איינער וויל גרייכן די דאָזיקע העכערקייט דורך מאַכט און אַ צווייטער דורך כבוד. דער וואָס גרייכט זיין העכערקייט דורך מאַכט־פּאָזיציע, וויל אויך כבוד, אָבער ער וויל, אַז דעם דאָזיקן כבוד זאָל מען אים אָפּגעבן מחמת מורא. אַנדערע ווילן אָבער כבוד, וואָס זאָל זיי געגעבן ווערן, אַזוי צו זאָגן, פרייוויליק, מיט אַ ביסעלע ליבשאַפט, מיט באַוווּנדערונג, מיט פאַרערונג.

דרך אגב: פאַראַן מענטשן פון מאַכט, וואָס אין ערשטן אויגנבליק ווייזט זיך אויס, אַז זיי ווילן נישט און זוכן נישט קיין כבוד, ווייל זיי זענען נחבא אל הכלימניקעס, באַמיען זיך צו האַלטן אין שאָטן, צו זיין „די גרויע עמינענצן". ס'איז אָבער נישט אַזוי. אויך די דאָזיקע מענטשן ווילן כבוד. וואָרעם דער כבוד וואָס ווערט זיי צוגעטיילט איז אַ באַשטעטיקונג פון זייער דערגרייכטער מאַכט. אלא וואָס דען? פאַראַן כבוד־זוכער וואָס ווילן כבוד פון אַלעמען, וואָס מער כבוד פון וואָס מער מענטשן. פאַראַן אָבער אַנדערע וואָס ווילן כבוד נאָר פון אַ קליינעם קרייז, מחמת טיף אין זיך האָבן זיי פאַראַכטונג פאַר גרויסע מענטשן־מאַסן. די דאָזיקע מאַכט־מענטשן וואָס זוכן כבוד נאָר אין אַ קליינעם קרייז און ווילן נישט קיין פירסום אין דער ברייטער עפנטלעכקייט, זענען די באַהאַלטענע אָנפירער פון כלערליי באַוועגונגען, די שטריקל־ציער פון כלערליי אונטערנעמונגען, די קאַבינעט־פּאָליטיקער, וואָס בייטן רעגירונגען און דאָס גלייכן. די געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז פול מיט זיי און די מענטשהייט גופא האָט פון זיי נישט ווייניק געליטן.

דער דראַנג פונעם מענטש צו קריגן כבוד איז אַזוי אַלט ווי די וועלט. ס'איז גאָרנישט מעגלעך אויסצורעכענען די פאָרמען פון כבוד וואָס מענטשן זוכן און ס'איז אויך נישט מעגלעך צו באַשרייבן פאַרוואָס מענטשן ווילן אַלץ כבוד. איין זאַך איז זיכער: כבוד ווערט צוגעטיילט אַ מענטשן דערפאַר וואָס ער טיילט זיך מיט עפּעס אויס פון אַנדערע מענטשן. די אויסטיילונג זוכט דעם בן־אדם מששת ימי בראשית. דער מענטש וויל נישט זיין גלייך מיט אַלעמען, ער האָט מורא פאַרלוירן צו ווערן אין דער מאַסע פון זיינע מיטמענטשן. ער וויל מיט עפּעס מאַניפעסטירן זיין באַזונדערן „איך", זיין באַזונדערע עקזיסטענץ. כבוד איז פאַר אים אַ באַווייז, אַז זיין „איך" איז באַמערקט געוואָרן, אַז זיין עקזיסטענץ האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער דורכשניטלעכער גרויקייט און אַז ער איז דעריבער נישט דורך אומבאַמערקט אין לעבן אויף אונדזער זינדיקער ערד.

די תאווה צו כבוד איז נישט פון די דורכויס נעגאַטיווע תאוות. אין דער דאָזיקער תאווה וואָלטן אפשר אַ סך גרויסע ווערק נישט אָנגע־

שריבן געוואָרן, אַ סך העלדנטאַטן וואָלטן נישט דורכגעפירט געוואָרן, אַ סך דערפינדונגען וואָלטן נישט געמאַכט געוואָרן. דער ווילן צו קריגן כבוד איז אַ גרויסער סטימול אין לעבן, אָן דעם סטימול וואָלט אפשר די מענטשלעכע ענערגיע איינגעשלאָפן. די וועלט וואָלט געהאַט נאָך אַן אַנדער פּנים.

די לײַדנשאַפט צו כבוד ביים מענטשן האָט אויפגעטון פאַר דער מענטשהייט אַ סך גוטע זאַכן. וואָס האָט געטריבן אַ סך וויסנשאַפטלער מקריב צו זיין זייער צייט פאַר דער אויספאָרשונג פון די נאַטור־געזע־צן? דער בלויזער אינטערעס פאַר דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג? יאָ, אפשר דאָס אויך, אָבער זייט זיכער, אַז דאָס כבוד ווערעמל האָט דערין אויך געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל.

נאָך אַלעמען האָט דער דראַנג צו באַקומען כבוד געבראַכט אַ סך מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך גוט אויפפירן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון טאָן נישט בכבודיקע מעשים. ס׳איז געווען אַ כבוד צו זיין אַ שיינער ייד, אַ בן־תורה, אַ בעל מידות. ס׳איז געווען אַן אומכבוד צו זיין אַ גראָבער יונג, אַ בעל עבירהניק, אַ שיכור. ווען מען וואָלט פאַר גוטער אויפ־פירונג נישט געצאָלט מיט כבוד, ווער ווייסט צי דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן וואָלט געווען אַזאַ ווי מיר האָבן עס געקענט און דערוועגן גע־הערט? אויף אַלע געביטן פון לעבן, אין דער קונסט, אין דער וויסנ־שאַפט, אין מסחר, אין בעל מלאכהשן שטאַנד, האָט דער כבוד־דראַנג געשפּילט אַ גרויסע ראָל. איבערהויפּט דעמאָלט ווען ס׳איז געווען בכבודיק זיך דעם כבוד צו פאַרדינען און נישט זיך אים אַליין צו נע־מען מיט גראָבע און אומריינע הענט. אמתער כבוד ,ווי אמתע ליבע, האָט געאיידלט דעם מענטש און האָט אים געהאָלפן באַזיגן זיינע פינצ־טערע אינסטינקטן.

די צרה מיט דעם דראַנג צו כבוד הייבט זיך אָבער אָן דאָרט וווּ מען וויל אים באַקומען אויף אַ נישט ערלעכן און נישט נאַטירלעכן וועג. דאָס הייסט: דאָרט וווּ מען וויל אים באַקומען נישט פאַר אמתער הע־כערקייט, נאָר מען וויל אים קויפן מיט נידעריקע מיטלען.

פונקט ווי עס בייט זיך דער מענטשלעכער בליק אויף מאָראַל, אַזוי בייט זיך אויך דער מענטשלעכער באַגריף וועגן כבוד. און דאָ

שטעקט דאָס גאַנצע אומגליק. אין צייטן מיט אַ פּעסטער און הויכער מאָראַל, איז דער ענין פון כבוד אויך אַ סטאַבילער און אַ הויכער, אין צייטן פון געפאַלענער מאָראַליטעט איז כבוד אויך בשפל המצב.

אויף ווי ווייט כבוד איז אָפּהענגיק פון דעם מענטשלעכן באַגריף וועגן מאָראַל קענען מיר זען פון איין קליינעם ביישפּיל: אין אַ סביבה פון אָרנטלעכע, יוסטע און באַלעבאַטישע סוחרים קען אויף כבוד רעכענען נאָר דער וואָס האַנדלט אָרנטלעך, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער „שטייט נישט נאָך יענעמס גראָשן". אין אַ סביבה פון גנבים איז אָבער כבוד שוין אַ גאַנץ אַנדערער ענין. דאָרט קריגט כבוד דווקא דער, וואָס קען יענעם גיכער און געשיקטער באַשווינדלען, וואָס קען זיך אַן עצה געבן ביים צונעמען יענעמס פאַרמעגן, וואָס קען יענעם „אויסמאַכן אַן אויער". אין דער אונטערוועלט, למשל, איז גאָר אַ גרויסער העלד דער איינברעכער, דער מערדער, דער טאַשן־ציער. כבוד צו כבוד איז דאָ נישט גלייך.

פונדעסטוועגן מוזן מיר צוגעבן, אַז אויך אין אַ סביבה פון דער „אָרנטלעכער" אונטערוועלט האָט דער באַגריף פון כבוד זיין סטאַבילי־טעט פונקט ווי אין דער סביבה פון ערלעכע מענטשן. עס איז נאָר אַן איבערגעקערטער באַגריף, אָבער אין דער איבערגעקערטערטקייט זענען פונדעסטוועגן פאַראַן געוויסע בשותפותדיקע געזעצן וואָס זיי מוזן אָפּ־געהיטן ווערן.

למשל: אויב אין דער ערלעכער וועלט קען כבוד באַקומען אַ מענטש וואָס הייבט זיך אַרויס מיט זיינע מידות און מעלות, קען עס אין דער „אָרנטלעכער" אונטערוועלט אויך באַקומען נאָר אַזאַ איינער וואָס הייבט זיך אַרויס מיט זיינע „מידות" און „מעלות". די מידות און מעלות זענען פאַרשידן, אָבער דאָס געבאָט זיך אַרויסצוהייבן מיט זיי איז איןביידע סביבות גילטיק. קריגט דער שרייבער כבוד צוליב זיין טאַלאַנט, דער פילאָזאָף צוליב זיין וויסן און פאַרשטאַנד, דער סוחר צוליב זיין סאָלידן און ערלעכן אויפפירן מיט וועלכן ער טיילט זיך, אויף אַ געוויסן אופן, אויס אין זיין סביבה — קריגט אין דער אונטערוועלט כבוד דער איינברעכער צוליב זיין געשיקטקייט, דער מערדער צוליב זיין האַרטקייט, דער אַפּעריסט צוליב זיין פּיפּיקייט. אַלץ זאַכן מיט וועלכע

ער הייבט זיך אַרויס און טיילט זיך אויס אין זיין סביבה. ערלעכע מענטשן מעגן טאַקע נישט אָננעמען די העכערקייט פון די דאָזיקע „מידות" און „מעלות", אָבער מען מוז אָנערקענען, אַז די וואָס באַזיצן זיי צייכענען זיך פאַרזענלעך מיט עפּעס אויס. אין זייער סביבה קריגן זיי דעם כבוד נישט אומזיסט, נאָר זיי דערגרייכן אים ווי אַ באַשטעטי־קונג פון זייער פּערזענלעכער „העכערקייט".

פּונקט ווי צו זיין אַ העלד אין דער ערלעכער געזעלשאַפט מוז מען זיין עפּעס וואָס נישט אַלע זענען עס, אַזוי מוז אויך אין דער „אָרנטלע־כער" אונטערוועלט דער העלד זיין עפּעס וואָס נישט אַלע זענען עס. ער מוז זיך קונה שם זיין, אַנדערש קריגט ער נישט קיין כבוד.

אַלע וואָסריידן וועגן די פאַרהעלטענישן אין דער נאָרמאַלער גע־זעלשאַפט, שטרייכן אונטער, אַז כבוד איז געוואָרן זייער ביליק, און אַז דער כבוד איז געוואָרן זייער נישט בכבודיק. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דעם כבוד וואָס אַ סך, אַ סך מענטשן קריגן היינט אין דער געזעל־שאַפט, קריגן זיי נישט דערפאַר, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר עפּעס מער ווי די וועלכע גיבן זיי כבוד, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוויסע מיטלען צו קויפן זיך כבוד. ביי אייניקע מיינט עס געלט, ביי אַנדערע מיינט עס — פּוסטער טומל, פּוסטע פּראַזן־דרעשעריי, סתם פעיקייט צו זיין אַ קאָכלעפל אומעטום און זיך אַליין אַרויפּזעצן אויבן אָן.

דער דאָזיקער מין פאַרשפּרייטער כבוד ווערט דערגרייכט דורך צווייערליי אופנים: ערשטנס דורך געלט. דורך געלט האָט מען אַמאָליקע צייטן אויך דערגרייכט כבוד, אָבער ס'איז געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי היינט. אַמאָל האָט דערגרייכט כבוד פאַר געלט אַ מענטש, וואָס האָט זיך לאַנגע יאָרן געלאָזט קאָסטן געלט, געווען אַ לעבן לאַנג אַ נדבן מיט דער ברייטער האַנט, געהאַט כל ימיו אַן אָפענע קעשענע. אַזאַ מענטש האָט מען אָפּגעגעבן כבוד. אמת — טאַקע צוליב זיין געלט, אָבער אַזוי ווי דאָס געבן געלט און דאָס מנדב זיין אויף צרכי ציבור איז געווען אַ זאַך, וואָס האָט באַגלייט זיין לעבן, האָט מען עס געקענט אָננעמען פאַר זיינס אַ כאַראַקטער־שטריך פון גוטסקייט, פרייגעביקייט, פּזרנות און דאָס גלייכן. במילא האָט מען שוין אָפּגעגעבן כבוד נישט בלויז דעם געלט, נאָר דעם מענטש וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע מעלות. היינט צו טאָג איז די

גאַנצע זאַך אַנדערש. מען קען טרעפן אַ סך מענטשן, וואָס זענען אַ גאַנץ לעבן געלעגן אויפן גראָשן, ווי אַ הונט אויפן ביין, נישט געהאָלפן קיינמאָל קיינעם, נישט אַרויסגעוויזן די מינדעסטע זאָרג פאַר קהלס נויטן. ערשט אויף דער עלטער, ווען זיי האָבן שוין אָנגעזאַמלט קורחס אוצרות און ווייסן שוין אַליין נישט וויפל זיי פאַרמאָגן, פאַרגלוסט זיך זיי אַביסל כבוד און זיי שענקען אַוועק אַן אינסטיטוציע אַ סומע, וואָס זעט זיך ביי זיי אַזויפיל אָן וויפל אַ פליגס אַ ביס זעט זיך אָן אויף אַ שטיקל צוקער. די אינסטיטוציע אָבער איז פאַראינטערעסירט אין דער סומע. זי טראַכט זיך, אַז פון אַ חזיר אַ האָר איז אויך אַ קערן און זי טיילט דעם פריש־געבאַקענעם נדבן צו אַ גרויסע פאַרציע כבוד מיט פרסום. צווייטנס ווערט דער דאָזיקער מין כבוד דערגרייכט דורך דער אַזוי גערופענער געזעלשאַפטלעכער טועריי, בעסער געזאָגט: דורך געזעלשאַפטלעכער שוויצעריי, וואָרעם אויב מען טיילט אַן אמתן געזעלשאַפטלעכן טוער צו כבוד איז דאָס נישט קיין עוולה און אַזאַ כבוד איז נישט קיין ביליקע זאַך. צו ביליקן כבוד געהערט אָבער דער דאָזיקער וואָס ווערט געגעבן נישט פאַר ערלעכער און אמתער געזעלשאַפטלעכער נוצלעכער טעטי־קייט, נאָר פאַר אַ טומלעריי, וואָס קיינער האָט פון איר גאָרנישט און זי ברענגט קיינעם קיין שום נוצן נישט. דער דאָזיקער מין כבוד גע־הערט צו די אָרגאַניזירטע כיבודים און ער באַשטייט אין דעם, וואָס די לייט פון די דאָזיקע כיבודים האַלטן זיך אונטער איינס דאָס אַנדערע.

דאָס ערגסטע מיט אָט דעם מין כבוד איז דאָס וואָס אַלע ווייסן, אַז ס'איז קיין כבוד נישט און פאַרקערט, עס איז אַ בזיון. פונדעסטוועגן גייט דאָס שפּיל אָן. דער דאָזיקער מין כבוד איז די שענדלעכסטע דע־פלאַציע פון כבוד־וואַלאָר, ווייל אים באַקומט מען נישט פאַר קיין העכער־קייט, מערוועדטיקייט, נאָר להיפוך — פאַר נידעריקייט און פאַר אַן ברשהדיקייט. אַזאַ כבוד איז אין אַן אָרנטלעכער מאָראַלישער געזעל־שאַפט נאָר אַ חרפה. לײדער, ס'זאָל אונדז צו קיין בזיון נישט זיין, איז דער דאָזיקער סאָרט כבוד דער פאַרשפרייטסטער און גאַנגבאַרסטער אין אונדזערע צייטן.

היוצא לנו מדברינו: דער כבוד־דראַנג איז נאַטירלעך פאַרן מענטש און ער שפּילט אין אונדזער לעבן אַפילו אַ פּאָזיטיווע ראָל. במה דברים

אמורים — ווען איז דאָס אָבער געדעדט געוואָרן? ווען דער כבוד איז אַ באַלוינונג פאַר אַ געוויסער אָנשטרענגונג, אָדער פאַר אַ באַשטימטער פעיקייט און גוטער אייגנשאַפט. ווען דער כבוד ווערט אָבער צוגעטיילט מענטשן וואָס זענען אין אַלע פּרטים נידעריקער ווי די ביי וועלכע זיי קריגן דעם כבוד, איז דאָס נישט קיין כבוד, נאָר אַ חרפּה, אַ חוזק און אַן אומכבוד. די פאַרשפּרייטקייט פון אַזאַ מין „כבוד" איז דערביי דער באַראָמעטער, וואָס ווייזט אָן אויף דער געפאַלנקייט פון דער מענטשלע־כער מאָראַל. וואָרעם וואָס אָרנטלעכער אַ געזעלשאַפט איז, אַלץ אָרנטט־לעכער און סטאַבילער איז איר באַגריף פון כבוד און די מערכה פון כבוד אין איר...

1965

קשיות און תירוצים...

„...און צו אַלע מידות מגונות וואָס עס פֿאַרמאָגט דער בן אדם קומט נאָך צו די מיאוסע טבע זיינע צו זאָגן ליגן נישט בלויז יענעם, נאָר אויך זיך אַליין. און עס איז שוין כמה מאָל געזאָגט געוואָרן, אַז ווי שלעכט עס איז דער שקר מיט וועלכן מען נאַרט יענעם, איז נאָך טויזנט מאָל ערגער דער דאָזיקער ליגן מיט וועלכן מען נאַרט זיך אַליין".

די דאָזיקע ווערטער פֿון אַן אַלטן מוסר־ספר דערמאָן איך זיך יעדעס מאָל ווען איך הער אַ לויב אויפֿן חשבון פֿון אַ געוויסן מענטש דערפֿאַר, ווייל דער דאָזיקער מענטש איז געגאַנגען, ווי מען רופֿט דאָס אָן: קעגן שטראָם, אָדער ווי אַנדערע זאָגן: ווייל ער איז געווען אַ נאָן־קאָנ־פֿאָרמיסט.

לאָמיר זיך פֿאַרשטיין, רבותי, איך זאָג נישט, אַז אַ מענטש, וואָס גייט קעגן שטראָם איז נישט ווערט געלויבט צו ווערן, איך זאָג בלויז, אַז ווען איך הער דעם דאָזיקן לויב פֿון מענטשן, וואָס זיי אַליין גייען דווקא אַ גאַנץ לעבן מיטן שטראָם פֿון דער סטאַדע, פֿיל איך בחוש, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט. וואָרים ווי אַזוי קענען די פֿאַרפֿאַלענע שטראָם־גייער, די געשוווירענע קאָנפֿאָרמיסטן, באמת הנאה האָבן און רימען אַזאַ דרך וועלכן זיי אַליין פּראַקטיצירן נישט און פֿון וועלכן זיי אַנטלויפֿן אַ מייל די ווייט?

איך לייען אָפֿט ווי מען שרייבט וועגן אַ געוויסן מענטש (געוויינ־לעך ווען יענער לעבט שוין נישט און איז שוין מער נישט שעדלעך), אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין נאָן־קאָנפֿאָרמיזם, מיט זיין קעגן־שטראָם־גייעריי, און דאָס דאָזיקע ווערט אַרויסגעשטעלט ווי אַ הויכע מעלה און ווי אַ גרויסע קוואַליטעט. אָבער איך ווייס דאָך דערביי זייער גוט, אַז סיי די וואָס לויבן די מעלה, שרייבנדיק, סיי די וואָס

פּאַטאַקעווען זי, לייענענדיק, זענען מענטשן וואָס גייען אַ גאַנץ לעבן נישט אָפּ פון דעם שטראָם־וועג אויף אַ האָר רעכטס, אָדער אויף אַ האָר לינקס. היינט זשע, אויב זיי אַליין, פרעג איך, היטן זיך אַ גאַנץ יאָר אויס פון דעם מינדסטן ביסל אַליין־גייערײַ, אויב זיי אַליין טרעטן נישט אָפּ אויף אַ מילימעטער פון דעם סטאַדע־שפּאַן, טאָ פאַרוואָס געפעלט זיי אַזוי יענעמס גאַנג קעגן שטראָם?

געפעלט עס זיי טאַקע? ליבן זיי טאַקע אין יענעמען דאָס וואָס זיי אַליין קענען ביי זיך נישט פועלן? כ׳בין נישט גרייט אָנצונעמען די דאָזיקע השערה. דאָס ליבן די אומקאָנווענץ געהערט פשוט צו דער קאָנווענציאָנאַליטעט. וואָס גרעסער דער פיליסטער, אַלץ שענערע רייד האָט ער קעגן דעם אחרי רבים להטות. וואָס מער סנאָב, אַלץ מער דאָס אַנטציקן זיך מיט נאָן־קאָנפאָרמיזם, מיט שויבן־ברעכעריי, מיט שלא כדרך־הטבעדיקן־אויפפיר אין דער געזעלשאַפט.

אוודאי האָב איך שוין אַ סך מאָל געזען לייענער, וואָס אַנטציקן זיך מיט אַ מאמר, וואָס שילדערט אַ פלוני־אלמוני אַלס וואָזשנעם מענטש, צוליב דעם וואָס ער איז זיין לעבן דורכגעגאַנגען אין אַ קעגן־שטראָמי־קער ריכטונג. כ׳וואָלט אָבער וועלן זיין דערביי ווען אָט דער קעגן־שטראָם־גייער פאַלט אַריין אויף אַ שמחה פון דעם זעלביקן אַנטציקטן לייענער און נעמט דאָרט פראַווען זיין נאָן־קאָנפאָרמיזם מיט וועלכן ער צעיאָגט אַלע געסט. וואָס וואָלט דער דאָזיקער לייענער דעמאָלט גע־טענהט? וואָלט ער גרייט געווען צו דעקן זיין אַנטציקונג מיט דעם נאָן־קאָנפאָרמיסטישן מענטש דורך אַ קאָפּעלע געדולד פאַר זיינע קעגן־שטראָם־גייערישע שטיק?

איך זאָג: איך וואָלט אַ בעלן געווען צו זען... האָב איך עס נישט געזען? אַ יאָ, איך האָב עס שוין אַ סך מאָל געזען. כ׳האָב געקענט איינעם אַ דיכטער וואָס מען האָט געזאָגט אַז זיין גרויסקייט איז דאָס וואָס ער גייט קעגן שטראָם, נישט בלויז אין זיין ריכטונג, נאָר אויך אין זיין פּערזענלעכן לעבן. נו, דער דאָזיקער דיכטער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ווען ער איז ערגעץ אויפגעטרעטן. מען איז געלאָפן אויף אים קוקן ווי אויף אַ בייז ווונדער. און לאָמיך צוגעבן — מען האָט נישט גע־זשאַלעוועט אים קיין באַגייסטערטע בראַוואָ־אַפּלאָדיסמענטן. אָבער איך

געדענק גוט מיט וואָס ס'האָבן זיך געענדיקט די עטלעכע פּרוּוון אים צו פאַרבעטן אין שטוב אַריין. די סנאָבישע פאַרבעטער, וואָס האָבן דעם אַנטציקנדיקן נאָן־קאָנפאָרמיזם דערזען אין זייערע אייגענע דלות אמות, אַ ביסל צו נאָענט צו זייער טאָג־טעגלעכן פּראַקטיצירטן קאָנפאָרמיזם, האָבן אויף צו מאָרגנס געשאָלטן אַלע קעגנשטראָם־גייער מיט טויטע קללות און אַז זיי האָבן שפּעטער געזען אַנטקעגן קומען איינעם וואָס איז ענלעך אויף אַ מענטש וואָס פאַרנעמט זיך מיט דיכטונג, זענען זיי אַנטלאָפן אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר. איך האָב נאַטירלעך נישט קיין טענות צו די דאָזיקע מענטשן, וואָס ווילן נישט, אַז ביי זיי אין שטוב זאָל מען משנה זיין דעם דרך העולם. איך האָב נישט קיין תרעו־מות אויף די מענטשן, וואָס ווילן, אַז ביי זיי אין שטוב, זאָל מען, למשל, שיטן דאָס אַש פון די פּאַפּיראָסן אין אַש־בעכער און נישט אויף די טעפּיכער, אָדער אַז מען זאָל זיך ווישן די פעטע הענט נאָכן מאָלצייט אין די סערוועטקעס און נישט אין די גאַרדינען. אָבער פאַרוואָס, צו אַלדי טייוול, זאָגן זיי נישט קלאָר און אָפן, אַז דער דאָזיקער קאָנפאָרמיזם געפעלט זיי און זיי שפּילן, פאַרקערט, די ראָל פון גרויסע אָנהענגער פון קעגן־שטראָם־גייעריי?

און דאָס איז דאָך נישט שייך בלויז די לייענער, דאָס איז אויך שייך מייַנע ברידער, די שרייבער. ווי אָפט לייען איך זייער באַגייסטערונג מיט עפּעס עמיצן וואָס איז געגאַנגען קעגן שטראָם; וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן „ניין" אויף דעם וואָס די גאַנצע וועלט האָט געזאָגט „יאָ", וכדומה, וכדומה. פונדעסטוועגן וואָלט איך געוואָלט זען וואָס עס וואָלטן געטענהט די דאָזיקע שרייבער, ווען עמיצער קומט אויף זייערס אַ באַנ־קעט און אַנשטאָט צו צוגיסן אַ פעסל אייל צו די פעטע שבחים, שטעלט ער זיך אַנידער און זאָגט דאָס פאַרקערטע וואָס אַלע זאָגן, דאָס הייסט, דאָס זעלביקע, וואָס אַלע מיינען?

דאָס וואָלט דאָך געווען די אמתע געלעגנהייט צו באַווייזן די אויפ־ריכטיקע אָפּשאַצונג פון נאָן־קאָנפאָרמיזם. נו, האָט איר אַמאָל געהערט אָדער געזען, אַז אַזאַ שרייבער וואָס לויבט די קעגנשטראָם־גייער זאָל ווען דעם דאָזיקן קעגנשטראָם גאַנג פאַרזוכן בגופו ובנפשו?

אין דער אמתן, מייַנע פריינט, ווייס איך נישט פאַרוואָס ציט עס

דעם מענטש ער זאָל זיך פּוצן אין ליגנס, ווען עס וואָלט געווען פיל שענער און לייטישער ,אַז ער זאָל אויסקומען מיטן אמת? נעמט למשל טאַקע דעם זעלביקן ענין: קעגן־שטראָם־גאַנג, וואָס איז ניין און ניינציק מיט ניין צענטל פּראָצענט מענטשן אויף דער וועלט דערזווידער. פאַרוואָס זשע זאָלן די דאָזיקע אַלע ניין און ניינציק מיט ניין צענטל פּראָצענט מענטשן נישט האָבן דעם מוט צו זאָגן הויך אויפן קול, אַז זיי זענען קעגן נאָך־קאָנפאָרמיזם און אַז זיי געפעלט דווקא דאָס גיין מיטן שטראָם?

פאַרוואָס דאַרף מען מאַכן אָנשטעלן און זיך חנדלען מיט אַ שקר ווען מען קען אויסקומען מיטן אמת?

וואָר איז, אַז קאָנפאָרמיסטן זענען אויף דער וועלט פאַראַן אַ סך. נאָך־קאָנפאָרמיסטן זענען פאַראַן זייער ווייניק. נו, און דאָס וואָס איז אַ זעלטנקייט איז במילא בחשיבות. אָבער אַז מען פאַרטראַכט זיך גוט, זעט מען ערשט אַז טאַקע אין דעם וואָס מיר טיילן צו חשיבות צו זעל־טענע עקזעמפּליאַרן איז פאַראַן אַ שטיק קאָנפאָרמיזם, וואָרעם כאָטש שטיין־קוילן זענען פאַראַן אַ סך און בריליאַנטן זענען פאַראַן ווייניקער, זענען די קוילן פּאָרט נוצלעכער ווי די בריליאַנטן.

דער גאַנג קעגן שטראָם איז זייער אַ זעלטענער אויף אונדזער וועלט. אָבער צוריק געשמועסט, וואָס איז מיט אים דער יחוס אַזוי גרויס? פאַרוואָס קומט דעם איפּכא מסתברא אַזאַ כבוד? מיט וואָס איז אַ קו, אַ נאָך־קאָנפאָרמיסטקע, וואָס גיט נישט קיין מילך, בעסער, ניין, שענער, ווי אַ קאָנפאָרמיסטישע קו וואָס גיט יאָ מילך

די וועלט אין וועלכער מיר לעבן, צי זי איז אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע, די דאָזיקע וועלט איז אָן ספק באַשאַפן געוואָרן דורך די שטראָם־גייער, דורך די קאָנפאָרמיסטן. אַלדי באַקוועמלעכקייטן וואָס מיר האָבן און פון וועלכער מיר געניסן מיט אַזאַ גרויס חשק, האָבן באַ־שאַפן די שטראָם־גייער, די קאָנפאָרמיסטן. וואָס האָבן געשאַפן די איפּכא מסתברא, די גייער קעגן שטראָם? זיי האָבן געשאַפן אַלע שלעק פון רעוואָלוציעס, אַלע מהומות פון בונטאַרישע פילאָזאָפיעס און אַ צולאָג דערצו — אַ וועלט מיט שיינע פראַזן, וואָס קיינער טראַכט קיינמאָל נישט צו נעמען זיי אויף אַן אמת ערנסט.

ביין, עס איז נישטאָ וואָס צו שעמען מיטן שטראָם־גייעריי. עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט צו פרייען זיך אויף אַ שמחה פון אַ קינד. עס איז נישט קיין חסרון ווען מען ווייגט אויפן טויט פון אַ נאָענטן. און ס'איז גאָרנישט אַזאַ גרויסקייט, אַזאַ לויבנסווערדיקע מעלה, ווען מען רייסט זיך אַריין צו יענעם אין געמיט מיט די שטיוול, בעת אים טוט דאָס האַרץ ווי אַפילו פון אַ זיידענעם הענטשקע־באַריר.

כאָטש דאָס לעצטע איז נוסח „נאָן־קאָנפאָרמיזם".

און דערפאַר, אַז איך הער און איך זע ווי מענטשן אָנטציקן זיך מיט דער מעלה פון קעגן שטראָם־גאַנג, ווי זיי שטעלן זי אַרויס ווי אַ טוגנט, ווי אַ קוואַליטעט צו וועלכער לאָוו כל אדם זוכה, דערמאָן איך זיך אין יענעם מוסר ספר וואָס באַדויערט די מענטשן, וועלכע האָבן צו אַלע זייערע שלעכטע אייגנשאַפטן נאָך איינע און דאָס איז: די אייגנשאַפט זיך אַליין אָפּצונאַרן.

*

און אַז מען רעדט שוין וועגן שלעכטע אייגנשאַפטן: די וועלט פרעגט שוין לאַנג אַ קשיא הלמאי ציט עס אַ בלינד פערד דווקא אין גרוב אַריין? און הלמאי ציט עס דעם מענטשן ער זאָל זיך אַרויסשטעלן מיט מידות און מעלות וואָס זענען לגמרי נישט בנימצא אין זיין כאַ־ראַקטער?

איך קען, מיר אַלע קענען, קאַרגע וואָס רעדן נאָר וועגן זייערע פזרנות.

איך קען אַזעלכע וואָס מען ווייסט, אַז זיי האָבן אַ ביסל לענגלעכע הענט און דווקא זיי שווערן זיך תמיד אויף זייער ערלעכקייט און אָפּ־געהיטנקייט.

נו, און אַז די גרעסטע נאַראָנים האָבן אַ טבע צו רעדן וועגן זייער חכמה — דערפון איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

עס איז אַ זאַך וואָס איז נישט צו פאַרשטיין, ס'איז פשוט אַ פסיכאָ־לאָגיש רעטעניש.

אַ רשע מרושע, וואָס וואָלט אומגעבראַכט די גאַנצע וועלט גייט כסדר אַרום און קלאָגט אַז מען פאַרפאָלגט אים, אַז אַלע זענען אים שונאים, אַז אַלע ווילן אים שלעכטס טאָן.

אַ שרייענדיקער רעקלאַמע־אַגענט פון זיין אייגענער פירמע, הערט נישט אויף רעדן וועגן זיין עניוות און וועגן דעם, אַז ער האָט נעבעך נישט קיין עלעגבויגנס.

עס זעט אויס ווי עפּעס אַ שד וואָלט געזעסן אין די דאָזיקע ברואים און זיי געצוווּנגען צו טאָן זאַכן, כדי זיי זאָלן פון זיך אַליין חוזק מאַכן.

אַנדערש קען עס דער שכל נישט משיג זיין.

יאָ, עפּעס אַ שד זיצט אין דעם מין מענטש און צווינגט אים ער זאָל מיט זיינע קאַפּויערדיקע רייד מגלה זיין די קרומקייטן פון זיין כאַראַקטער.

און אפשר איז דאָס טאַקע דער שכל פון דער זאַך?

עס קען זיין, אַז ווען אַ קאַרגער זאָל נישט רעדן פון זיין ברייט־האַנטיקייט וואָלט מען זיך אפשר נישט אַזוי גיך געכאַפּט אויף זיין קאַרגשאַפט.

עס קען זיין, אַז ווען דער מענטש מיט די רירעוודיקע הענט וואָלט נישט אַזוי אָפט גערעדט וועגן זיין ערלעכקייט וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן אַז ער איז אַ גנב.

קומט אויס, אַז דער אדון כל היצירה האָט ספּעציעל אַזוי באַשאַפן דעם בן־אדם, אַז ער זאָל אַליין מסרן זיינע שלעכטקייטן און קרומקייטן.

כי בחכמה ברא את האדם... ס׳וואָלט אָבער געווען מער חכמה, ווען ער זאָל אים באַשאַפן אַזוי, אַז ער זאָל נישט האָבן וואָס צו באַהאַלטן און וואָס צו אַנטפּלעקן.

דער רבונו של עולם, זאָגט מען, באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה. מיר וואָלט אָבער געקענט באַשטיין, אַז ער זאָל נישט באַשאַפן קיין רפואות, בתנאי ער זאָל אויך קיין מכות נישט באַשאַפן. אגב, זענען די דאָזיקע געדאַנקען־שאלות נישט קיין נייע. איוב האָט זיי שוין גע־טראַכט און געפרעגט און גאָט אַליין האָט אים, ווי מיר ווייסן, אויף זיי געענטפערט. זאָל אונדז אָבער דער גורל היטן און שיצן פון איובס פראַגן, אפילו ווען מען קריגט אויף זיי גאָטלעכע תירוצים.

1965

די שעדלעכקייט צו שפּילן אַן אומנאַטירלעכע ראָל

ווען גיט זיך אַ מענטש אָפּ אַ דין וחשבון, אַז ער איז שוין אַ באַ בימים — אַז ער איז, הייסט עס, אַריין אין זיידנס יאָרן? דאָס איז אַ פראַגע אויף וועלכער עס איז נישט גרינג צו ענטפערן. יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך (אַזוי זאָגט מען) און יעדע וועלט האָט זיך אין דעם פּרט אירע אייגענע געזעצן. אַ מענטש — טענהן די היינטיקע סאָציאָלאָגן און מעדיצינער — איז אַלט בלויז אַזויפיל וויפל עס זאָגט אים זיין זעלבסט־געפיל און ווען ס'קומט צו זעלבסט־געפיל זענען נישטאָ קיין צוויי וואָס זאָלן זיין גלייך. איינער פילט זיך מיד און דער־שעפּט פון לעבן ביי די פופציק און אַ צווייטער האָט נאָך ביי די זעכציק דאָס געפיל, אַז ער קען אָנהייבן פון דאָס ניי. דאָס מין אַריבערשפּאַנען די גרענעץ פון דער זקנה איז דעריבער זייער אַן אינדיווידועלער ענין און איר קענט אין דעם פּרט נישט קויפן קיין צוויי פאַר שטיוול וואָס זאָלן זיין גלייך.

כ'האָב אַמאָל געזאָגט, אַז דער צייכן פון אַריבערשפּאַנען די זקנה־גרענעץ איז דאָס אָנהייבן לעבן מיט זכרונות. ווען אַ מענטש כאַפּט זיך, אַז זיינע געדאַנקען דרייען זיך שוין מער אַרום דער פאַרגאַנגענהייט ווי אַרום דער צוקונפט, איז דאָס דער ערשטער סימן, אַז ער איז אַריין אין דער ספּערע פון אַלטקייט. דאָס איז אָבער לגמרי נישט אַזוי פּשוט ווי עס קען זיך אויסדאַכטן. אַ מענטש קען אַמאָל טראַכטן וועגן דער צו־קונפט און פונדעסטוועגן שוין זיין אַ זקן. ווען געשעט דאָס? דעמאָלט ווען ער טראַכט וועגן דער צוקונפט מיט די טערמינען פון דער פאַר־גאַנגענהייט, דאָס הייסט: ווען ער טרוימט און שטרעבט צו דערגרייכן אין דעם עתיד דאָס וואָס ער האָט פאַרלוירן אין דעם עבר. ווען אַ בן אדם חלומט וועגן צוריקגעווינען דאָס פאַרלוירענע אין דער יוגנט, ווען

ער טרוימט און חלומט אויפצובויען מאָרגן אַ לעבן לויט די מוסטערן פון דעם זכרון, איז כאָטש ער טראַכט וועגן מאָרגן, איז ער דאָך אַ געפאַנגענער פונעם נעכטן און דאָס איז דער סימן פון זיין אַלט־ווערן.

בדרך כלל זעט מען זעלטן אויף זיך גופא, אַז מען איז אַלט געוואָרן, מען מעג אַפילו קוקן טויזנט מאָל אין שפיגל. כדי צו דערפילן די אייגענע יאָרן, מוז מען האָבן אַ צווייטן מענטש. ערשט אינעם שפיגל פון יענעמס באַיאָרטקייט זעט מען די אייגענע עלטער.

פאַרשטייט זיך, אַז דער צווייטער מענטש דאַרף זיין אַזאַ, וועלכן מען זעט נישט צו אָפט. אַלע ווייסן, אַז ווען מען טרעפט זיך מיט עמיצן טאָג־טעגלעך אין משך פון אַ לאַנגער צייט, באַמערקט מען אין אים נישט קיין שום ענדערונג. ערשט ווען מען דערזעט אַ פריינט, אַ חבר, אַ באַקאַנטן וועלכן מען האָט אַ לאַנגע צייט נישט געזען, גיט אייך אַ שלאָג אין די אויגן ווי שטאַרק יענער האָט זיך געביטן. פון יענעמס געביטנקייט הייבן מיר אָן צו פאַרשטיין, אַז מיר אַליין זענען אויך נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט, אַז מיר האָבן זיך אויך אַריינגערוקט טיפער אינעם חשבון פון דער צייט.

סמנים, אַז מיר ווערן עלטער זענען פאַראַן פאַרשידענע און דער בעסטער סימן איז דאָס וויסן די אייגענע יאָרן. פונדעסטוועגן וויל דער מענטש נישט צולאָזן צום געדאַנק אָט די אַלע שכלדיקע סמנים. ער ווייסט וועגן זיי, אָבער עפּעס אָנערקענט ער זיי נישט. זיי זענען פאַראַן אין זיין באַוווסטזיין, אָבער נישט אין זיין בלוט. ערשט ווען עס מאַכט זיך אַמאָל אַ זאַך וואָס גיט אייך אַ שטאַרקן טרייסל, הייבט איר אָן באַנעמען מיט אַלע חושים, מיטן געדאַנק און מיטן בלוט, אַז איר זיינט אַריבער די גרענעץ.

אַ קלוגער ייד, וואָס זיינע טרעפלעכע מעשהלעך געדענקען זיך, האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז ווען ער איז געפאָרן קיין ישראל, איז ער דאָרט געגאַנגען באַזוכן זיינעם אַ יוגנט־פריינט. צוגעקומען צום הויז ווו זיין יוגנט־פריינט האָט געוווינט, האָט ער אָנגעקלונגען אין טיר און ס'האָט אים געעפנט אַ ייד מיט אַ לאַנגער, שוין היפש־גרווילעכער באָרד. מיין דערציילער האָט געפרעגט : ווווינט דאָ דער און דער ? דערויף האָט דער ייד מיט דער לאַנגער גרווילעכער באָרד געענטפערט : דער טאַטע

איז איצט אַקוראַט נישטאָ אין דער היים... קוקנדיק אויף אַט דעם זון פון מיין יוגנט־פריינט, האָט מיין דערציילער געזאָגט, האָב איך מיטאַמאָל דערפילט ווי אַלט כ׳בין שוין אַליין.

ס׳רוב מענטשן באַקומען דאָס ערשטע אומאַנגענעמע געפיל פון זייער אַלט ווערן, ווען זיי דערזעען ביי זייערע קינדער עפּעס וואָס האָט זיך זיי איינגעקריצט אין זכרון פון דער אייגענער יוגנט. דאָס וויל זאָגן: ווען זיי דערזעען זייער זון, אָדער זייער טאָכטער אין זייער אייגענער יוגנט־ראָל. לויט דעם וואָס מיר זאָגן וואָלט עס געדאַרפט הייסן, אַז ווען דער זון ווערט אַ חתן, אָדער ווען די טאָכטער געבוירט דאָס ערשטע קינד, דאַרף דער טאַטע, אָדער די מאַמע דערפילן, די משא פון יאָרן. דאָס איז אָבער נישט אַזוי. אויך אין דעם פּרט איז דאָס דערפילן די יאָרן־משא אַן אינדיווידועלע זאַך. איינער באַקומט די דאָזיקע עמפּינ־דונג העט, העט פאַרן ערשטן אייניקל און אַ צווייטער אַפילו נישט דעמאָלט ווען ער איז שוין אַ זיידע פון דריי אייניקלעך. ס׳איז, ווי געזאָגט, אָפּהענגיק פון דעם מאָמענט, וואָס האָט זיך צום שטאַרקסטן איינגעקריצט אין אייער זכרון פון דער יוגנט־צייט און וואָס מיט אים פאַרבינדט איר אונטערבאַוווסטזיניק אייער יוגנט. (מיט אַנדערע ווער־טער: דער מאָמענט וואָס איז אַזוי צו זאָגן, דער פּערזענלעכער סימבאָל פון אייער יוגנשאַפט). ווען איר דערזעט דעם דאָזיקן מאָמענט, אין לעבן פון אייער זון, אָדער טאָכטער, דעמאָלט כאַפּט איר זיך אויף דעם אַוועקלויף פון אייערע יאָרן. היות אָבער נישט יעדער מענטש טראָגט אין זיין זכרון די זעלביקע מאָמענטן פון זיין יוגנט, היות יעדן איינעם פאַרקריצט זיך אין זיין געדענקשאַפט עפּעס אַנדערש און ער אַסאָצי־אירט זיין יוגנט מיט אַן אַנדערער איבערלעבונג, קומט במילא אויס, אַז נישט יעדער מאָמענט אין זיין קינדס לעבן דערמאָנט אים אין דעם פאַרשווינדן פון דער צייט און אין דעם אייגענעם אַריינגאַנג אין דער עלטער.

איך וויל דאָ נאָך אַמאָל אונטערשטרייכן, אַז דאָ רעדט זיך בשום אופן נישט וועגן דעם פּשוטן וויסן די אייגענע יאָרן. וויסן, אַז מען איז אַלט כך וכך האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן געפיל פון אַלט־זיין, אָדער אַלט ווערן. וויסן און פילן זענען צוויי באַזונדערע זאַכן.

נאַטירלעך איז דאָס געפיל אָפּהענגיק פון כמה וכמה סיבות. ס'איז אָפּט אַ פראַגע פון געזונט, פון טעמפּעראַמענט און פון נאָך אַנדערע זאַכן. נאַראָנים, זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל, עלטערן זיך נישט. איינער וואָס האָט נישט אָנגעזאַמלט קיין דערפאַרונגען, וואָס איז נישט קליגער געוואָרן, וואָס האָט נישט דערזען דעם גאַנצן הבל הבלים פון לעבנס־געיעג, ווערט מסתם שפּעטער עלטער. ווער איז אַ זקן? פרעגט דער תלמוד און ער ענטפערט: מי שקנה חכמה, — דער וואָס די יאָרן האָבן אים געמאַכט קליגער, דערפאַרענער. ווען איינער איז אַ נאַר, האָט ער אַ סך שאַנסן צו בלייבן יונג ביז אין זיין שיבה אַריין.

דאָס געפיל, אַז מען ווערט אַלט, אָדער אַז מען איז אַלט געוואָרן, געהערט נישט צו די אָנגענעמע געפילן און דערפאַר ווילן אַ רוב מענטשן עס פאַרדרענגען פון זייער באַוווסטזיין. אַנדערע פרווון פשוט אָפּנאַרן דעם שר פון דער צייט. (אפשר דער עיקר אָפּנאַרן דעם מלאך המוות). זיי מיינען, אַז אויב זיי וועלן אויסזען יונג, אויב זיי וועלן מאַכן דעם אָנשטעל פון יוגנטלעכקייט, וועט די השגחה, דאָרט אויבן, פאַרלירן דעם חשבון און זיי וועלן יאָקאָש באַווייזן אומבאַמערקט צוריק צו רוקן דעם זייגער.

היינטיקע צייטן האַלט מען פון אָט דעם צוריק־רוקן דעם יאָרן־זייגער זייער שטאַרק. ס'איז וועגן דעם פאַראַן אַ גאַנצע ווויסנשאַפט, אַ גאַנצע מאָראַל און אויך גאַנצע אינדוסטריע. דער אמת איז, אַז אַליין אויף זיך אַרויפציען די עלטער, דאַרף מען טאַקע נישט. צו וואָס זיך איילן? די יאָרן וועלן שוין טאָן זייערס.

אָבער פונקט ווי מען דאַרף זיך נישט איילן אַלט צו ווערן, און פונקט ווי מען דאַרף נישט אונטערהעלפן די אַלטקייט, אַז זי זאָל אייך באַפאַלן פריצייטיק, אַזוי איז אויך נאַריש און לעכערלעך מלחמה צו האַלטן מיט די פאַקטן און צו פאַרלייקענען די יאָרן, נישט נאָר מיט רייד, נאָר אויך מיט דער הנהגה. דאָס ייִנגלען זיך פון אַלטע לייט איז נישט בלויז קאָמיש, נאָר ס'איז אָפּט אויך טראַגיש, ווייל ס'איז תמיד טראַגיש ווען אַ מענטש וויל אויסמיידן די פאַטאַליטעט, וועלכער ער האָט נישט קיין שום אויסזיכט צו באַקעמפן. אייגנטלעך איז דאָך דער

באַגריף „טראַגעדיע" נישט עפּעס אַנדערש ווי דער פאַרשפּילטער קאַמף קעגן פאַטום.

כ'מוז דאָ ווידעראַמאָל ציטירן אַ וואָרט פון די חז"ל. עס זענען פאַראַן, זאָגן זיי, דריי מענטשן וועגן וועלכע דער רבונו של עולם זאָגט: איך און זיי קענען נישט זיין צוזאַמען. איינער פון די דאָזיקע דריי איז אַ זקן אַ נואף. ניאוף איז בכלל אַ זינד, וואָס ווערט ביי אונדז יידן שטאַרק געטאַדלט. פונדעסטוועגן, ווען די דאָזיקע זינד ווערט באַגאַנגען דורך אַ יונגן מענטש איז נאָך פאַר איר פאַראַן אַ תשובה און דאָס הייסט: אַ געוויסע פאַרשטענדעניש. ווען אָבער אַ מענטש אויף דער עלטער וויל נאָכטאָן די מעשי נעורים, קען גאָט ברוך הוא מיט אים נישט הויזן אין איין וועלט. עס איז נישט אַזוי די זינד גופא, ווי עס איז די פאַרקריפּלונג פון דעם נאַטירלעכן לעבנס־געזעץ. אַ מענטש, וואָס וויל אויף דער עלטער שפּילן די ראָל פון אַ יוגנטלעכן און וויל זיך פירן אַזוי ווי אַ יוגנטלעכער, פאַרלעצט דעם נאַטירלעכן גאַנג און דעם נאַטירלעכן סדר פון לעבן און ער שאַפט כאַאָס אין דער מאָראַליטעט פון דער נאַטור.

דאָס איז אָבער חל נישט בלויז אויף דער אַקטיוויטעט פון מענטש, נאָר אויך אויף דעם מענטשנס געדאַנקען. ווען אַ מענטש צו זעכציק טראַכט אַזוי ווי אַ יינגל צו די 16, ווען ער פאַראַדירט אין זיין גרויקייט מיט מחשבות אין די קורצע יוגנט־הייזלעך, ברענגט ער אַריין אומנאַר־מאַלקייט אין לעבן און ער מאַניפעסטירט אַ דעגענערירטקייט וואָס איז פאַר אים און די אַרומיקע זייער שעדלעך...

דער מוסר השכל: שעמט איך נישט אויב די פּאָפּ־מוזיק געפעלט איך נישט און אויב פון די מאָדערנע פילמען שלאָגט אייך צו דער גרינער גאַל. אויב איר זייט שוין אַ בא בימים, טאָ שפּילט נישט די ראָל פון קיין יוגנטלעכע. מאַכט נישט קיין אַנשטעל און זאָגט נישט קיין ליגן, נישט יענעם, נישט זיך אַליין...

1964

חכמה איז די גרעסטע נאַרישקייט

דער שרייבער אפרים קאַגאַנאָווסקי ע"ה, איז געווען זייער אַ קלוג־גער מענטש. איינמאָל, געדענק איך, האָבן מיר זיך פאַנאַנדערגעשמועסט וועגן חכמה, האָט קאַגאַנאָווסקי געזאָגט, אַז די גרעסטע חכמה פון אַ מענטש איז, אַז ער זאָל געפינען די ריכטיקע אויסמעסטונג פון זיין אָרט צווישן אַנדערע מענטשן. ער איז דערמיט אויסן געווען צו זאָגן, אַז ווען אַ מענטש ווייסט ווו ער האַלט אין דער וועלט און ער ווייסט אויך וואָס פאַר אַן אָרט ער פאַרנעמט, לויט זיין ווערט, אין דער געזעל־שאַפט, ווערט ער דערמיט אויסגעהיטן פון טאָן כלערליי נאַרישקייטן. דער דאָזיקער געדאַנק איז מיר געפעלן געוואָרן, ווייל ער שטימט אויך מיט מיין אויפפאַסונג, אָבער ווען איך האָב וועגן אים אַ טראַכט געטאָן, האָב איך געזאָגט:

— דאָס איז דאָך וואָס אונדזערע חכמים האָבן געלערנט וועגן דעם מכיר את מקומו...

מיר האָבן זיך ביידע דערפרייט וואָס מיר האָבן געפינען אַ תנא דמסייע צו אונדזערע רייד און געדאַנקען. דאָך האָבן מיר, ריידנדיק אויף דער זעלביקער טעמע, איינגעזען, אַז די דאָזיקע דעפיניציע שעפּט נאָך ווייט נישט אויס דעם גאַנצן באַגריף פון חכמה און מיר האָבן זיך געבראַכט אַלס משל ר' נחמן בראַסלעווערס מעשה וועגן דעם חכם און דעם תם. דער חכם אין דער דאָזיקער מעשה ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ נאַר, כאָטש ער שאַצט אָפּ זיין אָרט אין דער געזעלשאַפט. דער נאַר ווייזט זיך אָבער אַרויס פאַר אַ חכם, כאָטש ער שאַצט אונטער זיין פּלאַץ און זיין ווערט צווישן די אַרומיקע מענטשן. נימצא, אַז מען קען זיין אַ חכם אויך דעמאָלט ווען מען איז נישט דער מכיר את מקומו, ווי די חכמים האָבן געלערנט.

מיר זענען דאָן געקומען צו אַן אַנדערער מסקנא: זעט אויס, אַז דער אמתער חכם איז דער וואָס מאַכט נישט קיין ווען פון זיין חכמה, ווייל אמתע חכמה איז, אפנים, דאָס וויסן, אַז מען איז נאַריש; דאָס וויסן, אַז מען ווייסט גאָרנישט.

אויך דער דאָזיקער אויספיר איז מיר געפעלן געוואָרן און כ׳האָב זיך אַ לאַנגע צייט מיט אים אַרומגעטראָגן ווי מיט אַן אבן טוב. אָבער אין לויף פון די יאָרן און די דערפאַרונגען האָב איך איינגעזען, אַז דאָס איז אויך נישט די אמתע דעפיניציע וועגן דעם מהות פון חכמה, ווייל וואָס אומשטייגנס געזאָגט, איז די חכמה ווען אַ מענטש פאַרקלענערט אַליין זיין אייגענעם ווערט? נישקשה, מיר לעבן אין אַ געזעלשאַפט, אַרומגערינגלט מיט מענטשן וואָס פאַרקלענערן אַזוי אויך דיין אמתן ווערט... נישט וויכטיק צוליב וואָס זיי טוען עס, צוליב קינאה, צוליב רישעות, אָדער צוליב אַנדערע זאַכן. היינט־זשע וואָס איז די קלוגשאַפט זיי נאָך צו צוהעלפן אין דער דאָזיקער זאַך? איז ר׳ נחמן בראַצלעווערס באַרימטער מעשה געשעט טאַקע, אַז דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ תם, ווערט שפּעטער באַלוינט ווי אַ גרויסער חכם. אין לעבן געשעט אָבער נישט אַזוי ווי אין די שיינע מעשות. אין לעבן, אַז איינער נעמט זיך נישט אַליין, האָט ער טאַקע נישט. אַז איינער שרייט נישט אין אַלע גאַסן, אַז ער איז אַ צדיק, אַז ער איז ערלעך און אָרנטלעך, קוקט מען טאַקע אויף אים אַזוי ווי ער וואָלט געווען דאָס פאַרקערטע פון די אַלע זאַכן. טאָ וואָס פרעג איך, איז דאָ די חכמה פון צוהעלפן מענטשן אין זייער נאַריש־קייט און אין זייער שלעכטקייט?

נער הייתי וגם זקנתי, און ביז היינט קען איך די דאָזיקע שאלה נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערן. לפעמים פאַלט מיר איין, אַז די גרעסטע חכמה פון אַ מענטש איז צו טאָן אַלץ אויף אַזאַ אופן, אַבי ס׳זאָל אים זיין גוט. גיי אַרום און בלאָז זיך באַדיי ווי אַן אינדיק און האָב דאָס נאַרישסטע אויסזען ביי מענטשן, נאָר אויב דיר איז דערפון גוט און דו האָסט דערפון הנאה, איז עס שוין אַ גרויסע חכמה, ווייל סוף כל סוף אין דאָך יעדער מענטש אַ וועלט פאַר זיך אַליין, טאָ וואָס דאַרף איך זיך דאגהן ווי אַזוי איך זע אויס אין אַנדערע אויגן — אַבי מיר איז וווּל,

אַבי איך קען מאַכן, אַז איך זאָל פילן די דאָזיקע ווירקלעכקייט, איז דאָס שוין דער שפּיץ פון חכמה.

אָבער צוריק געשמועסט: ווען מען זאָל אָננעמען דעם דאָזיקן גע־דאַנק, איז דאָך אַ סוף צו דער מענטשלעכער מאָראַל, צום מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. אויב מען זאָל זאָגן „אני ואפסי עוד" — איך אַליין בין דאָס ווירקלעכקייט און וואָס מען טראַכט וועגן מיר גייט מיך נישט אָן, איז דאָך כולו כל הקיצין. דעמאָלט איז דאָך איש כל הישר בעיניו יעשה... דעמאָלט הערט מען זיך דאָך אויף רעכענען מיט אַנדערע מענ־טשן, דעמאָלט שטעלט מען דאָך דאָס גאַנצע לעבן אויפן נאַקעטן פּינ־טעלע פון אייגענעם עגאָיזם, וואָס ברענגט דיך צו טאָן דאָס וואָס דו מיינסט אַז ס'איז פאַר דיר גוט...

איזה חכם, זאָגן די חכמים, הרואה את הנולד, ווער איז אַ חכם, וואָס זעט פאַר די צוקונפט. עס מיינט נישט, אַז ער טרעפט ברוח נבואה היינט, וואָס ס'וועט געשען מאָרגן, עס מיינט, אַז אַ חכם איז דער וואָס רעכנט אויס צופריער וואָס עס וועט זיין שפּעטער; ער טוט נישט קיין שום זאַך, אַז ער זאָל נישט איבערטראַכטן וועגן אירע קאָנסעקווענצן. יאָ, דאָס איז טאַקע אַ גרויסע חכמה, אָבער איך האָב שוין פונדעסטוועגן געזען אַ סך, אַ סך אַזעלכע חכמים, וואָס דווקא אָט דאָס רעכענען און אויסרעכענען האָט זיי ממש אומגליקלעך געמאַכט. כ'האָב געזען אַזעלכע וואָס האָבן אַזוי לאַנג און אַזוי ציטערנדיק באַרעכנט זייער מאָרגן, אַז זיי האָבן דערווייל פאַרשפּילט און פאַרלוירן זייער היינט. און געזען האָב איך אויך אַנדערע, וועלכע האָבן נישט גערעכנט, האָבן לגמרי נישט געטראַכט וועגן מאָרגן, וועגן די קאָנסעקווענצן פון זייערע מעשים און ארויסגעקומען זענען זיי די חכמים, וואָס זייער חכמה האָט זיי פאַר־שיינט די וועלט.

ס'פאַלק דערציילט אַ סך מעשיות וועגן חכמים, וואָס האָבן אַלץ אויסגערעכנט אויף דער האָר און זענען דורכגעפאַלן און להיפּוך, וועגן נאַראָנים, ווי שמחה פלאַכטע, וואָס האָבן אינגאַנצן נישט געטראַכט וואָס זייערע ווערטער און מעשים קענען ברענגען, און דאָך האָבן זיי גאָר פיין אויסגעשפּילט און געמאַכט בעסער ווי די גרעסטע חכמים. איבעריקנס דערציילט זיך דאָך דאָס טאַקע אין דער דערמאָנטער **מעשה וועגן חכם**

און דעם תם פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, וואָס ווייזט אונדז בפירוש ווי נאַריש עס איז דאָס אויסרעכענען יעדן פרט פונעם חכם בעת דער תם רעכנט גאָרנישט און גייט אַרויס דער געווינער.

מוז מען, בכן, אָננעמען, אַז ביים דעפינירן דעם באַגריף פון חכמה טאָר מען בשום אופן נישט מאַכן פאַר אַ מאָס איר נוצלעכקייט, אָדער איר גוטסקייט פאַרן מענטש. דאָס הייסט: מען מוז זאָגן, אַז חכמה, קלוגשאַפט איז אַן אייגנשאַפט וואָס איר ווערט לאָזט זיך נישט מעסטן מיט נוצן. לא לחכמים לחם — ווערט געזאָגט. מען קען טאַקע זיין אַ חכם און נישט האָבן קיין ברויט. דאָס נישט האָבן קיין ברויט פרעגט אָבער נישט אָפּ די חכמה.

אָט דאָ זענען מיר, דאַכט זיך, צוגעקומען צו אַן אמת, וואָס איז זייער וויכטיק צו געדענקען דעמאָלט ווען מען רעדט וועגן חכמה. דער אמת איז, אַז חכמה האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם אוטיליטאַרן, מיט דעם נוצן, וואָס אַ מענטש וויל אַרויסקריגן פון אַ געוויסער זאַך. דער פרק זאָגט: יוסיף דעת יוסיף מכאוב, וואָס מער וויסן — אַלץ מער ווייטיק. מען קען אפשר דאָס זעלביקע זאָגן אויך אויף חכמה. נישט בלויז האָט דער מענטש נישט קיין שום גוטס פון זיין קלוגשאַפט, נאָר פאַרקערט, וואָס מער חכמה ער פאַרמאָגט, אַלץ ערגער איז אים, אַלץ מער בטלן איז ער אין די געדאַנקען וועגן דערווירקלעכקייט. חכמה און פראַקטישע נוצן פון איר, זענען בשום אופן נישט היינו הך, פאַר־קערט, אָפּט זענען זיי גאָר אַ תרתי דסתרי, איינס וואָס שליסט אויס דאָס אַנדערע.

נישט בחינם לערנט אונדז די תורה, אַז אַלע צרות פאַרן מענטש האָבן זיך אָנגעהויבן פון זיין וועלן ווערן קלוג. היינו? ווען אדם הראשון וואָלט נישט געגעסן פון עץ־הדעת וואָס זיין ווייב חוה האָט אים דערלאַנגט, וואָלטן מיר אפשר ביז היינט נאָך געווען אין גן־עדן. ערשט, אַז אדם האָט געגעסן פון עץ הדעת און איז געוואָרן קלוג, האָבן זיך אָנגעהויבן אַלע זיינע און אונדזערע צרות. חכמה, זאָגט מען, מאַכט אַלט פאַר דער צייט, און אויף אַ קינד וואָס איז צו קלוג, זאָגט מען, אַז עס וועט זיך נישט עלטערן. הייסט עס, אַז חכמה און גוטסקייט פאַרן

מענטש זענען צוויי באַזונדערע זאַכן און מען דאַרף זיי נישט צונויפמישן אינאיינעם.

פרעגט אָבער די וועלט אַן אַלטע קשיא: ולחכמה זו מה עושה? וואָס טויג, הייסט עס, אויב אַזוי די גאַנצע חכמה? צו וואָס דאַרף מען זי? אויב קיין נוצן האָט מען נישט פון איר, טאָ וואָס איז מיט איר דער יחוס אַזוי גרויס?

כל תלמיד חכם שאין בו דעה, נבלה טובה הימנו. דער געלערנטער מאַן וואָס האָט נישט זיין אייגענעם שכל, זיין אייגענע חכמה, איז אַ נבלה בעסער פון אים. פרעגט זיך אָבער אַ שאלה: פאַרוואָס? וואָס איז די חכמה אַזוי אין דער מעלה, אַז אויב אַ געלערנטער מענטש האָט זי נישט, איז ער ערגער פון אַ נבלה? און פאַרוואָס עפעס האָט ר׳ מענ־דעלע קאָצקער דעם מאמר „יוסיף דעת — יוסיף מכאוב״, געטייטשט: ווי טאָן זאָל דיר, נאַר וויסן זאַלסטו? פאַרוואָס דאַרף מען עס אַפילו מיט ווייטיק קונה זיין דאָס וויסן, די חכמה? מיט וואָס און צוליב וועלכע מעלות טובות האָט זי אַזוי שיין געדרשנט?

אָפטמאָל פרעגט זיך יעדער איינער פון אונדז די זעלביקע פראַגע. מען זעט פאַר זיך אַ מענטש וואָס איז ממש אַ פערפעקטער אידיאָט און פונדעסטוועגן איז אים גוט און ווויל זיין וועלט. אַ ער האָט פון זיך הנאה, אַ אַלע אַרום האָבן פון אים הנאה. מען דאַרף זיך מיט אים נישט צאַצקען, מען דאַרף זיך נישט אַנשטרענגונגען מיט אים צו רעדן. ווי מען רעדט איז גוט. וואָס מען טוט איז ווויל. און מיט אַ חכם איז פונקט פאַרקערט: אַ ער פייניקט זיך, אַ ער מאַטערט די וועלט אַרום זיך.

וואָסזשע איז אַזוינסט דער מער מיט דער חכמה? פאַרוואָס פאַרט האַלטן מיר זי פאַר דעם אויבערשטן פון שטייסל און מיר גרויסן זיך מיט איר? נאָך מער: פאַרוואָס וויל דווקא אַפילו אַ נאַר אָנגיין פאַר אַ חכם מחוכם?

עפעס מוז דאָך זיין אין דעם, נישט אמת?

וואָס־זשע איז אָט דער „עפעס״ וואָס מאַכט די חכמה אַזוי גרויס און אַזוי געריטמט אין אונדזערע אויגן?

רבותי, מיינט נישט, אַז איך האָב זיך דאָ פאַרגענומען אייך צו פאַר־

ענטפערן די דאָזיקע פראַגע. איך האָב די פראַגע בלויז געוואָלט פרעגן. ענטפערן אויף איר זאָל דער וואָס האַלט זיך באמת פאַר אַ חכם.

עס קען אָבער זיין, אַז אַן אמתער חכם רעדט גאָרנישט וועגן חכמה און ער פרוּווט זיך גאָרנישט דערגריבלען צו איר תוך און תמצית.

ס׳קאָן זיין, אַז אַ זאַטער רעדט נישט וועגן עסן, אַ זעענדיקער רעדט נישט וועגן דעם תכלית פון זעען און אַ קלוגער מענטש רעדט נישט וועגן קלוגשאַפט.

אַז ס׳איז נישטאָ קיין בראַנפן, רעדט מען וועגן בראַנפן. אפשר איז טאַקע דאָס רעדן וועגן חכמה אַ נאַרישקייט? אויב יאָ. איז עס אָבער אַזאַ נאַרישקייט מיט וועלכער עס פאַלן אַריין אַ סך חכמים, טאָ וואָס האָבן מיר זיך דאָ צו שעמען?

ואחרי ככלות הכל, וועלן מיר אייך אויסזאָגן איין זאַך צו וועלכער מיר זענען דערגאַנגען מיט אונדזער אייגענעם שכל: חכמה, זאָלט איר וויסן, איז די גרעסטע נאַרישקייט, דערהויפּט אין אַ וועלט ווו דווקא דאָס נאַרישקייט גילט...

1964

אַן אפּיקורסישער געדאַנק...

אַ סך מאָל שפּיל איך זיך מיט אַ זייער אפּיקורסישן געדאַנק, נעמלעך: אַז צווישן די נביאי־האמת און די נביאי־השקר איז אין סאַמע תּוך קיין שום חילוק נישט געווען. איי פאַרוואָס האָבן די ערשטע נביאים יאָ ריכ־טיק פאָרויסגעזאָגט די צוקונפט און זענען פאַרבליבן ווי אמת־זאָגער און די צווייטע נביאים האָבן נישט ריכטיק פאָרויסגעזאָגט די געשעענישן און זענען געבליבן ווי ליגנער? איז דער תּירוץ, ווייל די ערשטע נביאים האָבן פאָרויס געזאָגט בעיקר שלעכטס און די צווייטע נביאים האָבן פאָרויס געזאָגט בעיקר גוטס, און ליידער איז שוין אַזוי אויף אונדזער וועלט, פון קדמונים ביז היינט, אַז ווער עס זאָגט פאָרויס שלעכטס האָט ניין און נײַנציק פּראָצענט מער שאַנסן, אַז זיין נביאות זאָל מקוים ווערן, ווי דער דאָזיקער וואָס זאָגט פאָרויס גוטס. פון דעם קען מען מאַכן אַ כלל, אַז אויב עמיצער זאָגט, אַז עס וועט ערגער ווערן — תּאמין, זאָלסטו גלייבן. אויב אָבער ער זאָגט אַז ס'וועט בעסער ווערן — אל תּאמין, אייל זיך נישט צו גלייבן.

מען קען גיין נאָך ווייטער און זאָגן, אַז אויף וויפל די שלעכטע נביאותן פון די נביאי־האמת זענען מקוים געוואָרן, אפשר נאָך מער ווי זיי האָבן עס פאָרויסגעזאָגט, אויף אַזויפיל זענען זייערע גוטע נביאותן נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דער חורבן בית־המקדש, דאָס פאַרטריבן ווערן פון אייגענעם לאַנד, די אַלע ליידן און צרות וואָס זיי האָבן פאָרויסגעזען, זענען מיט דער צייט געוואָרן פאַקטן. די גוטע נביאותן אָבער, דער „וגר זאב עם כבש", דער „לא ישא גוי אל גוי חרב", דער „וימלא צדק את כל הארץ" זענען נאָך אַלץ נישט מער ווי צוקונפט־מוזיק און ווער ווייסט ווי

לאַנג עס וועט נאָך אויסקומען צו וואַרטן ביז זיי וועלן ווערן אַ רעאַ־ליטעט.

דעריבער דאַכט מיר, אַז ווען די אַמאָליקע נביאים וואָלט זיך גע־טוישט מיט זייערע ראָלן און די וואָס האָבן געזאָגט גוטע נביאות וואָלטן געזאָגט שלעכטע, און די וואָס האָבן געזאָגט שלעכטע וואָלטן געזאָגט גוטע, וואָלטן אפשר גאָר אַנדערע נעמען געבליבן אין אונדזער זכרון און אַנשטאָט די דאָזיקע נביאים וואָס מיר קענען, וואָלטן מיר גאָר געקענט די דאָזיקע וואָס זענען פאַרגעסן געוואָרן.

אָט האָב איך אָקאָרשט געלייענט דאָס דריי בענדיקע ווערק פון פּראָפ. שמעון דובנאָוו וואָס דערציילט וועגן זיין גרויס און פאַרביק לעבן. אין דעם ווערק זענען פאַראַן אַ סך ערטער וואָס קלינגען ממש ווי נביאותן. דאָך גיב איך זיך אָפּ אַ חשבון פון אַ מערקווירדיקער זאַך: תמיד ווען פּראָפ. שמעון דובנאָוו האָט פאָרויסגעזען שלעכטס האָט ער געטראָפן. דע־מאָלט ווען ער האָט פאָרויסגעזען גוטס, האָט ער, ליידער, נישט געטראָפן. ער האָט אין 20־סטן יאָר שוין געזען דעם חורבן פון רוסישן יידנטום און האָט נישט געהאַט קיין שום אילוזיעס וועגן די באָלשעוויקעס און אין דעם פּרט איז ער ממש אַ נביא. אָבער אַז ס׳קומט צו זיין פאָרויסזאָגונג, אַז די באָלשעוויקעס וועלן זיך לאַנג נישט האַלטן, אַז דער פּאַרטיי־קאַמף וועט אויפרייסן דעם סיסטעם פון אינעווייניק, האָט ער, צום באַדויערן, געמאַכט אַ טעות און נישט געטראָפן. דאָס זעלביקע איז געשען מיט זיין פאָרויסזען דעם גרויל פון היטלעריזם אין די דרייסיקער יאָרן. אויך די דאָזיקע נביאות זיינע איז מקוים געוואָרן. נישט מקוים זענען אָבער געוואָרן די גוטע פּראָגנאָזן זיינע, די האָפענונג, אַז די וועלט וועט זיך באַצייטנס אָרומקוקן אויף דער היטלעריסטישער געפאַר וכדומה, וכדומה.

דער אויספיר דערפון איז, אַז שלעכטע פאָרויסזאָגונגען האָבן תמיד אַ סך גרעסערע שאַנסן פאַרווירקלעכט צו ווערן. ווען איינער וויל זיין אַ טרעפער דאַרף ער נישט טאָן קיין סך: ער דאַרף נאָר מאָלן די צוקונפט אין שוואַרצע פאַרבן, ער דאַרף נאָר זאָגן, אַז וויפל היינט איז שלעכט וועט מאָרגן זיין ערגער. אויב ער וועט אַזוי זאָגן וועט ער קיין סך נישט ריזי־קירן און ער וועט אויף יעדן פאַל נישט בלייבן קיין גאַנצער ליגנער. נאַטירלעך טרעפן זיך פאַרקערטע פאַלן אויך. נאַטירלעך מאַכט זיך

אַמאָל, אַז דער שלעכטס־זאָגער פאַרשפּילט און דער גוטס־זאָגער געווינט, אָבער אין גרויסן און אין גאַנצן געוווּנען האָט תּמיד אַ סך מער שאַנסן צו טרעפן דער וואָס זאָגט פאָרויס שלעכטס ווי דער וואָס זאָגט פאָרויס גוטס.

אַז מען וויל ליגט אין דער דאָזיקער דערקענטעניש דער גאַנצער פּעסימיזם פון מענטשלעכן לעבן. ווען שאָפּענהויער האָט געוואָלט באַגרינדן זיין פּעסימיסטישן קוק אויף אונדזער עקזיסטענץ, האָט ער געפּרוּווט דערווייזן, אַז די ליידן זענען תּמיד גרעסער ווי די פריידן. ער האָט דאַן געבראַכט זיין באַרימטן משל וועגן דעם וואָלף און דעם שעפעלע. שאָפּענהויער האָט געזאָגט: אָט האָבן מיר פאַר זיך אַ וואָלף וואָס האָט פאַרצוקט און אויפגעפרעסן אַ שעפעלע. דער וואָלף האָט געהאַט הנאה פון פרעסן די שאָף. צי איז אָבער די הנאה וואָס דער וואָלף האָט געהאַט ביים פרעסן גלייך צו די ליידן וואָס די שאָף האָט געהאַט ביים אויפגעפרעסן ווערן? נאַטירלעך פאַרשטייט יעדער, אַז דאָס פאַרגעניגן פונעם וואָלף קען זיך קיינמאָל נישט אויסגלייכן מיט די יסורים פונעם קרבן. דערפון האָט דער פילאָזאָף געמאַכט דעם אויספיר, אַז די ליידן פון דער עקזיסטענץ זענען אָן אַ פּראָפּאָרץ צו די פריידן און דאָס האָט אים געבראַכט צו זיין פּעסימיסטישן קוק אויף אונדזער לעבן.

מען קען צו די ראיות מיט וועלכע שאָפּענהויער האָט באַגרינדעט זיין פּעסימיזם נאָך צוגעבן דאָס וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט וועגן דעם, אַז שלעכטס באַשטעטיקט זיך תּמיד מער ווי גוטס. און לאָמיר צו דעם מוסיף זיין נאָך עפּעס: ווען איר האָט פאַר זיך צוויי פאַרשוינען וואָס איינער פון זיי קוקט אויף אַלע אַנדערע מענטשן מיט אומצוטרוי און האַלט זיך לגבי זיי רעזערווירט און פאַרזיכטיק, און דער צווייטער קוקט אויף אַלע אַנדערע מענטשן מיט צוטרוי און פאַרטרויט זיך יעדן איינעם לייכטגלויביק, דאַן וועט זיך תּמיד אַרויסווייזן, אַז דער ערשטער איז דאָס וואָס מען רופט אָן: אַ מענטשן־קענער, אַ לעבנס־דערפאַרענער און דער צווייטער איז אַ בטלן, וואָס ווערט כּסדר געשלאָגן פון זיינע אילוזיעס. איר קענט עס קאָנטראָלירן אין אייער אייגענער סביבה און איר קענט זיך גרינג איבערצייגן, אַז דער דאָזיקער

וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרויס צוטרוי צו מענטשן, אָדער צו געוויסע מענטשן, האָט זיך תמיד אַרויסגעוויזן פֿאַר ווייט־זעעוודיקער ווי דער וואָס האָט יאָ געהאַט צוטרוי. דאָס אַליין איז אויך אַ געוויסע ראיה פֿאַר דעם פּעסימיסטישן קוק אויפֿן לעבן, ווייל דאָס אַלץ באַווייזט, אַז שלעכטס איז פֿאַרהעלטנישמעסיק אַ סך, אַ סך מער שכיח ווי גוטס.

ווען יונתן וואָלט געבליבן לעבן...

— וואָס זאָגט איר? אין דער היינטיקער צייט זענען מער נישטאָ די עכטע פריינטשאַפטן פון די אַמאָליקע יאָרן? זייט מוחל, זייט מיר טויזנט מאָל מוחל, איך קען מיט אייך נישט מסכים זיין. איך ווייס, פונקט ווי איר, אַז די היינטיקע צייט האָט זיך אירע אומסימפּאַטישע שטריכן. אָבער וואָס נוגע דער עכטער פריינטשאַפט איז אין דער היינ־טיקער צייט, גלויבט מיר, נישט אַנדערש ווי ס'איז געווען אַמאָל, אָדער בעסער געזאָגט: ס'איז אַמאָל נישט געווען אַנדערש ווי ס'איז היינט. וואָס דאַרף מען זיך אַליין נאַרן? די עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבן האָט זיך געוויס חסרונות. זי האָט געוויס אייגנשאַפטן וואָס מעגן אונדז נישט געפעלן ווערן. אָבער צו וואָס דאַרף מען מגזם זיין? צו וואָס דאַרף מען אומזיסט פאַרשענערן דעם אַמאָל בכדי דער היינט זאָל אַרויס־קומען נאָך מיאוסער ווי ער איז? ניין, ניין, אויף דעם קען איך נישט איינגיין. זידלט זיך די היינטיקע צייט וויפל איר ווילט, איך וועל זיך אסור אָננעמען איר קריוודע. אָבער, אַז איר זידלט זי, זאָלט איר עס טאָן פאַר די זאַכן צוליב וועלכע זי פאַרדינט געזידלט צו ווערן. וואָס שייך אָבער דער עכטער און דער אמתער פריינטשאַפט, דעם ענין, ליבער חבר, לאָזט צורו. אין דעם פּרט איז די אַטאָם־עפּאָכע לגמרי נישט אַנדערש פון יענער צייט, ווען מען איז געפאָרן מיט אָקסן. אַזעלכע פריינטשאַפטן ווי עס זענען דעמאָלט געווען, זענען פאַראַן אויך היינט און אויב איר וועט מיר זאָגן, אַז מען קען זיך אויף די היינטיקע פריינט־שאַפטן נישט פאַרלאָזן, טאָ זייט זשע וויסן, אַז פונקט אַזוי האָט מען זיך אויך דעמאָלט אויף זיי נישט געקענט פאַרלאָזן. גלייבט מיר, גלייבט אַ דערפאַרענעם... עס האָט זיך אין דעם פּרט גאָרנישט געביטן... אין חדש תחת השמש — דאָס מיינט די גרונט־אייגנשאַפטן פון דער מענטשלע־

כער נאַטור, און פריינטשאַפט דאָס איז אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אייביקער מענטשלעכער נאַטור, וואָס וויפל זי זאָל זיך נישט בייטן בלייבט זי אַלץ די זעלביקע.

יאָ, געוויס ווייס איך, אַז אין די אַמאָליקע צייטן האָבן מענטשן גע־פירט אַ סך מער חברשאַפטן ווי היינט. מ׳איז זיך צוזאַמענגעקומען, מען האָט זיך מער געטראָפן, מען האָט מער פאַרבראַכט צוזאַמען, בחברותא. אָבער ערשטנס, ווען איז דאָס געווען? ווען מיר זענען געווען יונג און און יוגנט־צייט איז בכלל מער געאייגנט אויף חברישקייט. און צווייטנס, וווּ איז דאָס געווען? אין דער אַלטער היים. לרוב אין די קליינע שטעט־לעך פון וועלכע מיר קומען. יאָ, דעמאָלט האָט דאָס לעבן געגעבן מער מעגלעכקייטן פון אָפטע צונויפטרעפן, פון אָפטן פאַרברענגען צוזאַמען. מען האָט געמאַכט צוויי שפּאַן פון שטוב איז מען געווען ביים חבר. מען איז אַרויס שפּאַצירן אויפן טראַקט איז מען געווען צוזאַמען. מען איז געקומען אין פאַראיינס לאָקאַל, אין דראַמאַטישן קרייז, האָט מען פאַר־ברענגט אין איינעם. דערנאָך האָט מען זיך אָפּגעפירט אַהיים און מען איז געגאַנגען אַהין און צוריק ביז אין דער שפּעטער נאַכט... יאָ, יאָ, דאָס איז אַלץ אמת. דאָס אַלץ האָט געשאַפן דאָס געפיל, אַז ס׳איז פאַראַן חברשאַפט, אַז ס׳איז פאַראַן פריינטשאַפט. אָבער איז דאָס טאַקע אַ סימן, אַז היינט זענען אַזעלכע חברשאַפטן און פריינטשאַפטן נישט בנימצא? פירן זיך די יוגנטלעכע אין אונדזער צייט נישט אויף דעם זעלבן שטייגער? ניין, איך קען בשום אופן נישט מסכים זיין מיט אייך, אַז נאָר מיר, אין אונדזער יוגנט, האָבן געוווסט פון פריינטשאַפט, פון חברשאַפט. אויף איר שטייגער פירט די היינטיקע יוגנט די זעלביקע פריינטשאַפטן, די זעלביקע חברשאַפטן, וואָס מיר אַמאָל, הלמאי זאָל מען עס לייקענען?

חוץ לזה וועט איר דאָך מודה זיין, מיין ליבער חבר, אַז ווען מען רעדט וועגן אמתער פריינטשאַפט מיינט מען עפּעס אַנדערש, לגמרי עפּעס אַנדערש, ווי אָט דאָס צוזאַמענקומען זיך, ווי אָט דאָס פאַרברענ־גען בחברותא, ווי אָט דאָס גיין אין געסט איינעם צום אַנדערן און אַזוי ווייטער. דאַרף איך אייך דען זאָגן וואָס אמתע פריינטשאַפט מיינט? יעדער פון אונדז איז אין זיין לעבן אַרומגערינגלט מיט פריינט. יעדער פון אונדז האָט אין זיין לעבן אָפּגעשפּאָרט פריינט. וואָס מיינט אַ

פריינט? דאָס פאָלק זאָגט, אַז אַ פריינט דערקענט מען אין אַ נויט.... אָ, געוויס איז דאָס אמת, אָבער דאָס שעפּט פונדעסטוועגן נאָך נישט אויס דעם גאַנצן מהות פון פריינטשאַפט. איך האָב געקענט פריינט וואָס דווקא אין דער נויט האָבן זיי אויסגעהאַלטן אַלע נסיונות און זענען זיך געבליבן געטריי. דערפאַר אָבער האָט זייער פריינטשאַפט געפּלאַצט דווקא דעמאָלט ווען עס האָט זיך צווישן זיי אַריינגעמישט דאָס רחבות. איך קען אַנדערע פריינטשאַפטן וואָס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן און זענען בייגעשטאַנען פיל שווערע און אמתע נסיונות. דאָך, ווייס איך, אַז זיי זענען איבערגעריסן געוואָרן צוליב אַ נאַרישקייט. לכל הפחות איז דער אָנגעגעבענער מאָטיוו צוליב וועלכן די דאָזיקע פריינטשאַפט איז בטל געוואָרן, געווען אַ נאַרישער. און דאָס איז דווקא געווען אַמאָל און נישט היינט. יאָ, דווקא אַמאָל, אין יענע צייטן, וואָס לויט אייך קומט אויס, אַז זיי זענען מער מסוגל געווען אויף פריינטשאַפט ווי די צייטן פון היינט.

בכלל, איך זאָל זיך נעמען דערציילן מעשׂיות וועגן כלערליי הייסע געטרייע פריינטשאַפטן און וואָס זייער סוף איז געווען, וואָלט איך גע־דאַרפט מיט אייך זיצן דריי טעג און דריי נעכט און מיר וואָלטן דעם ברונעם נאָך נישט אויסגעשעפּט. אָבער איר מעגט מיר גלויבן ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז פון דעם אַלעם וואָס איך האָב זיך צוגעזען אין מיין לעבן, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שענערע זאַך אויף דער וועלט ווי פריינטשאַפט, ס׳איז נישטאָ קיין מער דער־הויבן געפיל ווי פריינטשאַפט. דערביי איז אָבער אויך נישטאָ קיין זאַך וואָס זאָל זיין מער אומסטאַביל, מער אויסגעשטעלט אויף סורפּריזן און מער קרוכלע ווי עס איז דאָס געפיל פון פריינטשאַפט. אַפילו אויף אַ פריינטשאַפט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן טויזנט נסיונות, קען מען נישט זאָגן אויף זיכער, אַז זי וועט אויסהאַלטן אויך דעם טויזנט־איינסטן נסיון. אפילו אַ פריינטשאַפט וואָס האָט באַוויזן אַז זי איז אַזוי שטאַרק ווי אַ שטאָלענע שטריק, איז אין אַ געוויסן מאָמענט איבער־געבּרענט געוואָרן ווי אַ פּשוטע שטרוי. און צוליב וואָס? צוליב אַ סיבּה, וואָס פון אויבן־אויף האָט זי אויסגעזען לעכערלעך און נישטיק. אָט זעט, אַז איר וועט מיר זאָגן, אַז שׂינאה איז סטאַביל, אַז אויף שׂינאה

קען מען זיך פאַרלאָזן, אַז אויף איר צעשטערנדיקן כוח קען מען בויען בריקן, וועל איך אייך גלויבן. אָבער פריינטשאַפט? וועגן פריינטשאַפט קען איך אייך קיין שום זאַך נישט זאָגן אויף זיכער. מיט פריינטשאַפט ווייסט מען קיין מאָל נישט ווו מען האַלט אין דער וועלט. ניין, נישט מיט די היינטיקע פריינטשאַפטן, ווי איר זאָגט, נאָר אויך מיט די אַמאָליקע פריינטשאַפטן, מיט די פריינטשאַפטן פון די אַמאָליקע יאָרן אין וועלכע איר גלויבט אַזוי.

וואָס דאַרף מען אַ סך רעדן? איך וועל אייך דערציילן איין מעשה פון טויזנט. איך האָב געקענט צוויי פריינט וואָס זייער פריינטשאַפט האָט זיך געצויגן גאַנצע פופציק יאָר. איר ווילט וויסן וואָס פאַר אַ פריינט דאָס זענען געווען, וועל איך אייך געבן, ווי מען זאָגט, אַ קנעפּל פאַר אַ מוסטער. דאָס זענען געווען צוויי פריינט, וואָס האָבן זיך פאַר־חברט ווען בײדע זענען זיי אַלט געווען קוים צוועלף יאָר. איינער פון זיי האָט געהאַט אַ רייכן טאַטן און דער צווייטער האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער שטוב. האָט דער רייכער טאַטע נישט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל זיך חברן מיט דעם אָרעמען. איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן? דער רייכער בחור האָט געהאַט ביי זיין תקיפדיקן טאַטן אַ ווייסט לעבן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן: וואָס מער דער טאַטע, דער תקיף, האָט דעם אָרעמען חבר געטריבן פון זיין זון, אַלץ מער איז דער זון צו אים צוגעוואַקסן. ממש נפשו קשורה בנפשו. ער איז, ווען ער איז אַלט גע־וואָרן 20 יאָר, אַוועק פון טאַטנס שטוב און זיך אָפּגעזאָגט פון טאַטנס עשירות, אָבי נישט אויפצוגעבן זיין אָרעמען חבר אָן וועלכן ער האָט גאָר נישט געקענט לעבן.

און אַזוי ציט זיך די געשיכטע איבער גאַנצע 50 יאָר. דער רייכער זון וואָס איז אַוועק פון טאַטנס שטוב צוליב זיין חבר, האָט זיך גאָר גיך דערשלאָגן צו אַ מעמד און עס האָט אים געגומען גיין גוט. דעם אָרעמען חבר איז אָבער ווייטער געגאַנגען שלעכט. איז וואָס זשע מיינט איר? מענטשן האָבן געשטוינט, אָבער ס'איז געווען אַ פאַקט: דער רייכער האָט די גאַנצע צייט געטראָגן אויף זיך דעם אָרעמען. ביידע האָבן מיט דער צייט חתונה געהאַט, געקריגן אייגענע משפחות, מ'האָט שוין חתונה געמאַכט קינדער און ס'האָט שוין געהאַלטן ביי אייניקלעך. אָבער די

צווי חברים זענען געבליבן פונקט אַזעלכע פריינט ווי זיי זענען געווען אין זייער אָנהייב. דער רייכער האָט אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט דעם אָרעמען, און כאָטש יענער איז געווען אַ שלימזל, נישט געקענט אַ קאָץ דעם עק צובינדן, האָט ער אים אויסגעהאַלטן בכבוד גדול די גאַנצע צייט. אַכטונג געגעבן, אַז זיין חברס קינדער זאָלן קריגן די זעלביקע דערציונג וואָס זיינע; אַז זיין חברס פאַמיליע זאָל פאָרן אויף דער זעלביקער דאַטשע וואָס זיינע; אַז די חתונות פון זיין חברס קינ־דער זאָלן זיין פונקט אַזוי גרויסאַרטיק ווי זיינע... הכלל... ווער עס האָט נישט צוגעזען וואָלט עס נישט געגלייבט, און ווער עס האָט עס יאָ געזען, דער האָט געמוזט זאָגן, אַז אָט דאָס הייסט פריינטשאַפט. אָט דאָס איז אַ חברשאַפט וואָס קען זיין אַ ביישפּיל פאַר דער גאַנצער וועלט.

איצטער הערט וואָס עס קען אַלץ געשען. אויפן 51־סטן יאָר פון דער דאָזיקער זעלטענער חברשאַפט, נאָך דעם ווי ביידע פריינט זענען שוין אַריין אין די שישים, דאַרף זיך טרעפן, אַז דער אָרעמער פריינט קריגט פּלוצעם אַ ירושה פון אַ קרוב אין צפון־אַמעריקע און ער ווערט מיט איין מאָל אַ גרויסער גביר. נו, אַז איך וועל אייך דערציילן, אַז אַ יאָר נאָך דעם ווי דער אָרעמער חבר האָט געקראָגן די ירושה און איז געוואָרן אַ גביר, האָבן זיך די ביידע פריינט צעקריגט, וועט איר עס גלייבן? ניין, איר גלייבט נישט? עס איז אָבער אַ פאַקט. און הערט דעם שפּיץ פון דער מעשה: איר מיינט, אַז זיי האָבן זיך צעקריגט דערפאַר ווייל דער נייער גביר האָט זיך גענומען פירן אַנדערש לגבי זיין חבר, דעם בעל־טובה? ניין, אויב איר מיינט אַזוי האָט איר אַ טעות. געשען איז עפּעס אַנדערש. ס׳איז געשען ממש אַן אומפאַרשטענדלעכע און אומגלייבלעכע זאַך. דער פון פריער רייכער חבר, דער בעל־טובה, האָט נישט פאַרגינען זיין פריינט וואָס איז איצט רייך געוואָרן די גבירישאַפט און ס׳האָט אים פאַרדראָסן דאָס וואָס יענער דאַרף צו אים שוין נישט אָנקומען... קענט איר זיך דאָס פאַרשטעלן? איאָ, ס׳איז אַ שווערע זאַך צו גלייבן? אָבער ס׳איז דער ריינער אמת און מיר אַלע, די פריינט פון יענע צווי חברים, ווייסן, אַז דאָס איז געווען די אמתע סיבה וואָס האָט צעשטערט זייער 50־יאָריקע חברשאַפט און געבראַכט

דערצו, אַז איינער זאָל איצט נישט קענען הערן ווי מען דערמאָנט דעם אַנדערנס נאָמען...

און דאָס, מיין פריינט, איז שוין נישט קיין הייניטיקע חברשאַפט. עס איז אַ חברשאַפט פון די אַמאָליקע יאָרן, אָט די יאָרן, וואָס לויט אייך, זענען זיי געווען געאייגנטער פאַר פריינטשאַפטן ווי אונדזער צייט.

און ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן? ווען איך האָב צוגעזען ווי אַזוי די דאָזיקע 50־יאָריקע חברשאַפט און פריינטשאַפט איז צע־שטערט געוואָרן, איז מיר מיט אַ מאָל איינגעפאַלן אַן אַפּיקורסישער גע־דאַנק. איך האָב זיך דערמאָנט די גרויסע פריינטשאַפט פון דוד און יונתן וואָס ווערט אַזוי שיין באַזונגען אין אונדזער תנ״ך און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דער דאָ־זיקער פריינטשאַפט ווען יונתן פאַלט נישט אויפן שלאַכטפעלד און דערלעבט די צייט ווען דוד ווערט דער גרויסער מלך ביי יידן? ווער ווייסט צי יונתן, וואָס זיין אייגן האַרץ איז אַזוי אויסגעפרוווט געוואָרן איך יענער צייט ווען זיין פריינט דוד האָט זיך געפונען אין אַ נויט, וואָלט אויסגעהאַלטן דעם נסיון ווען ער זעט דודן אין שפּיץ פון זיין רום, דעמאָלט ווען מען דאַרף אים שוין נישט באַדויערן און מיטפילן, נאָר מען דאַרף אים שוין באַוווּנדערן און מקנא זיין?

יאָ, מיין ליבער חבר, פריינטשאַפט וואָס האַלט אויס דעם עקזאַמען אין נויט איז זייער גרויס, אָבער נויט איז נאָך נישט דער לעצטער נסיון פאַר פריינטשאַפט. עס איז פאַראַן איין נסיון און ער איז דער שווערסטער. און דער דאָזיקער נסיון איז: דעם חברס גליק. ווער ווייסט צי יונתן וואָלט דעם דאָזיקן נסיון אויסגעהאַלטן, ווייל אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, אַז קיין שום פריינטשאַפט נאָך נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון־שאַרף פון דער שווערד וואָס הייסט קינאה.

1965

די צוויי זייטן פון דער זעלביקער מטבע...

שטיי איך מיר אַזוי ביי אַן אויטאָבוס־אָפשטעל און וואַרט עס זאָל אָנקומען דער 94, וועלכן איך דאַרף. ווי אויף להכעיס קומען אָן צוויי 90ער, דערנאָך אַ 86ער, דערנאָך אַ 74ער און אַ 92 און ווידער אַמאָל אַ 86ער און דעם 94ער זעט מען נאָך אַלץ נישט. אָט לויפט ווידער אָן אַ 90ער און ווידער אַ 74ער און דערנאָך אויפסניי אַ 92ער. און דערנאָך קומט אַ לענגערע צייט גאָרנישט אָן. ענדלעך, קוים מיט צרות, קומט שוין אָן אַ 94ער, אָבער ער שטעלט זיך נישט אָפ. די מענטשן, וואָס שטייען צוזאַמען מיט מיר ביים אָפשטעל, הייבן אָן מורמלען און דאָס מורמלעריי גייט ביסלעכווייז אַריבער אין אַ ביטערניש. דער אויטאָבוס איז נישט געווען פול, ער האָט נאָך געקענט אויפנעמען אַ היפש ביסל פאַרשוינען. אָבער סיי די שאָפערן און סיי די פאַסאַזשירן זענען רשעים זיי רעכענען זיך נישט מיט די אונטן־וואַרטנדיקע מענטשן, אַלע שטייען זיי ביים פאָ־דערשטן אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג און קיינער וויל זיך נישט רוקן אַ ביסל טיפער. ס'אַרט זיי נישט וואָס מען איילט זיך, וואָס מען האָט שוין נישט קיין כוח צו שטיין אויף די פיס. און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אָבער אָט קומט אָן אַ צווייטער 94ער. ער שטעלט זיך שוין אָפ, נעמט אויף די וואַרטנדיקע פאַרשוינען און מען פאָרט. מען פאָרט אָפ עטלעכע סטאַנציעס, עס קומען אַרויף נייע מענטשן. דער אויטאָבוס ווערט וואָס אַמאָל פולער און פולער, אָבער דער שאָפער נעמט יעדעס מאָל אויף נייע פאַסאַזשירן. עס ווערט שוין ענג, מען שטייט שוין קאָפ אויף קאָפ און עס הערט זיך אַ ביי טומלעניש: וואָס שטופט ער אונדז אָן ווי הערינג אין אַ פעסל? ער זעט דען נישט, דער שאָפער, אַז ס'איז שוין קיין אָרט נישט פאַראַן? ביי די ווייטערדיקע אָפשטעלן שטייען שוין מענטשן און פאָכען מיט די הענט, ווייזן מיט באַוועגונגען, אַז ווען דער עולם אין אוי־

טאָבוס רוקט זיך אַ ביסל טיפער וואַלטן נאָך געקענט אַריין בייע פאַר־שוינען. אָבער די פאַרשוינען אין אויטאָבוס רוקן זיך נישט טיפער און זענען צופרידן וואָס דער שאָפער שטעלט זיך נישט אָפּ און לויפט פאַרביי די וואַרטנדיקע.

איך בין איינער פון די פּאַסאַזשירן. אָט בין איך ערשט געשטאַנען ביים אָפּשטעל און בין אין כעס געווען וואָס דער אויטאָבוס איז פאַרביי־געלאָפן און מיך נישט אויפגענומען, געמורמלט צוגלייך מיט אַלע וואַרטנ־דיקע אויף די פּאַסאַזשירן וואָס געפינען זיך שוין אינעווייניק, הלמאי זיי רוקן זיך נישט אַ ביסל צונויף, הלמאי זיי דרענגען זיך נישט צוזאַמען אַז נאָך אַנדערע זאָלן קענען אַריין און פאָרן ווו זיי דאַרפן. און אָט בין איך שוין אינעווייניק און בין צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אין כעס, הלמאי מען שטופּט אונדז אָן אין אַזאַ ענגשאַפט, הלמאי מען נעמט אויף נייע פּאַסאַ־זשירן כאָטש דער אויטאָבוס איז שוין אַזוי פול. קוים צען מינוט זענען אַוועק פון מיין פריערדיקער לאַגע ביז דער איצטיקער און דאָך האָט זיך מיין גאַנצער קוק אויף דער אויפנאַמס־פעיקייט פון אויטאָבוס געביטן און עס האָט זיך אויך געביטן מיין שטימע פאָדערונג צום שאָפער פון אויטאָבוס. פריער האָב איך געוואָלט אַז ער זאָל אויפנעמען וואָס מער, איצט וויל איך אַז ער זאָל אויפנעמען וואָס ווייניקער.

יעדער פון אונדז, אויטאָבוס־פאָרער, מאַכט דורך דעם דאָזיקן גילגול אַ סך מאָל. דאָך בין איך מסופק צי עמיצער פון אונדז פאַרטראַכט זיך וועגן דעם דאָזיקן בייט פון זיין געמיט און פון די פאָדערונגען צום שאָ־פער וואָס פליסן פון אים אַרויס. כ׳בין אַפילו מסופק צי מען גיט זיך אָפּ אַ באַוווּסטזיניקן חשבון פון אָט דעם בייט. און ס׳איז דאָך כדאי, אַז מען זאָל זיך וועגן דעם פאַרטראַכטן, וואָרעם ער איז דאָך אין דער אמתן כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער וועזנטלעכע זאַכן, וואָס האָבן אַ פּלאַץ אין אונדזער לעבן און ער איז דאָך סימפּטאָמאַטיש פאַר זייער אַ סך דער־שיינונגען אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אָט זענען מיר אויף אַ געזעלשאַפטלעכער אונטערנעמונג, אויף דער בינע זיצן אויסגעזעצט די חשובע אָנטיילנעמער, די רעדנער, די אָרגאַניזאַ־טאָרן, מיר, דער עולם אין זאַל, זיצן, ווי אויף שפּילקעס. שוין געהערט דריי דרשות. איצט קומט אַ פערטע. און די דרשות? גאָט זאָל נישט

שטראָפן פאַר די רייד. אויסגעדראָשענע פראַזן, פוסטע, מליצהדיקע רייד. פאַלשע ווערטער, ס׳פאַלט גאָר קיינעם נישט איין אַז דער רעדנער אַליין גלויבט יאָ אין דעם וואָס ער זאָגט. ענדלעך, די אונטערנעמונג האָט זיך שוין פאַרענדיקט, מיר לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג מיטן געפיל פון אַ פאַר־שפּילטן אָוונט, פון פאַרלוירענער צייט. איינער צום צווייטן מורמלט: אַזאַ נודעניש איז שוין לאַנג נישט געווען.

אָבער אָט קומען אַראָפּ פון דער בינע די חשובע פּרעזידיום־זיצער, די רעדנער, די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם „אָוונט״. זייערע פּנימער שיינען, זייערע אויגן שטראַלן פון צופרידנקייט, עס רינגלען זיי אַרום זייערע היימישע מענטשן. מען באַגריסט זיי, מען דריקט זיי די הענט: אַך וואָס פאַר אַ פיינע געלונגענע אונטערנעמונג. אָ, וואָס פאַר אַ שיינע רעדע. שוין לאַנג אַזעלכע נישט געהערט, און ווי די צייט איז אַ דורך.

אין דער ערשטער רגע דאַכט זיך אויס אַז דאָס מאַכט מען חוזק. ווי קען מען זאָגן אויף אַזאַ אונטערנעמונג, אַז זי איז געווען געלונגען? ווי קאָן מען גראַטולירן דעם טשייניק־האַקער פאַר זיין רעדע, בעת ער האָט געפּלוידערט סאַמע נאַרישקייטן? און בכלל: די אָרגאַניזאַציע פון דער אונטערנעמונג? עס איז דאָך געווען איין גרויסער כאַאָס. נישט אַנדערש נאָר די מענטשן מאַכן אַן אָנשטעל, נאַרן איינער דעם אַנדערן, זענען פאַלש דורך און דורך.

אָבער ניין, די מענטשן נאַרן זיך נישט, זיי זענען נישט פאַלש, זיי מאַכן נישט קיין אָנשטעל, זיי איז דער אָקט ווירקלעך געפעלן געוואָרן. זיי זענען פון אים ווירקלעך אַנטציקט און זיי זענען זיכער אַז דער גאַנ־צער עולם טיילט מיט זיי זייער אַנטציקונג. וואָרעם ווי דען אַנדערש? אַזאַ אונטערנעמונג קען דען נישט געפעלן ווערן? פלוני האָט דאָך היינט וווּנדערלעך גערעדט, אַלמוני וואָס רעדט אַלעמאָל נישט צו דער זאַך האָט גראָד היינט אויך געהאַט עטלעכע גוטע שטעלן אין זיין באַגריסונג. און דער זינגער? ביסט אַ מבין ווי ער האָט היינט געזונגען עפּעס זינגט ער דען אַלעמאָל אַזוי?

נישט איינמאָל בין איך שוין שטיין געבליבן פאַר דעם דאָזיקן רע־טעניש. רבונו של עולם, ווי אַזוי געשעט דאָס? כ׳האָב דאָך אַליין געזען ווי דער עולם איז געזעסן ווי אין געהאַקטע ווונדן און האָט זיך קוים

דערוואַרט אויף דעם סוף. ווי אַזוי קענען די דאָזיקע מענטשן גאָר מיינען אַז די אונטערנעמונג איז געווען אַ גוטע; אַז זי איז נישט געווען קיין הונדערט-פּראָצענטיקער דורכפאַל? וואָס טוט זיך דאָ? איז טאַקע נישט פאַראַן קיין שום אָביעקטיווע קריטעריע צו מעסטן דעם פאַקטישן ווערט פון אַ זאַך?

ניין, לײדער איז אַזאַ מאָס פאַר ווערטן נישט פאַראַן. דער עולם איך זאָל האָט זיך איין מאָס און די אָרגאַניזירער און אַנטײלנעמער, צוזאַמען מיט זייערע נאָענטע מענטשן האָבן זיך אַ צווייטע מאָס. די פּאַראַינטערעס־סירטע, די באַטײליקטע אין דער אונטערנעמונג זעען זי אַנדערש ווי דער עולם אין זאַל. זיי האָבן צו דער אונטערנעמונג אַ גאַנץ אַנדערע באַציונג. זיי הערן די רעדנער אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן ווי די צוהערער פון געווײנלעכן פּובליקום. יענע וואָס וואַרטן אויף דעם אויטאָבוס האָבן גאַנץ אַנדערע פאָדערונגען צום שאָפער ווי די וואָס פאָרן שוין אויף אים. וואָס פאַר די ערשטע איז שלעכט איז פאַר די צווייטע גוט. וואָס פאַר די ערשטע איז אַ דורכפאַל, איז פאַר די צווייטע אַ גרויסער דערפאָלג. דאַכט זיך די זעלביקע מענטשן, אָבער די פּאָזיציעס אין וועלכע זיי געפינען זיך זענען פאַרשידענע און דאָס ענדערט זייער קוק אויף דער זאַך, זייער אָפּשאַצונג פון דער זאַך.

אין מיין זשורנאַליסטישער אַרבעט בין איך שוין אַ סך מאָל געשטאַנען פאַר דעם דאָזיקן װוּנדער. מענטשן זענען צו מיר צוגעקומען, האָבן מיך וואָרעם באַגריסט פאַר מיין קריטיק איבער אַ געוויסער אַקציע, אָדער אינסטיטוציע. אַנדערע האָבן צו מיר געהאַט טענות פאַרוואָס איך שרייב נישט וועגן אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שוין אָפּגעלעבט איר צייט, אָדער וואָס אין איר איז געשען זייער נישט קיין פיינע זאַכן. ס׳איז אָבער אַוועק אַ שטיקל צייט און דער נאָר האָט מיך אַ שטופּ־געטאָן צו קריטיקירן די דאָזיקע אינסטיטוציע, אָדער די דאָזיקע אַקציע, און כ׳האָב דערזען אַ מאָדנע זאַך: די זעלביקע וואָס האָבן מיך אַמאָל באַגריסט, די זעלביקע וואָס האָבן מיך אַמאָל אינספּירירט צו דער קריטיק, זענען אויף מיר היינט זייער אין כעס געוואָרן, האָבן הינטער מיינע פּלייצעס געטענהט אַז מ׳דאַרף מיך עוקר השורש זיין. וואָס איז געשען? איין קלייני־קייט: דורך דער צייט זענען די זעלביקע מענטשן אַריין אין דער פאַר־

וואַלטונג פון דער קריטיקירטער אינסטיטוציע, אָדער האָבן געקריגן אַז אַנפירנדיק אָרט אין דער קריטיקירטער אַקציע. אין אָנהייב האָב איך די דאָזיקע מענטשן געהאַלטן פאַר באַוווסטזיניקע צבועקעס, פאַר אויסגע־שפּראָכענע ציניקער. מיט דער צייט האָב איך זיך אָבער איבערצייגט אַז דער רוב פון זיי, אָדער אַ געוויסער טייל פון זיי, זענען בשום אופן נישט קיין צבועקעס און קיין ציניקער. זיי האָבן געמיינט ערלעך דעמאָלט ווען זיי האָבן מיך צוגערעדט צו קריטיקירן די דאָזיקע אינסטיטוציע, אָבער זיי זענען אויך ערלעך איבערצייגט אַז איצט איז די דאָזיקע אינסטיטוּ־ציע נישט קריטיקירלעך, פאַרוואָס? גאָר פשוט, דורך דער צייט האָט זיך געביטן זייער פּאָזיציע, פון דער מערב־וואַנט זענען זיי איצט אַרויף אין דער מזרח־וואַנט. נו, און אין דער מיזרח־וואַנט זעען זיי די זאַכן אַנ־דערש ווי זיי האָבן פריער זיי געזען. די זאַכן זענען געבליבן די זעלביקע אָבער די פּאָזיציע פון דעם וואָס זעט זיי האָט זיך געביטן. פריער האָבן יענע געטאָן, האָט נישט געטויגט. איצט טוט ער אַליין און זיך אַליין זעט מען אַנדערש, אַן אייגענער הויקער איז פאָרט אייגן לייב.

איך רייד דאָ נישט וועגן די באַוווסטזיניקע שווינדלער וועלכע ווייסן ביי זיך דעם אמת, אָבער זיי פאַרדעקן אים ווייל דאָס לוינט זיך זיי. איך רייד דאָ וועגן אַ דורכשניט־מענטש, וועלכן איך וואָלט בשום אופן נישט קוואַליפיצירט ווי קיין אומערלעכן. איך רייד דאָ וועגן דעם דאָזיקן וועל־כער גלויבט באמת, אַז דאָס וואָס ער פאַרטיידיקט איז ראוי געשטיצט צו ווערן. כאָטש דער אמת איז אַז נעכטן האָט ער געהאַט אַן אַנדערע מיי־נונג און היינט האָט ער אַן אַנדערע, איז ער אין תוך נישט פאַלש, ווייל ער איז געווען איבערגעצייגט אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט נעכטן און ער איז אויך איבערגעצייגט אין דעם וואָס ער זאָגט היינט. דער אונטערשייד צווישן דעם היינט און דעם נעכטן איז נאָר אין דעם וואָס נעכטן האָט ער געהאַט אַן אַנדערע באַציונג צו דעם געגעבענעם אָביעקט און היינט האָט ער אַן אַנדערע. נעכטן איז ער געווען אַ דרויסנדיקער מענטש און היינט איז ער אַן אינעווייניקסטער. נעכטן איז ער געשטאַנען אין דרויסן און געוואָרט אויפן אויטאָבוס, היינט געפינט ער זיך שוין אינעם אויטאָבוס און ער פאָרט שוין. זיין קריטעריע, זיין באַציונג, זיין פאָדערונג — אַליז האָט זיך צוליב דעם געביטן.

איר קומט אַריין אין אַן אַמט און איר זעט מענטשן. די זעל־ביקע מענטשן שטייען אויף דער זייט באַריערע און די זעלביקע מענטשן אויף דער אַנדערער זייט באַריערע. און דאָך וואָס פאַר אַ מהלך איז צווישן די ביידע סאָרטן מענטשן, וואָס עס טיילט זיי נאָר אָפּ אַ קורצן שפּאַן. די אויף דער זייט זענען אין כעס הלמאי דאָס דערליידיקן דעם ענין שלעפּט זיך אַזוי לאַנג; הלמאי דער אַנגעשטעלטער רירט זיך ווי אַ בלייענער פויגל. וואָס אַנשטאָט צו טאָן זיין אַרבעט, רעדט ער גאָר מיט זיין חבר. די ווידער פון יענער זייט באַריערע זענען בייז וואָס דאָס פּוב־ליקום איז אַזוי צודרינגלעך, וואָס זיי פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ לאַדע נאַרישקייט, וואָס זייערע דאָקומענטן זענען תמיד נישט אין אָרדענונג און בכלל — וואָס זיי לאָזן נישט אָפּאָטעמען, מיינען אַז דער אַנגעשטעל־טער איז אַ פערד, שטענדיק גרייט צום דינסט פון די פּעטענטן.

און אָט אַזוי קענען זיך מענטשן פון צוויי פּאָזיציעס קיינמאָל נישט צוזאַמענרעדן און קענען קיינמאָל נישט האָבן קיין אָפּשאַצונגס מאָס פאַר איין און דער זעלביקער זאַך. יאָ, מען זאָגט, אַז ערגעץ־ווו איז פאַראַן אַן אָביעקטיווע קריטעריע, אַן אַבסאָלוטער אמת, אָבער ווו איז די קריטעריע? ווו געפינט זיך דער דאָזיקער אמת? אפשר ביי גאָט אין הימל. אָבער גאָט אין הימל איז הויך, אַזוי הויך און אַ חוץ די נביאים הערט קיינער נישט זיינע רייד... און די נביאים שווייגן, ווייל ווען זיי וואָלטן גערעדט, וואָלטן זיי היינטיקע צייטן קיין נביאים נישט געווען, נאָר נאַראָנים, פאַרפאַלענע נאַראָנים...

1965

אײנער אַ מענטש...

פֿאַראַן מענטשן װאָס האָבן אַ טאַלאַנט צו מאַכן באַקאַנטשאַפֿטן. אַזאַ מענטש איז געװען יונה שטרײכהאָלץ. װער עס איז געבענטשט פֿון גאָט מיט דער פֿעיִקײט צו מאָלן, צו זינגען, צו לײזן מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען, יונה שטרײכהאָלץ איז געבענטשט געװאָרן מיט דער גאָב צו שליסן באַקאַנטשאַפֿטן, צו פֿאַרבינדן כלערלײ פֿרײנטשאַפֿטן. אַז יונה פֿלעגט פֿאָרן מיט אַ געװײנלעכן אױטאָבוס, האָט ער „צװישן אַ יאָ און אַ נײן" פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיט זײַן שכן און אױפֿן סוף־שמועס זענען בײדע שױן געװען הײמיש און געװוּסט װעגן זיך אַ װעלט מיט זאַכן. טאָמער זענען אין אױטאָבוס געװען װײניק פּאַסאַזשירן אָדער אַזעלכע װאָס זענען שטומפּיק אױף דער צונג, האָט יונה געשמועסט מיטן שאָפֿער. אַז ער איז אָפּגעפֿאָרן אַ לענגערע שטרעקע איז דער שמועס שױן אַרײַן אין אַזעלכע הױכע גדולות, אַז זײ האָבן זיך אָנגעהױבן דערצײלן זאַכן װאָס געװײנלעך דערצײלט מען זײ נאָר אַלטע באַקאַנטע. בײַ זײַן אָפּשטײַגן פֿון אױטאָבוס, האָט עס שיער נישט געהאַלטן דערבײַ אַז אײנער זאָל פֿאַרבעטן דעם אַנדערן אין שטוב אַרײַן. מען פֿלעגט זיך געזעגענען מיט אַ צערטל װאָרט פֿון גאַסן־סלענג, װאָס דריקט אױס הײמישקײט און מי יודע װיפֿל אינטימקײט: „אַדיע אַלטער" אָדער „אױף גיכן װידערזען, יונגערמאַנטשיק".

יונהן איז נישט געװען קײן חילוק מיט װעמען ער רעדט און עס האָט אים אױך נישט אױסגעמאַכט װעגן װאָס ער רעדט. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ זעקסטן חוש צו דערשפּירן װאָס מען דאַרף מיט אַ געװיסן נײַ־באַגעגנטן מענטשן רעדן און ער האָט תּמיד אַרײַנגעטראָפֿן אין קאַרב פֿון יענעמס פֿאַראינטערעסירונגען. אָט האָט ער מיט אײנעם גערעדט װעגן דעם „פּוטבאָל", מיט אַ צװײטן װעגן פּאָליטיק, מיט אַ דריטן װעגן די הײַנטיקע שװערע צײַטן און מסחר. ער איז געװען באַהאַװנט אין אַלע ענינים און

ער האָט געקענט אָפּשמועסן אַ גאַנצע שעה מיט אַן עלטערער פּרוי וועגן דער היינטיקער יוגנט און זיך דערוויסן אַלע שוועריקייטן וואָס יענע האָט מיט אירע קינדער און אייניקלעך. אַז עס איז געווען נייטיק האָט ער געקענט אונטערהאַלטן אַ געשפּרעך וועגן קלאַסישע און מאָדערנע טענץ, אָדער וועגן דער נייער קאָלעקציע בילדער וואָס דער וואַשינגטאָנער מוזעום האָט איינגעקויפט. אמת ער אַליין האָט קיינמאָל קיין באַלעט נישט געזען און איז אויך קיינמאָל אויף קיין בילדער־אויסשטעלונג נישט געווען, אָבער אַז אַ מענטש לייענט אַ צייטונג איז ער צוביסלעך בקי אין אַ סך אַ סך יאַכן און ער קען וועגן יעדן ענין מיטהאַלטן אַ שמועס. שייך צו זאָגן? אַ מענטש זאָל נאָר רעדן וועגן דעם וואָס ער קען גרינטלעך, וואָלט ער עלף חדשים אין יאָר געדאַרפט אויפהענגען אַ שלאָס אויפן מויל. צ.ט. למשל, איז ער נאָך קיינמאָל נישט געווען אין יאַפּאַן. נו, אָבער וועגן הירּאָשימאַ האָט ער געהערט, געלייענט. די יאַפּאַנישע טראַנזיסטערס קען ער זייער גוט. מיט דעם יאַפּאַנישן קינדער־שפּילצייג האָט ער געהאַט גאָר נאָענט צו טאָן. דאָס אַלץ איז, דאַכט זיך איבערגענוג מען זאָל קענען רעדן וועגן דער יאַפּאַנישער פּראָדוקציע, וועגן דער יאַפּאַנישער פּרעציזקייט, וועגן דער יאַפּאַנישער ביליקער אַרבעטס־קראַפט. און ווי ווייט איז שוין פון די אַלע זאַכן ביז אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם יאַפּאַנעזער בכלל. אַ מענטש וואָס גייט אַמאָל אין קינאָ, לייענט אַ זשורנאַל, הערט ראַדיאָ און זעט טעלעוויזיע קען רעדן אַפילו וועגן גרענלאַנד, כאָטש ער ווייסט נישט גאַנץ גענוי אויף וועלכן מערידיאַן דאָס גרענלאַנד געפינט זיך און וואָס פאַר אַ לשון די איינוווינער רעדן דאָרט.

יונה שטרייכהאָלץ איז, אין מיינע אויגן, געווען אַ גליקלעכער מענטש. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין דאגה מיט געזעלשאַפט. ער האָט געמעגט קומען אויפן פאַרוואָרפנסטן אָרט, האָט ער זיך באַלד אָפּגעזוכט חברים, פריינט: באַלד האָט ער אַלעמען געקענט און אַלע האָבן אים באַלד געקענט. אָט איז ער אַריין אויסטרינקען אַ גלאָז ביר און באַלד האָט ער זיך צערעדט מיטן באַר־מאַן וועגן פאַרשידענע ביר־קוואַליטעטן און דערנאָך אַריבערגעגאַנגען אויף דער באַר־פּרנסה אין אַלגעמיין. ביים מיטיק אין אַ רעסטאָראַן האָט ער זיך פאַנאַנדערגעשמועסט מיט אַ גאַסט ביי אַ דערנעבנדיק טישל און אײדער וואָס און ווען זענען זיי ביידע שוין גע־

ווען פֿאַרוועבט אין די נעצן פֿון בשותּפֿותדיקע באַקאַנטשאַפֿטן, אָדער, לכל הפּחות בשותּפֿותדיקע פֿאַראינטערעסירונגען. אַ סך מאָל האָט זיך מיר געגלוסט צו לאַכן פֿון דער שפּינוועבסדיקער באַזע אויף וועלכער די דאָזיקע נייע באַקאַנטשאַפֿט האָט זיך אויסגעבויט. אָט האָט יונה גע־טראָפֿן אַ מענטש און אַ וואָרט צו אַ וואָרט; דער מענטש איז פֿון קאָרדאָ־באַ. יונה האָט תּיכּף זיך דערמאָנט אַז אין דער שטאָט וווינט דער און דער מעבלפֿאַבריקאַנט ביי וועלכן אַ ווייטער באַקאַנטער האָט אַמאָל גע־קויפֿט זייער גוטע בענקלעך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מענטש פֿון קאָרדאָבאַ וווינט אין גאָר נאָענטער שכנות מיט דעם מעבלפֿאַבריקאַנט און ער קען אַפֿילו דעם אַנפֿירער פֿון זיין פֿאַבריק. דאַכט זיך: אַן אומוויכ־טיקער פּרט, אָבער די ביידע צופֿעליק באַגעגנטע מענטשן האָבן זיך מיט אים אַזוי דערפֿרייט, ווי זיי זאָלן אָפּגעפֿינען אַ בשותּפֿותדיקן פֿעטער וואָס מען ווייסט נישט ווו ער איז פֿאַרשווינדן געוואָרן. אַן אַנדערשמאָל האָט יונה זיך צעשמועסט מיט אַ ניי באַגעגנטן מענטשן און עס האָט זיך, בדרך אגב אַנטפּלעקט, אַז זיי האָבן ביידע געשפּילט אויף אַ לאָטעריע צעטל, וואָס עס האָט געפֿעלט אַ האָר, אַז עס זאָל אויסנעמען דאָס גרויסע גע־ווינס. נאָך אָט דער אַנטדעקונג איז שוין אַוועק אַ שמועס וועגן פֿאַרשיי־דענע טראָפֿן מיט לאָטעריע צעטלעך. יעדעס מאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיט ביידע איז געשען די זעלביקע מעשה: זיי האָבן געשפּילט יאָרן־לאַנג אויף איין נומער און נישט געווינען. איינמאָל האָבן זיי באַשלאָסן צו פּרווון מזל אויף אַן אַנדער נומער און גראָד דעמאָלט האָט דער אַל־טער נומער געמאַכט די גראַנדע. די דאָזיקע מעשיות, אין אַלערליי וואַ־ריאַנטן, האָבן זיך קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. דער שמועס האָט זיך גע־קייטלט און געריגלט און ביידע שמועסער האָבן נישט געוווּסט ווו די צייט איז זיי אַהינגעקומען.

כ׳האָב אַלע מיינע יאָרן געפֿילט אַ שטילע קינאה צו דעם יונה שטרייכ־האַלץ, כ׳האָב געהאַלטן אַז מיט זיין נאַטור און כאַראַקטער איז ווויל צו לעבן אויף דער וועלט. אַזאַ ווי יונה ווייסט קיינמאָל נישט פֿון קיין אומעט, פֿון קיין לאַנגווייל. אומעטום ווו ער קומט איז ער אין דער היים. ער קען אויספֿאָרן אַ גאַנצע וועלט און וועט אין ערגעץ נישט פֿאַרלוירן ווערן. ער איז קיינמאָל נישט אָפּהענגיק פֿון קיין סביבה, ווייל ער גע־

פינט אומעטום זיין געזעמל. אים איז נישט אומעטיק צו פארן אויף א שיף, ער האט נישט קיין דאגה טאמער דארף ער מאכן א נסיעה מיט אן אוויאן. ער וועט זיך אומעטום אפגעפינען זיין קאמפאניע, אין רוים און אין אלטא גראסיא, צווישן יידן סוחרים און צווישן טעקסאסער קאוובויעס. אים איז אפילו דאס לשון קיין שטער נישט. ער רעדט זיך צוזאמען מיט מענטשן אויך אן לשון.

נישט נאר איך — אלע באקאנטע אין אונדזער סביבה האבן געוווסט, אז יונה שטרייכהאלץ איז א מענטש וואס קען די גאנצע וועלט און די גאנצע וועלט קען אים. וועגן וועמען מען זאל נישט רעדן, ווייסט יונה פון אים א שלל מיט זאכן. וועמען מען זאל נישט אנכאפן איז יונה מיט אים אויסגעבונדן, האט מיט אים געהאט עפעס אן עסק, אן איבערלעבע־ניש, א געשיכטע. פון דער אנדערער זייט — מיט וועמען מען האט נישט געזאלט שמועסן האט זיך ארויסגעוויזן, אז יענער קען יונה שטרייכהאלץ. מיט איין ווארט: יונה שטרייכהאלץ איז געווען פון די מענטשן וואס מען זאגט אויף זיי: ידו בכול ויד כול בו.

אז איך פלעג אמאל טראכטן וועגן יונהן האב איך זיך קיינמאל נישט געקענט דערמאנען דעם טאג ווען איך האב אים באקענט. עס האט זיך מיר תמיד אויסגעדאכט, אז איך קען אים שוין אן אייביקייט, א לעבן־לאנג. ביי דעם אלעם האט מיר אפטמאל א בליץ געטאן אין מוח, אז איך ווייס אייגנטלעך וועגן יונהן זייער ווייניק; אפילו נישט דאס מינימאלסטע וואס מען ווייסט געוויינלעך וועגן פארש־יידענע באקאנטע. כ׳האב אמאל א רעד געטאן וועגן יונהן מיט אנדערע באקאנטע, זיינע און מיינע. און עס האט זיך ארויסגעשטעלט, צו אונדזער חידוש. אז מיר אלע ווייסן וועגן אים כמעט ווי גארנישט. צומאל נישט, צי ער איז א משפחה־מענטש, אפילו אויך נישט וואס ס׳איז זיין אייגנטלעכע באשעפטיקונג. מיר זענען געווען געפלעפט פון דער דאזיקער אנטדעקונג און מיר האבן זיך צוגע־זאגט די זאך אויסצופארשן. אבער סוף כל סוף זענען מיר קיינער נישט קיין דעטעקטיוון און יעדער האט זיך זיינע בילכערע דאגות. שליסלעך וואס דארף מען דא חוקר ודורש זיין דאס פריוואטע לעבן פון יונהן? מיר גייען זיך דען מיט אים משדך זיין?

כשאני לעצמי האב אבער יא אנגעהויבן באמערקן, אז פון די אלע

באַקאַנטשאַפטן טרעפן ביי יונהן צייטן ווען ער האָט זיך נישט ווו אהין צו טאָן. ער רעדט חלילה קיינמאָל נישט דערוועגן, אָבער אין געוויסע מאָמענטן קען מען באַמערקן ווו ער ווערט פּלוצים אויף אַ ווייל ווי פּאַר־לאָשן און דעמאָלט דערפילט מען, אַז דער נאָר וואָס געפירטער שמועס, וואָס האָט זיך ערשט געקייקלט אַזוי גרינג און לעבעדיק, ליגט אים אייגנט־לעך אין דער לינקער פּאה און אַז דער מענטש מיט וועלכן ער האָט זיך פאַר אַ רגע ערשט אַרומגעכאַפּט איז אים פרעמד און גייט אים אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. כ׳האָב אויך אויסגעפונען, אַז יונה איז פּאַקטיש מיט אַלע זיינע באַקאַנטע, מיט די וואָס ער האָט ערשט נעכטן באַקענט און מיט די וואָס ער קען שוין לאַנגע יאָרן, אויף דעם זעלביקן גראַד פון היימישקייט און אינטימקייט, מיט קיין איינעם אויף אַ האָר נישט מער ווי מיט דעם אַנדערן. חוץ דעם האָב איך ביי יונהן באַמערקט די זעלביקע אייגנשאַפט ווי ביי אַ שפּיגל: כל זמן איר שטייט פאַר אים, איז ער מיט אייך פול. גייט איר פון אים אַוועק, איז אין אים פון אייך קיין שפור נישט געבליבן. דאָס איז דער הויפּט. די כאַראַקטעריסטיק פון מענטשן, וואָס האָבן אַ סך באַקאַנטע און וואָס דאָס שליסן באַקאַנטשאַפט און פריינטשאַפט קומט זיי אָן גרינג. יאָ, די טבע האָט זיך אירע געזעצן: קוואַנטיטעטן גייען כמעט תמיד אויפן חשבון פון קוואַליטעטן, בכל אופן, אמתע פריינטשאַפט קען קיין שום מענטש נישט עסן, אין קיין פערדישע פאַרציעס.

כ׳האָב אַ פּאָר מאָל געפּרוווט וועגן דעם אַ שמועס־טאָן מיט באַקאַנ־טע, אָבער דעם אמת געזאָגט האָב איך אויף דעם פונקט געליטן אַ דורכ־פאַל. מענטשן האָבן פשוט נישט פאַרשטאַנען חלמאי איך לאָז זיך אַריין אין אַזעלכע גריבלעניש. וואָס איז דאָ פאַראַן אַזויפיל צו טראַכטן? אייניקע איז אַפילו אויסגעקומען פריקרע וואָס איך נעם זיך אַנאַליזירן יונהן מיט אַזאַ פּסיכאָלאָגישן מעסער, דער יונה איז נאָך אַלעמען אַ פריינטלעכער מענטש. טוט קיינעם קיין שום שלעכטס נישט. האָט פאַר יעדן אַן אָנגענעם וואָרט. וואָס דאַרף מען חקירהן ווו דער הונט האָט דעם פּופּיק? אַזעלכע חקירות שמעקן מיט לשון הרע מיט באַרעדעכץ. כ׳ווייס, מען קען אַמאָל זיך אַ ווערטל טאָן אויף יענעמס חשבון, אָבער אַריינקריכן מיט די שטיוול אין זיין נשמה, דאָס איז שוין צופיל.

אַז אַ וועלט זאָגט משוגע, דאַרף מען זיך לאָזן בינדן. אַז אַ וועלט זאָגט שיכור דאַרף מען גיין שלאָפן. און ווייטער האָב איך אַליין אויך אַנדערע זאָרגן אויפן קאָפּ, אַ חוץ די זאָרגן וועגן יונה שטרייכהאָלצן. דערצו איז יונה שטרייכהאָלץ די לעצטע צייט, ווי מען זאָגט, עפּעס ווי פאַרשוווּנדן פון האָריזאָנט. שוין אַ צייט ווי מען זעט אים נישט. נו, מסתם איז ער אַוועקגעפאָרן. עס טרעפט ביי אים. אמת, ס'האָט קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז מען זאָל אים אזאַ לאַנגע צייט נישט זען. אָבער אויף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא. אַזוי האָבן באַשלאָסן אַלע זיינע באַקאַנטע, ווען מען האָט אַמאָל געפּרוּווט אַ רעד טאָן וועגן יונהס נעלם ווערן.

און נון, ווי מען פלעגט שרייבן אין אַלטיידישן לשון, דאָ ענדיקט זיך די מעשה — נישט די מעשה מיט דעם מענטש וואָס הייסט יונה שטרייכהאָלץ. ניין, מיט דעם מענטשן וואָס האָט געהייסן יונה שטרייכהאָלץ, ווייל...

אין אַ געוויסן טאָג איז צו מיר צוגעקומען אַ באַקאַנטער און געזאָגט:

— איך קום נאָר וואָס פון גוטן אָרט, פון אַ לוויה קום איך, ווייסט איר פון וועמענס לוויה? פון יונה שטרייכהאָלצס לוויה. אָט דאָס וואָס איר הערט. יונה שטרייכהאָלץ איז געשטאָרבן און מען האָט אים היינט מקבר געווען.

אַז דער באַקאַנטער האָט דערזען מיין פאַרוווּנדערונג האָט ער צוגעגעבן:

— און ווייסט איר וויפל מענטשן עס זענען געווען אויף יונהס לוויה? נעמט די פינגער און ציילט: צוויי. איך און איינע אַן עלטערע פרוי ביי וועלכע יונה האָט געוווינט און וועלכע איז לעבן אים אַרומגעגאַנגען די גאַנצע צייט וואָס ער איז קראַנק געווען.

דער מענטש האָט ווייטער דערציילט:

— וועגן זיין טויט האָב איך זיך דערוווּסט טאַקע פון דער פרוי, דערוווּסט זיך צופעליק. ווען נישט די פרוי און מיין צופעליקע באַגעגעניש מיט איר, וואָלט קיינער אַפילו נישט געוווּסט אַז ער איז געשטאָרבן.

— וואָס הייסט, האָב איך געשטוינט, ער האָט דאָך געהאַט אַזויפיל פריינט? אַזויפיל באַקאַנטע?

דער ייד האָט נישט געהערט מיינע ווערטער און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— די אַלטע פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז דורך דער גאַנצער צייט פֿון זיין קרענק, האָט קיינער אים נישט באַזוכט. זי האָט אים אַ סך מאָל גע־פרעגט, צי ער האָט נישט עפּעס קיין נאָענטן מענטש וועלכן זי זאָל רופֿן. ער האָט אָבער קיינעם נישט געהייסן רופֿן. אַפֿנים נישט געהאַט וועמען צו רופֿן. קיינעם נישט, אַן עלנטער מענטש געווען.

אין קאָפּ ווי איך האָב שפּעטער איבערגעגעבן די ידיעה וועגן שטרייכ־האַלצס עלנטן סוף, האָבן אַלע באַקאַנטע זיך זייער שטאַרק געחידושט און געשאָקלט מיט די קעפּ. מעשה שטוינונג, אין דער לענג און אין דער ברייט. כ'האָב אָבער נישט געזען, אַז עמיצער זאָל דעם פֿאַרשטאָרבענעם טיף און אויפֿריכטיק באַדויערן. נו, סוף כל סוף וועלן מיר אַלע גיין דעם זעלביקן וועג, האָט איינער געזאָגט און באַשטעלט אַ סאַנדוויטש. אַ צווייטער האָט צוגעגעבן: כ'האָב אָבער שטענדיק געזאָגט, אַז דער יונה איז אַ מאָדנער מענטש, עס איז אין אים געווען עפּעס טונקלס, אומקלאָרס... דאָס האָט געזאָגט גראַד אַזאַ איינער וואָס האָט מיך אַמאָל איידל אויסגעמוסרט פֿאַר מיין נייגעריקייט צו דעם מענטש וואָס האָט געהייסן „יונה שטרייכ־האַלץ" און האָט געהאַט אַ וועלט מיט פּרייבֿט און באַקאַנטע...

1965

אינהאַלט:

I

ליטעראַטור, קונסט און נאָך עפּעס...

ליטעראַטור און מאָראַל 7
תורה און חכמה 14
אַבסורד — די לאָגיק פון משוגעת 19
סעקס און דאָס יידישע וואָרט 24
עראָס און דער יידישער זשורנאַליסט 31
די שרייבערישע פאַנטאַזיע און די רעאַליטעט 38
דער תנ״ך אין משך פון דורות 45
לייענענדיק זכרונות־ביכער 52
וועגן לאַכן און וויינען 60
זוכט נישט קיין שלשלת היוחסין ביי הומאָר 66
ווען זיי וואָלט אונדז געקענט 70
מעשיות פון יאַפּאַנישן פאָלקלאָר 76
פּראָפ. איינשטיין וועגן מאָצאַרטן 82

II

יעדער דור קעמפט מיט זיינע ווינטמילן

אַ מעשה מיט אַ דאַמף־מיל 93
אַ דימיון־שמועס מיט מיין חבר שלמה זלמן 99
אַ נישטיקע פּאַסירונג 105
פּעליעטאָניסטישע מעדיטאַציעס 114

די אבות און די בנים 122
דער יוגנט־קאָמפּלעקס 128
די תאווה צו רעטאָריק 134
ווען שניים אוחזין ב׳אילוזיע 139
דאָס פֿאַנטאַזירן אויף פּאַרויס און אויף צוריק 146
יידיש ווי אַ נאַציאָנאַלער פֿאַקטאָר 153

III

דער מענטש כמו שהוא

משוגענע פּירות אויף אַ לאָגישן בוים 163
די וואָר אין אונדזערע חלומות 170
דער ציניקער און דער פֿאַנאַטיקער 176
אַ מערכה, מען שעמט זיך... 182
די תאווה צו כבוד 189
קשיות אָן תירוצים 196
די שעדלעכקייט צו שפּילן אַן אומנאַטירלעכע ראָל 202
חכמה איז די גרעסטע נאַרישקייט 207
אַן אפּיקורסישער געדאַנק 213
ווען יונתן וואָלט געבליבן לעבן 217
די צוויי זייטן פֿון דער זעלביקער מטבע 223
איינער אַ מענטש 229

ביכער פון זעלביקן מחבר

רויכיקע פֿאַרטאָגן, לידער, לאָדזש 1933

שטילקייטן, לידער, פֿאַרלאַג: אות, לאָדזש, 1938

באַפרייונג, לידער, פֿאַרלאַג: עמעס, מאָסקווע, 1941

אַ שטוב אין שטעטל, פּאָעמע, פֿאַרלאַג: ביכער פֿון יידישן פּען־קלוב, פּאַריז, 1951

(פּרעמירט מיט דער ל. בימקאָ־פּרעמיע פֿון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו יאָרק)

אַ שטוב אין שטעטל, צווייטע אויפֿלאַגע, פֿאַרלאַג: קיום, בוענאָס איירעס, 1963

פֿעטל די בעסער־קענערן, אַ מעשהלע, פֿאַרלאַג: פֿאַר אונדזערע קינדער, פּאַריז 1952

מיט יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד, פֿאַרלאַג: קיום, בוענאָס איירעס, 1959

פּנימער און נעמען, עסייען, פֿאַרלאַג: קיום, בוענאָס איירעס, 1971

(פּרעמירט מיט דער ש. ניגער־פּרעמיע פֿון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע)

אויף יענער זייט וואַנדער, לידער, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב 1974